STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03822

ALE VERK

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק פון שלום עליכם

פערצנטער באַנד

יוסילע סאָלאָוויי

א אידישער ראָמאַן

ווילנע—וואַרשע 1925
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

עס איז שטרענג פאַרבאָטן צו קויפן און פאַר
קויפן דאָס דאָזיקע בוך אין צפון און דרום
אַמעריקע, אין דרום‎אַפריקע און אין ענגלאַנד

Copyright 1917, by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

צוליב דעם פאַרלאַנג פון שלום‎עליכמס יורשים, איז די
אויסגאַבע געדרוקט לויט דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע.

Szolem-Alejchem. T. XIV. „Jejsile Solowej“.

Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie“ B. KLECKINA.

יאָסילע סאָלאָוויי. אַ אידישער ראָמאַן.

געשריבען אין יאָהר 1886

Лучшему другу и вѣрнѣйшему товарищу

О. М.

въ знакъ глубочайшей преданности посвящаетъ

Авторъ.

ליעבער, טייערער פריינד!

מיין צווייטען אידישען ראמאן „יוסילע סאלאוויי“ ברענג איך דיר במתנה היינט, צו דעם טאג פון דיין געבוירען ווערען. איך האף, אז די דאזיגע מתנה וועט ביי דיר אנגעלעגט זיין, נישט דערפאר, וואס איך זאל מיך איינרעדען, אז זי איז מיט אלע מעלות; איך וויים ביי מיר זעהר גוט, אז איך האב נאך נישט אינגאנצען אויסגעפאלגט דעם זיידען רב מענדעלי'ס כלל, אז „א ווערק דארף מען פיילען און פיילען“, — מחמת צוויי טעמים: ראשית, דערלאזט ניט די צייט, מען איז דאך נישט מעהר ווי א זינדיגער מענש, משטיינס געזאגט, און בסך־הכל נאר א האלבער שרייבער, ד. ה. האלב סוחר און האלב שרייבער, ווי געוועהנליך ביי אידען; מע בעדארף אין זינען האבען די וועלט אויך, נישט נאר עולם הבא אליין... והשנית, איז מען דאך טאקי, צווישען אונז רעדענדיג, יונגע לייט, מענשען, וואס האבען קיינמאל קיין צייט ניט, אחשתרנים, אלץ געיאגט, געחאפט, איז איין מורא, מע זאל חלילה ניט פערשפעטיגען... נאר וואס דען? וייל איך רעכען דערויף, וואס דו ווייסט, אז ווי וויים נאר מיין מעגליכקייט איז געווען, האב איך געארבייט און מיט מיין יוסילען מיה געהאט, ביז גאט האט מיר געהאלפען און איך האב איהם דערלעבט צו זעהען, אז ער האט חאטש עפים א פנים פון א לעבעדיגען פארשוין.

נעם זשע צו, ליעבער פריינד, די דאזיגע מתנה מיינע, אזוי ווי זי איז, און לאז זי דיר דיענען צום צייכען, ווי אזוי עס ליעבט דיך און שעצט דיך

דיין בעסטער, אמת געטרייער פריינד,

דער מחבר.

קיעוו, 26 דעצעמבער 1889

I.

יאסילע געהט־אוים זינגען.

אזעלכע אויסבערענגער, ווי די בעלי־בתים פון דער קאלטער שוהל אין מאזעפעווקע, איז שווער צו געפינען אויף דער גאנצער וועלט. „וואס זיי קאסט־אפ א יאהר חזנים — אזוי זאגט מען אין שטאדט — וואס זיי קאסט־אפ א יאהר חזנים, וואלט זיך דאס יעדער געמעגט ווינשען האבען אויף זיין אייגענם“. נעמען נעמט זיך דאס דערפון, וואס די מאזעפעווקער אידען בכלל זענען, ווי עס איז בעוואוסט אויף דער גאנצער וועלט, פון תמיד אן שארפע מבינים אויף נגינה; נאר אזעלכע ליעבהאבער אוף זינגען, ווי די בעלי־בתים פון דער קאלטער שוהל, קריגט מען גאר נישט, מע זאל אויספאהרען וועלטען. קומט־אראפ קיין מאזעפעווקע דער בעריהמטער פיצי — וואו דאווענט ער? אין דער קאלטער שוהל; וואו הערט מען ירוחמ׳ען? אדער ניסי׳ן? אדער מיצי׳ן? — אין דער קאלטער שוהל. עס איז שוין ביי זיי איינגעפיהרט אזוי פון קדמונים, און ס׳איז רעכט, קיינער פרעגט נים קיין קשיות. עס קומט זיי דארט אן שווערליך, ביז זיי קלויבען זיך צו א רעכטען בעל־תפלה, וואס מע זאל פון איהם האבען הנאה און נים שעמען זיך מיט איהם קעגען לייטען. זיי קאכען־אוים גענוג דאס וואסער, ביז דער חזן געפעלט זיי איטליכען בעזונדער און ביז ער טרעפט זיי צו זייער שניט מיט זייער

כאראקטער; נאר קוים האט ער זיי שוין צוגעטראפען, אזוי בלייבט ער שוין ביי זיי א שטענדיגער, איין איביגער, און עס איז שוין פאר איהם גאר קיין בעסערם ניטא אויף דער גאנצער וועלט. אט אזעלכע מינים ברואים זענען זיך די בעלי־בתים פון דער דארטיגער קאלטער שוהל, און אט אזא מין בעל־תפלה איז ביי זיי געוועזן שמואליק יאמפעלער. געהאט האט שמואליק א קול — א „שאגת־ארי“, דאס הייסט, א געמבע פון א לייב, מיט זעהר א שען „פיסטעל“, דאס הייסט, א מין ביי־קול, אויף וועלכען ער פלעגט זיך בריה׳ש פערקאטשען. „מיט זיין ממקומך — אזוי האט מען אויף איהם געזאגט — לאזט זיך אוים די וועלט; דעם ממקומך האט ער גענאשט פונ׳ם קרוטיער“... אויך האט שמואליק געהאט א רייבען האלז און איז געוועזן א פיינער בעל־עברי; זיין „זאגען“ איז געוועזן גאלד מיט זילבער... „וועז, אשטיינער, אונזער שמואליק — אזוי האבען אויף איהם געזאגט די בעלי־בתים פון דער קאלטער שוהל — וועז, למשל, אונזער שמואליק זאל שטודיערען אויף נאטען, וואלט ער נשוים אריבער־געפוצעוועט פיצי׳ן און מיצי׳ן און ירוחמ׳ען מיט אלע היינטיגע וועלט־חזנים! אונזער שמואליק, אבי ער וויל נאר, קאן ער נאך היינט אויך אוועקלעגען מיט איין כתר׳על זיינם, מיט איין וואלעכעל א רעכטם, די אלע היינטיגע נייע בריה׳ם מיט זייער גאנצען כאהר דארטען!“... ימים נוראים פלעגט שמואליק דאווגען מיט משוררים; איהם פלעגט אונטערהעלפען טאקי זיין זוהנדעל יוסילע, אויף א פייפעדיג קול׳כעל, און נאך צוויי משוררים: איינער א באס און דער אנדערער א שרייער — און גענוג; דאס איבעריגע האט שוין שמואליק אליין אויסגעארבייט מיט זיין אייגענעם „געבענטשטען“ האלז. די „שטיקלעך“, וואס שמואליק פלעגט אויף יעדען יום־טוב „אויסשטעלען“, האט מען נאכדעם אין דער שטאדט געזונגען א גאנץ יאהר כסדר; דאס הייסט, ניט מע האט זיך צונויפגעקליבען ערגיץ אין איין ארט אויף צו זינגען, — דערויף איז קיין צייט ניטא און ס׳איז עפים

גאָר נישט אַזוי אויפגעלעגט אויפ'ן האַרצען, אַז מע זאָל זיך פּלוצים אַנידערזעצען זינגען; נאָר יעדער בעזונדער פאַר זיך, ביי זיין טיש, אָדער אפילו אין גאַס געהענדיג, האָט זיך שטילערהייד איבערגעזונגען די אַלע „שטיקלעך", וואָס שמואליק האָט בעשאַפען. פון קיין גאַטען, ווי אויבען איז געשטאַנען, האָט שמואליק נישט געוואוסט, דאָס הייסט, ער האָט געהערט, אַז ס'איז דאָ חזנים, וואָס זינגען פון נאָטען, נאָר געזעהען האָט ער דאָס נאָר איין מאָל אויף זיין לעבען. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען פּ י צ י איז דורכגעפאָהרען איבער מאַזעפּעווקע מיט זיינע אַכטצעהן משוררים. שמואליק האָט געהערט אַ סך חזנים אויף זיין לעבען, נאָר אַלע האָבען זיי געזונגען אויפ'ן אַלטען שטייגער, דאָס הייסט, אָדער איין „אויסגעשטעלטע" זאַך, אָדער גאָר „פונ'ם קאָפּ". מע בעדאַרף ניט מעהר ווי דער פּ אַ ר ע צ ע ר חזן איז געווען גרויס, האָט איהם שמואליק געהערט דאַוונען אַ מוספ'על ביי'ם רבי'ן, און דוקא אָהן נאָטען, וועט ער דעם טעם געדענקען ווייל ער וועט לעבען. נאָר אַז פּ י צ י איז אַראָפּגעפאָהרען מיט זיינע אַכטצעהן משוררים קיין מאַזעפּעווקע, האָט שמואליק דאָס ערשטע מאָל דערהערט, ווי מע דאַוועגט מיט נאָטען; ער איז פון פּ י צ י ' ס דאַוונען אַזוי אַנטציקט געוואָרען, אַז ער איז געבליבען צוגעקאָוועט צום אָרט. „אָט ד אָ ס הייסט נאָטען! נ אָ ט ע ן ! ! "... דעם גאַנצען שבת איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ טוידטער, זיך גאָר נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. „אָט וואָס הייסט נאָטען!" — ער האָט קוים דערלעבט דעם שבת־צו־נאַכטס, ער האָט אָפּגעמאַכט הבדלה און האָט געזאָגט צו זעלדען זיין ווייב, אַז ער וועט דאָס גאָר ניט אויסהאַלטען; ער מוז זיך דורכגעהן צו רב שבתי'ן אויף דער אַכסניה זיך זעהען מיט דעם דאָזיגען פּ י צ י ' ן און זיך דורכשמועסען מיט איהם פנים אל פנים. אָפּזאָגענדיג די אליהוס, האָט זיך שמואליק אונטערגעגאַרטעלט, גענומען מיט זיך זיין יוסילען און איז זיך דורכגעגאַנגען מיט איהם צו רב שבתי'ן אויף דער אַכסניה. שמועסענדיג מיט פּ י צ י ' ן פון ענין החזנות,

האָט איהם שמואליק געבעטען, ער זאָל זיך מטריח זיין „זאָגען“ איהם עפּים אַ שטיקעל פון נאָטען און קלאָר מאַכען דעם ענין אַקוראַט. לכתחילה האָט איהם פּיצי אויסגעלאַכט, געטריבען מיט איהם קאָטאָוועס; נאָר בעטראַכטענדיג שמואליק'ס עהרליך נאַאיווו פּנים און אויספּרובענדיג די שטימע זיינע, האָט זיך אין פּיצי'ן צעבּרענט דער חזן, און ער האָט איהם פירגעזאָגט עטליכע שטיקלעך פון זולצער'ס סדור מיט אַלע זיינע אַבּטצעהן משוררים. שמואליק איז אַרויס פון די כלים, און עס האָבען זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען. „וואָס איז שייך? אַט היינט זעה איך ערשט אַרויס, רב פּיצי, וואָס פאַר אַ מין קאַליקע, וואָס פאַר אַ דער־רוח־ווייסט־וואָס איך בין!“ — האָט שמואליק געזאָגט בתמימות און האָט איהם אַ וויין געטהאָן אויף זיין יוסילען. „זעהט איהר, רב פּיצי, אַט דעם קליינעם? ס'איז מיינער, מיין זוהן הייסט דאָס; איהר מעגט איהם האָרכען“. פּיצי האָט אויסגעפּרובט יוסילען, און זיין שטימע איז איהם זעהר געפעלען. שמואליק האָט אַליין פון פּיצי'ס מויל געהערט, „אַז דאָס קינד איז אַ כלי שלמה, אַז ער האָט זעהר אַ שענע „שאָפּראַנע“, און מיט דער צייט, ער זאָל זיך אויסאַרבּייטען, קאָן ער ווערען אַ לייט“... די דאָזיגע ווערטער זענען שמואליק'ען אַריין אין נאָז אַריין, און פון יענער צייט אָן האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטען: „וואָס טהוט מען מיט יוסילען? מילא, איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער, וואָס איז שייך, איך וועל שוין שטאַרבּען אַ קאַליקע; אָבּער מיין יוסילע? לאָז ער מיר נאָר אונטערוואַכסען, אָנהויבּען צו לעגען תפילין, אם ירצה השם, וועל איך איהם אָוועקגעבען צו אַ גרויסען חזן, צו פּיצי'ן אָדער צו מיצי'ן, אָדער גאָר צו ירוחמ'ען, אם ירצה השם, מיט גאָט'ס הילף“... עס האָט זיך איהם פון דעמאָלט אָן כסדר פאָרגעשטעלט, אַז יוסילע בעדאַרף זיין אַמאָל אַ בעריהמטער, אַ וועלט־חזן, אַזוי ווי פּיצי, און אפשר טאַקי אַזוי ווי ניסי — פאַר וואָס ניט? וואָס איז? מיר האָבען דען ניט געזעהען, ווי

אזוי פון א יונגעל א שנעק וואכסט נאכדעם אויס א מענש, וואס א מענש הייסט?

— יאָסילע, — רופט זיך אָן שמואליק צו זיין זוהנדעל, בשעת יענער קומט פון חדר פערפלאמט און דאס קאשקעטעל איז איהם אויף דער זייט, — יאָסילע, דו ווילסט זיין א וועלט־חזן, דו שקאץ איינער?

יאָסילע בלייבט שטעהן פערטראכט, און די אויגלעך גלאנצען איהם. א שאלה, אויב עס ווילט זיך איהם זיין א וועלט־חזן? נאך פון קינדוויז אָן איז זיין השגה געווען צו זיין א חזן; קיין גרעסערס און שענערס דערפון האט זיך יאָסילע גאר ניט געקאָנט פאָרשטעלען. און זינט ער האט געהערט פּיצי'ן דאווענען, איז אין איהם דער חשק צו זיין א חזן געוואָרען נאך גרעסער. דאס דאווענען אין מאזעפּעווקע פון פּיצי'ן מיט זיינע אכטצעהן משוררים האט אָנגעמאכט ביי יאָסילען אין הארצען, גלייך ווי ביי שמואליק'ען, א גאנץ איבערקעהרעניש. אין דער צייט ווען שמואליק איז געווען פערנומען מיט פּיצי'ן, האט זיך דער־ווייל יאָסילע צונויפגעסקאמפּאניעט מיט פּיצי'ס קליינע משוררים'לעך, פון וועלכע ער איז געוואהר געוואָרען א סך זאכען: ראשית, האבען זיי איהם דערצעהלט, אז זיי פאָהרען־אויס די גאנצע וועלט, און וואוהין זיי קומען, פאָהרט מען זיי ארויס אקעגען מיט גרויס פאראד, עס קעהרט זיך די וועלט; מע טראָגט זיי ארום אויף די הענד, מען איז זיי אומעטום מכבד פונ'ם שענסטען און פונ'ם בעסטען — הכלל, עס איז א לעבען, אויף אלע אידען געזאגט געוואָרען!... בעטראכטענדיג די דאזיגע זינ־גערלעך מיט זייערע שענע שווארצע קאפּאָטקעלעך און מיט זייערע קיילעכיגע סאמעטענע היטעלעך, האט זיי יאָסילע באמת מקנא געווען; יאָסילע האט זיי מקנא געווען נישט אזוי אויף זייערע קאפּאָטקעלעך מיט די היטעלעך, ווי אויף זייער זינגען ביי'ם עמוד מיט פּיצי'ן. ער וואָלט זיך געשעצט גליקליך, ווען ער זאל

זיך, ווי זיי, אַ משורר ביי פּיצי'ן. „ווי דערלעב איך שוין מיין בר-מצוה!" — האָט זיך יוסילע געקלערט, און יענע גליקליכע זינגערלעך זענען איהם ניט אַרויסגעקראָכען פון'ם קאָפּ אפילו אויף אַ מינוט. זיצענדיג ביי'ם חומש, פלעגט ער ניט איין מאָל חאַפּען אַ מיאוס'ען פּסק פון'ם רבי'ן פאַר זיין טבע פערטראַכטען זיך בשעת לערנען. „אַ יונגעל זאָל נאָר אין זינען האָבען פויגעלעך, מלאכים, בשעת מע לערענט!" — פלעגט דער רבי אויף איהם זאָגען. דאָס לערנען און דער חדר זענען געווען פאַר יוסילען אַ משא כבדה, און וויבאַלד ער האָט נאָר געהאַט אַ פרייע מינוט, פלעגט ער זיך קאַטשען אויפ'ן העלזעל, נאָכמאַכען פּיצי'ס טענאָר, צעפּרומקען זיך אויף דער גראָבער סטרונע, ווי פּיצי'ס באַס, און רייסען זיך אויף די גלייכע ווענד. ביי זיך אין האַלז האָט ער געפיהלט, ווי עס קיצעלט איהם תמיד און עס ווערגט איהם עפּיס אינוועניג; ער האָט געפיהלט, אַז ווען ער זאָל זיך קאָנען גוט אויסשרייען, אויסזינגען, וואָלט איהם צוגעקומען אַ שטיק געזונד.

II.

שמואליק דער חזן דערצעהלט מעשיות פון חזנים, און יוסילע לעגט-צו קאָפּ.

די וועלט, וואו יוסילע האָט זיך געפונען קינדערווייז, איז געווען פול מיט זינגען און מיט חזנים. פון קינדערווייז אָן האָט ער זיך אָנגעהערט ביי שמואליק'ען אין שטוב פערשיעדענע מעשיות פון וועלט-חזנים, וואָס האָבען זיך קונה שם געווען מיט זייער זינגען, און זייער נאָמען איז נאָכדעם פערבליבען אויף אייביג צווישען אידען. די דאָזיגע מעשיות ווענען הערשעלע דאָס יונ-

גנלע, וועגן דעם ווילנער בעל־הבית׳על, וועגן ארקע פיעדעלע, וכדומה, האבען איהם נישט געלאזט צו־רוה, און ער פלעגט טראכטען וועגן זיי טאג און נאכט. יוסילע פלעגט זיך פארשטעלען, אז ער איז אליין הערשעלע דאס יונגעלע, וואס האט צו עלף יאהר אנגעטהאן א טלית׳על, געדאוועגט ביי׳ם עמוד און מרעיש עולם געווען. אז ער פלעגט אמאל בלייבען איינער אליין אין שטוב, פלעגט ער זיך אנטהון אינ׳ם טאטענ׳ס טלית, אוועקשטעלען זיך ביי דער וואנד און, מאכענדיג מיט די הענד, פראווען חזנ׳ישע שטיק, זיך רייסען אויף קולות, זינגען און „מתפלל זיין“, קאטשענדיג זיך אויפ׳ן האלז. שמואליק האט איהם אמאל געטראפען אין אזא מין אופן, האט ער איהם גוט מכבד געווען, דעם שקאץ, און אפגעשיקט אין חדר אריין, ווי געוועהנליך. יוסילע אבער האט צום חדר ווינציג־וואס חשק געהאט, און דער רבי האט מיט איהם געהאט צו זינגען און צו זאגען. ער האט ניט פערשטאנען, וואס הייסט דאס: א יונגעל זאל זיין שטענדיג פערטראכט און דער קאפ זאל איהם ליגען ווייס איך וואו? יוסילע׳ס גרעסטער פערגעניגען נאך אלס פיצעל־קינד איז געווען, אז עס איז געקומען די צייט פאר ימים נוראים, ווען שמואליק פלעגט זיך בעדארפען פארטיג מאכען צום דאווגען און א וואך זעכס פאר ראש־השנה איבערזינגען אלע שטיקלעך מיט זיינע משוררים, — אין יענער צייט פלעגט יוסילע׳ס נשמה זיין אויפ׳ן הימעל. ער האט קוים דערלעבט די גליקליכע מינוט, וואס דער רבי לאזט די קינדער אהיים עסען, און פלעגט סוטען צו לויפען, אפהאפען דארט, ווי עס איז, דעם וואָרמעס, זיך פעררוקען אין א ווינקעלע און צוהערען, ווי דער טאטע צעגעהט זיך אויף א זיס קול, צענעמענדיג מיט ביידע הענד מיט א געבעט, און זאגט: „אוי־וועה — אוי־וועה — אוי־וועה!“... און די משוררים חאפען איהם אונטער: „אטונענעם דעי — עי — עי!“... גליקליך איז יוסילע געווען, אז קיינער האט איהם ניט בעמערקט און ער האט געקאנט אוועקזיצען אזוי אין א ווינקעלע און אויסהערען

דאָס גאַנצע דאַווענען ביז דער „עבודה“. בעסער פון אַלץ האָט יוסילע ליעב געהאַט הערען די מעשיות, וואָס דער טאַטע פלעגט דערצעהלען פאַר זיינע משוררים פון בעריהמטע וועלט־חזנים, ווי אַזוי זיי האָבען זיך געמאַכט אַ נאָמען אויף דער וועלט. עס איז איהם זעהר געפעלען די מעשה, ווי אַזוי פּיצי איז געוואָרען חזן. „פון באַרדיטשעוו שטאַמט ער אַרוים — אַזוי האָט שמואליק דערצעהלט וועגען פּיצי דעם וועלט־חזן — פון באַרדיטשעוו, פון אונטער דער גרעבלי; זיין טאַטע איז געווען אַ שמש. נאָך יונגעלווייז האָט פּיצי אַרויסגעוויזען, אַז ער איז אַ כלי. פריהער איז ער געווען אַ משורר'על ביי אַ חזן, נאָכדעם האָט ער פאַרלאָרען די שטימע, האָט מען איהם אָפּגעגעבען צו אַ גאָלד־שמיעד; נאָר מחמת ער האָט זעהר ליעב געהאַט דאָס זינגען, האָט ער זיך שטענדיג געריבען צווישען חזנים און צווישען כלי־זמר. ער איז געווען וואָס איהר ווילט: ער איז געווען אַ פּייקלער, געגאַנגען מיט די טאַצען און איז שוין געווען, זאָגט מען, אַ וואַסערפיהרער אויך, ביז ער האָט זיך באַגעגענט מיט'ן גרויסען רב צלאל'ען; האָט איהם רב צלאל געזאָגט: „וואָס איז שייך, דו נאַר, צו וואָס טויג דיר זיין אַ וואַסערפיהרער? דו האָסט אַ שענערע כלי — אַ האַלז!“... בקיצור, ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין לעמבעריג און איז געקומען פון דאָרטען מיט אַ נאָמען און מיט אַ כבוד, הלואי אויף מיין יוסילען געזאָגט געוואָרען חאָטש האַלב, רבונו־של־עולם!“... דערהערענדיג פונ'ם טאַטען אַזעלכע ווערטער, איז ביי יוסילען שיער דאָס האַרץ נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר שמחה; ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז מע שיקט איהם אויך קיין לעמבעריג, און ער קומט אויך פון דאָרטען מיט אַזאַ נאָמען און מיט אַזאַ כבוד, ווי פּיצי... שמואליק האָט געהאַט מעשיות פון חזנים לרוב, איינע שענער פון דער אַנדערער. ער האָט געוואוסט איטליכען בעזונדער פונ'ם שורש. „למאי באַכמאַן? — האָט שמואליק געזאָגט צו זיינע משוררים — למאי באַכמאַן? וואָס איז שייך? דער גרויסער

באַכמאַן! וואָס איז ער געווען פריהער? פאַהרט אריין קיין קעשעניעוו, וועט מען אייך דערצעהלען. וואָס דען מיינט איהר? מע שטעהט אויף פּלוצים אין דער פריה און מע ווערד אַ באַכ־מאַן, אַ פּיצי, אַ ניסי? נאָר איין סענדער מי־רער איז געווען אַ איד אַ נגיד, אַ גביר, און האָט געזונגען נאָר פון כבוד וועגען; אָט דאָס איז זיין „יראו עינינו", וואָס איך זינג איהם. ס'איז דאָ, ס'איז פאַרהאַן חזנים גרויסע היינט אויך; ס'איז פאַרהאַן אַ ניסי בעלזער, אַ חזקאל'ע, אַ פּיצי, איין אלי־דוד טשערניגעווער, אַ שקו־דער חזן, — וואָס איז שייך? און נאָך חזנים לרוב. נאָר אַזעלכע חזנים, ווי אַמאָל זענען געווען, געפינט מען שוין היינט ניט. כדומה למשל, וואו געפינט איהר היינט אַזאַ חזן, ווי אַרקע פּיעדעלע דער וויטעבסקער איז געוועזען, וואָס די וועלט פלעגט פאַהרען הערען זיין שטימע, וואָס איז געווען אַ פּיעדעלע, ניט קיין שטימע? צי, אַשטייגער, וואו קריגט איהר היינט אַזאַ מין קאַנאַריק, וואָס זאָל האָבען אַ מתנה פונ'ם קיסר פראַנץ־יוסף אליין? צי, אַשטייגער, וואו נעמט איהר היינט אַזאַ רב דוד חמעלניקער מיט זיינע דריי זיהן? ער איז דאָך באמת געווען לפני מלכים יתיצב, געמעגט זינגען פאַר'ן מלך אליין! ער פלעגט זיך אָנטאָן זיידענע ... אוועקשטעלען זינגען טרוילערש, און דוקא מיט אַ לאַנגען טלית־קטן, און דוקא מיט אַ צילינדער אויפ'ן קאָפּ, אַז ס'איז געווען מחיה נפשות! צי, אַשטייגער, איהר האָט היינט אַזאַ מין חזן, ווי דער קראָטאָטער חזן, טאַקי דעם גרויסען ניסי'ס אַ זיידע? צי, למשל, רב אברהם חסיד פון לעמבעריג, וואָס איז געווען איין שטשאַגאָל אין דער וועלט? צי קאַשטאַן מיט זיין ודוי, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר'ן טוידט? צי, אַשטייגער, אַזאַ מין, ווי דער ווילנער בעל־הבית'על, ווי מע האָט איהם גערופען? וואו הערט מען נאָר היינט אַזוינס? וואָס איז שייך, מסתמא האָט איהר דאָך געהערט די מעשה מיט'ן ווילנער בעל־הבית'על? ס'איז אַ

שענע מעשה, איהר מעגט דאָס אויסהערען. געדופען האָט מען איהם יואל-דוד, ער איז געוועזן אַ פּאַרשוין, אַז ס'האָט זיך אויסגעלאָזט די וועלט, און אַ כלי האָט ער געהאַט — שמועסט מען ניט: איהר קאָנט פאַרשטעהן, אַז צו עלף יאָהר האָט ער גע-דאַוונט ימים נוראים פאַר'ן עמוד. זיין נאָמען איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געגרויכט ביז צום גראַף, און דעם גראַף האָט זיך פאַרוואָלט הערען, וואָס פילדערט דאָרטען אַזוי דער עולם? האָט ער איהם מסתמא געשיקט רופען. יואל-דוד איז אריינ-געקומען צום גראַף דוקא מיט אַ יאַרמעלקע אויפ'ן קאָפּ. דאָרט זענען געוועזן פיעל גרויסע לייט, שררות. דאָס בעל-הבית'על האָט זיך תחילת שטאַרק פאַרשעמט פאַר אַזאַ עולם און אַ ביסעל דערשראָקען אויך; נאָר ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט'ן פּנים צום וואַנט און האָט אָנגעהויבען צו באַווייזען זיינע קונצען, „שטעלען אַ האַלז" און אַרויסבאַווייזען גרוסע בריה'שאַפטען, ווי ער האָט געקאָנט. איהם האָט איינער אונטערגעהאַלט-ן אויפ'ן פּיעדעל, און דער גאַנצער עולם איז געבליבען ווי פאַרגאַפט, גאָר נישט וויסענדיג, וועלכעס איז האַלז און וועלכעס איז פּיעדעל. — אַזאַ לויטערע שטימע האָט יואל-דוד געהאַט און אַזוי הויך פלעגט ער מיט איהר נעמען און דערלאַנגען, טאַקי נאָר „ביז'ן גיבעל", ווי מע זאָגט. שוין צום סוף כמעט האָט ביי דער פּיעדעל געפּלאַצט די קווינטע, און מע האָט באַדאַרפט אויסלאָזען אַ זאַך אויף דער דינסטער אָקטאַווע. וואָס-זשע מיינט איהר? איז זיך מיישב מיין בעל-הבית'על און נעמט-אָן, וואָס איז שייך, מיט'ן האַלז פּונקט אַט דאָס, וואָס מע קאָן דערלאַנגען נאָר מיט אַ פּיעדעל, און האָט נאָך דערביי אָוועקגעמאַכט עטליכע קונצען, ווי אַ סאָלאָווייטשיק, און אַז ער האָט אויסגעלאָזט, האָט זיך שוין דער גראַף ניט געקאָנט איינהאַלטען: ער איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם אַ קוש געטהאָן אין שטערן. דער גראַף איז געוועזן זעהר אַ גוטער מענש, נאָר זי, די גראַפיניע ימח שמה, איז געוועזן זעהר אַ גרויסע מרשעת און האָט פיינט געהאַט אַ

אידען, ווי איהר קאנט זיך פארשטעלען. אז דאס בעל־הבית'על איז אריינגעקומען מיט'ן יארמעלקע אויפ'ן קאפ, איז זי געווען אזוי אין כעס, אז זי איז גרייט געווען איהם דעם קאפ אראפצונעמען. נאר אז ער האט אנגעהויבען צו זינגען, איז זי באלד אפהענטיג געווארען און איז נאכדעם צוגעגאנגען צו איהם, איהם אנגענומען פאר דער האנט און איהם געדאנקט עטליכע מאל פאר זיין זינגען, געפרעגט איהם, ווי אזוי ער הייסט און וויפיעל ער איז אלט? יואל־דוד האט איהר דערויף אלסדינג גע־ענטפערט, נישט קוקענדיג איהר אין פנים אריין, מחמת זי איז געווען א זעלטענע פארשוין. זי אבער האט אויף איהם יא געקוקט, האט זיך לאנג געשפיעגעלט אין זיין פנים, איהם נישט אפגעלאזט פון זיך בשום אופן, אלץ געקוקט אויף איהם און געקוועטשט איהם די האנט, איהם געדאנקט. אויפ'ן אנדערען טאג, וואס איז שייך, קומט א שליח ווידער פונ'ם גראף און רופט איהם אין פאלאץ אריין גאר אהן א שום תירוץ. וואס טהוט מען? סע העלפט אבער נישט; אז דער גראף רופט, קאן מען קיין דבר־אחר נישט זיין און מע מוז געהן. צום סוף לאזט זיך אויס א מעשה — ווער־וואס? דער גראף איז גאר נישט געווען אין דער היים, נאר זי, די גראפיניע ימח שמה; זי איז ארויסגעגאנגען אקעגען יואל־דודע'ען מיט זייגע משוררים איין אויסגעסטראצעלטע, באהאנ־גען מיט גאלד און מיט דימענטען פון קאפ ביז די פיס, און דערלאנגט איהם די האנט מיט זעהר א פריינדליכער מינע, גלייך ווי זי וואלט שוין געווען מיט איהם באקאנט מי יודע פון ווען אן. די משוררים האט זי געבעטען מחילה, זיי זאלען צו־ווארטען א ווייל־ע אין זאל, און איהם האט זי אריינגעפיהרט צו זיך אין איהר חדר אריין, אנידערגעזעצט איהם אויף א טייערען סאמעטענעם דיוואן, מכבד געווען איהם, וואס איז שייך, מיט זיסע שפייזען און מיט טייערען פראנצוויין אויף גילדענע כלים. ער האט זיך פון די זיסע שפייזען אפגעזאגט, און דעם ויין, געוועהנליך, נישט געוואלט טרינקען בשום אופן; וויפיעל זי האט איהם נישט געבעטען, עס

האָט איהר נישט געהאָלפען. אַז די גראַפיניע ימח שמה האָט דערזעהען, אַז ס'איז שלעכט, האָט זי איהם אָנגעכאַפּט ביי דער קאַפּאָטע, אַזוי ווי פּוטיפרע האָט אָנגעכאַפּט אַמאָל יוסף הצדיק... און יואל דוד איז אַנטלאָפען פון דאָרט קוים מיט'ן לעבען. פון דעמאָלט אָן, דערצעהלט מען, איז זי געוואָרען נאָך מעהר מרשעת. און אַז זי האָט דערזעהען אַ אידען, פלעגט זי ווערען, וואָס איז שייך, אָנגעצונדען און האָט אַרויפגעפיהרט דעם גראַף אויך, ער זאָל ווערען אַ שונא־ישראל. און מיט'ן בעל־הבית'על האָט זי זיך אָפגערעכענט אויף אַיין אַנדער אופן. עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע לייט, טאַקי צווישען אונזערע אידעלעך, וואָס האָבען פאַר געלט אַוועקגעקוילעט אַ מענשען; וואָס, מיינט איהר, האָבען זיי געטהאָן? זיי האָבען איהם אַיינגעגעבען אַזאַ געטראַנק און האָבען איהם אָפגע'סמ'ט די שטימע. דאָס בעל־הבית'על נעבאַך, וויבאַלד ער איז געבליבען אָהן אַ קול, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ שרעקליכער מרה־שחורה און איז געוואָרען, וואָס איז שייך, אויף אַלע שונאים. ער האָט זיך נאָכדעם אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט, אָפּגעריסען, אָפּגעשליסען, נישט רעדענדיג צו קיינעם אַ וואָרט. אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דער סוף פונ'ם ווילנער בעל־הבית'על, און אַלץ איבער איהר, ימח שמה!"...

ביי יוסילען אין הארצען האָבען די מעשיות אָנגעמאַכט אַ גאַנצע חתונה: „בעל־הבית'על", „פיעדעלע", „קאַנאַריק", „גראַפיניע", „פּוטיפרע", וכדומה אַזעלכע בילדער, זענען איהם נישט אַרויס פון קאָפּ, און דאָס האַרץ האָט איהם כסדר געצויגען אַהין, צו פיצי'ן, צו ניסי'ן, צו ירוחמ'ען! עס איז איהם שוין געגאַנגען דאָס צעהנטע יאָהר. נאָך אַ יאָהר, נאָך אַ יאָהר ווערד ער בר־מצוה, און דער טאַטע שיקט איהם אָפּ אַהינצו. די גאַנצע וועלט איז פאַר איהם פול געווען מיט פערשיעדענע קולות און געזאַנגען. חזנים און משוררים זענען איהם קיינמאָל פון קאָפּ נישט אַרויסגעקראָכען, און אין דער צייט, ווען דער רבי

האָט געהאַרעוועט איבער איהם מיט נאָך תּלמידים אויף דער גמרא, — דעמאָלט פלעגט זיך יאָסילע גאָר פאַרגעסען אָן דעם רבּי'ן מיט דער גמרא, און עס פלעגט זיך ביי איהם אָפטמאָל אַרויסרייסען פונ'ם האַלז אַ קוויטשעל, אַ פייף אָדער אַזוי אַ משונה'דיג קול, ווי אַ קרעה פון אַ האָהן, גאָר אַליין נישט וויסענדיג ווי אַרום. דערביי פלעגט איהם, געוועהנליך, דער רבּי אַראָפּלאָזען אַ שענעם פּאַטש: „דאַרטען, מיט'ן טאַטען ביי'ם עמוד, וועסט דו קרעהען, ניט דאָ!"...

ביי'ם עמוד האָט יאָסילע אונטערגעהאָלפען דעם טאַטען נאָר ימים נוראים, און דאָס איז פאַר איהם געווען דאָס בעסטע שטיקעל צייט: ערשטענס, וואָס מע האָט איהם אָפּגענומען פונ'ם חדר פריהער מיט אַ חודש, און צווייטענס — דאָס זינגען: דאָס זינגען איז ביי איהם געווען זעהר טייער. דאָרטען, ביי'ם עמוד, האָט ער שוין פאַר קיין פּעטש קיין מורא ניט געהאַט; דאָס העלזעל איז איהם געווען פריי, און ער האָט זיך געקאָנט אָנשרייען וויפיעל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. אינאיינעם מיט שמואליק'ס האַלז האָט זיך ימים נוראים ביי'ם עמוד געלאָזט הערען אויך יאָסילע'ס פייפענדיג קול'כעל, און דער עולם האָט אָנגעקוואָלען פון זיי ביידען. מבינים האָבען אויף איהם געזאָגט, אַז ער וועט זיין אַ כלי שלמה און וועט אַמאָל אַריבערגעהן דעם טאַטען זיינעם. שמואליק אָבער האָט דערפון געהאַט ווינציג־וואָס נחת; עס איז איהם נישט איינגעגאַנגען דער כבוד, זעהענדיג, אַז יאָסילע וואַכסט אין שטויבער אריין, און ער קאָן איהם גאָר נישט העלפען. שמואליק דער חזן, האָטש ער איז געווען אין שטאָדט זעהר אָנגענומען, פון דעסטוועגען האָט דאָס איהם נישט בעשאַדט צו זיין אַ קבצן, ווי אַלע מאַזעפּעווקער כלי־קודש, וואָס בעדאַרפען אַרויסקוקען אויף די דאָרטיגע הכנסות. משטיינס געזאָגט, אין מאַזעפּעווקע, ווי עס איז בעוואוסט, איז דאָס שכירות פון חזנים, שמשים, שוחטים, רבנים עפּיס נישט אַזוי גרויס. דער דאָזיגער עולם זאָלען דאַרפען אַרויסקוקען אויף דאָס שכירות אַליין,

וואָלטען זיי געמעגט, ווי מע זאָגט, פּערוואָרפֿען די צייהן אויף די באַנטענעס; דער עיקר איז ביי זיי די הכנסה, די זייטיגע הכנסות, דאָס קערבעל, וואָס פֿאַלט־אַריין מן הצד. די דאָזיגע זייטיגע הכנסות דאָס זענען: די „שיסעל“, וואָס מע שטעלט ערב יום כפור אין שוהל, דאָס „חנוכה־געלד“, דאָס „פּורים'דיגע שלח־מנות“, דער „בע־ע־עבור“ אויף אַלע שמחות, וכדומה. שמואליק דער חזן מעג זיך האָבען אַ זעלטענעם האַלז און אויסשטעלען אַ זאַך, ווי ניסי, ווי פּיצי, און אפילו ווי ירוחם הקטן, נאָר אַז עס קומט חנוכה, מעג ער זיך, נישקשה, נעמען אַ שטעקען מיט'ן לאַמטערן און אַרויסגעהן אַ ביסעל איבער דער שטאָדט, ווינשעווען יעדען בעזונדער „דערלעבען איבער אַ יאָהר“ און נעמען... אַ נדבה. אויך פּורים מעג איהם אָנשטעהן נעמען אַ שאַל, אַריינלעגען אַהינצו אַ צוקער־לעקאַכעל מיט אַ שטיקעל פּלאָדען און אַרומשיקען פֿון איין בעל־הבית צום אַנדערען און נעמען פֿאַר דעם דאָזיגען שלח־מנות... אַ נדבה.

III.

ווי אַזוי שמואליק בעקענט זיך מיט זיין שכנה זלאַטע די צעלניקערין, און זייערע קינדער — צווישען זיך.

האָבען איין אייגענע שטוב האָט אין מאַזעפּעווקע נישט קיין קליינע ווערטה; אַ נחלה, אַ לאַך, אַ זעמליאַנקע — אַבי ס'איז אייגענס, און מע בעדאַרף נישט אָנקומען צו יענעם, קריכען אין שכנות אַריין. זלאַטע די צעלניקערין האָט זיך געהאַט איהר אייגען שטיבעל, אפילו נישט קיין געהויבענע פּאַלאַצען, נישט קיין

סך פּאָקאָיעס, — אַ דריי חדרים נידעריגע, איינגעבויגענע, מיט שפּיציגעוואַטע ווינקלען, און אַ קיך, אָהן אַ הויז, אָהן אַ הויף און אָהן אַ שום שטעלכבעל ביי דער האַנד, נאָר אַ בוידעם און גענוג. נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען נישקשה, ווען דער דאַך זאָל זיין אַ דאַך; עס איז אָבער גאָר קיין דאַך ניט; משטיינס געזאָגט, אַ צוויי קראַקוועס מיט אַ ביסעל ערד און מיט אַ ביסעל שווארצע שטרוי איבערגעדעקט, ערטערווייז בעוואַכסען מיט גרינע פּעטשעריצעס, אַזוי, אַז פון דערווייטענס זעהט־אויס די שטוב ווי אַ סוכה, בעדעקט מיט גרינעם סכך. נאָר דאָס וואָלט נאָך אַלץ געווען אָהן איין אומגליק, ווען דער גראַף, דער פּריץ פון דער שטאָדט, זאָל ניט דעקוטשען מיט זיינע חפציות: איהם ווילט זיך, די גאַנצע שטאָדט זאָל זיך איבערגאַנייעס דעקען מיט אייזען, מיט שינדעל, אָדער, לכל הפחות, מיט האָלץ, און קיין שטרוי זאָל גאָר ניט געדאַכט ווערען. זלאַטע די אלמנה האָט זיך גענוג אָנגעטהאָן אַ כח ביז זי האָט צונויפגעשלאָגען אַ גראָשען מיט אַ גראָשען און האָט זיך געשטעלט דעקען איהר נחלה. נאָר דאָ האָט זיך ארויסבעוויזען גאָר אַ נייער אומגליק: נאָר־וואָס מע האָט זיך אַנידערגעשטעלט צעוואַרפען דעם דאַך, לויפט אריין צו זלאַטען אין שטוב אריין שמואליק דער חזן מיט אַ גוואַלד:

— רוצח׳טע! אין גאָטעס ווילען, וואָס טהוט איהר דאָס? איהר ווילט מיך, וואָס איז שייך, מאַכען אומגליקליך? וואָס האָט איהר צו מיר? געהאַרעוועט, געהאַרעוועט, קוים דערלעבט זיך אַ שטיקעל נחלה, קומט איהר און מאַכט פון מיר אַ תל!

— אָט האָסט דו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב! וואָס פאַר אַ תל? — פרעגט איהם זלאַטע פערוואונדערט. — ווער טשעפּעט אייך מיט אייער נחלה?

— איהר פרעגט נאָך, ווער טשעפּעט מיך? — האָט זיך שמואליק צעלאָזט גאָר אויף איין אַנדער אופן. — אַ אידינע בלייבט אַ אידינע: לאַנגע האָר — קורצער שכל.

— אט ווייסט איהר, וואס איך וועל אייך זאגען? — האט איהם זלאטע געענטפערט, ארײנקומענדיג אין כעס אריין. — חאטש איהר זענט חזן אין דער קאלטער שוהל, פון דעסטוועגען, איהר זאלט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט האבען, וואס איך זאג אייך דעם אמת: זינט גאט האנדעלט מיט נאראנים, האט ער נאך אזא נאר, ווי איהר זענט, נישט באשאפען.

— זענט איהר נאך, הייסט דאס, איין עזות־פנים'טע אויך? — האט זיך שמואליק צעפלאקערט. — לא־די, וואס איהר צעווארפט מיר מיין שטוב, מאכט פון מיר, וואס איז שייך, א תל־עולם, האט איהר נאך א העזה צו זידלען איין עהרליכען אידען? איך האב שוין געהאט אויף מיין לעבען אלערליי שכנים און שכנה'טעס, וואס איז שייך, טפו זאל דאס ווערען!...

— טפו זאלט איהר בעסער ווערען מיט אלעמען, וואס ס'איז אייך ליעב היינטיגען טאג, רבונו של עולם, עס זאל זיך אנקלעפען אן אייך און וואו איך האב ערגיץ א שונא, ליעבער גאט! איך בין אויך, ברוך השם, געזעסען אין שכנות און האב נאך אזא מין באגעגעניש נישט געטראפען זינט איך לעב, זינט איך שטעה אויף מיינע פיס! ווי פארגינט זיך דאס א איד ארײנקומען צו יענעם און אזוי אנחאפען איין אלמנה און שפייען יענעם אין פנים אריין פלוצים פון דער העלער הויט?!...

— ששששא, שאט נאר, וואס טהוט זיך דא? — האט זיך ארײנגעמישט, ארײנלויפענדיג א דערשראקענע, זעלדע די חזנ'טע, א נידעריגע, א שווארצע אידינע מיט זעהר שענע גוטע אויגען. — וואס איז דא ביי אייך פאר קולות?

שמואליק מיט זלאטען האבען זיך ביידע צעלאזט צו דער חזנ'טע אויסדערצעהלען איהר דאס מחלוקת, וואס איז צווישען זיי פארגעקומען; נאר מחמת זיי האבען ביידע געשריגען, איבער־שלאגענדיג איינס דאס אנדערע, דעריבער האט זעלדע נישט

געקאַנט פערשטעהן, וואו ס'איז דאָ געגראָבען און וואו ס'איז אומגעגראָבען.

— ווייסט דו וואָס, שמואליק? דו געה אהיים, דאָרט האָב איך דיך צוגעגרייט אַ גלעזעל ציקאָריע, און איהר, זלאַטעניו, זעצט זיך אַקאָרשט צו אַט דאָ מיט מיר אויף דער באַנק, וועלען מיר שמועסען פּאַוואָלינקע; צו וואָס טויגען די געוואַלדען? די גאַס וועט זיך צונויפלויפען, מע וועט מיינען, חלילה, אַז מע קוילעט דאָ מענטשען אין מיטען העלען טאָג!

ערשט, אַז שמואליק איז אַוועקגעגאַנגען און זלאַטע מיט זעלדען האָבען זיך אַ ביסעל פאַנאַנדערגערעדט, איז מען געקומען צו אַ שטיקעל טאָלק. די מעשה דערפון איז אַזוי: זלאַטע דער אַלמנה'ס שטוב מיט דער אַנדערער שטוב, וואָס שמואליק דער חזן האָט ערשט ניט לאַנג געקויפט ביי רב שלום־שכנא דעם שוחט אויף אויסצאָהלען, זענען געווען בסך־הכל מיט אַ וואַנד אָפּגעטיילט; דאָס הייסט, עס איז, אייגענטליך, געווען איין שטוב, איבער־געצאַמט מיט עטליכע ברעטלעך און איבערגעדעקט מיט איין דאַך. דאָס פערשטעהט מען שוין אַליין, אַז אַנריהרענדיג די ערשטע קראָקווע, איז איינגעפאַלען דער גאַנצער דאַך, פון שמואליק'ס שטוב אויך — און דערפאַר איז דאָס שמואליק אַריינגעפלויגען אַזוי צעקאָכט. זלאַטע מיט זעלדען, וואָס זענען געווען בעקאַנט פריהער פון דערזוייטענס (ווייל זלאַטע האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ מיוחסת: פאַרט רב אברהמעל'ס שנור, ווי ווייטער וועט שטעהן), האָבען זיך נאָך דעם דאַזיגען שמועס אַזוי בעפריינדעט, אַז זיי זענען געוואָרען גיך נפש אחת, גאָר ווי אַנדערע צוויי. דעם דאַך — איז געבליבען — זאָל מען דעקען בשותפות, וועט קאָסטען אַ סך וועלוועלער, און דער בוידעם מעג אויך זיין אַ בשותפות'דיגער; נישקשה, מען איז, ברוך השם, בעגלויבט איינס ביי'ם אַנדערען פון צו גנב'ענען חלילה.

— אייער מאַן — האָט זלאַטע געזאָגט צו זעלדען — איז אַ כשר'ער איד; וואו ווייס עס נישט? נו, און איהר, זעלדע,

זענט אויך ניט, חלילה, פון די ווייבער, וואָס זאָלען זיך ראַדעווען אויף אַ פרעמדע ציבעלע.

— און איהר — האָט זעלדע דערויף געענטפערט זלאַטען — באַדאַרפט ניט חלילה מיין זעקעל קאַרטאָפּלים; איהר מיינט, מע קען אייך נישט? מע ווייסט גאַנץ גוט, ווער אייער מאַן איז געווען און פון וואַנען איהר שטאַמט. ס'איז אַ שטיקעל סברה, אַז מיין מאַמע, זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן, איז געווען ביי אייער באָבע אסתר'על איין אָפּטע איינגעהערין, דאָס הייסט, זי פלעגט איהר איינקויפען אין שטוב אַריין אַלדאָס גוטס. און אַ שטוב איז ביי אייער באָבען געוועזן, הלואי חאָטש האַלב אויף אַלע אידישע בעל־הבית'טעס! דאָס הייסט דאָך אייער טאָכטער נאָך איהר, מן הסתם?

זלאַטע האָט זיך אַזש צעוויינט פאַר ווייטקייט פון זעלדע'ס רעד, און עס איז פון דעמאָלט אָן געוואָרען צווישען זיי אַ מורא'־דיגע ליעבשאַפט. אויך זייערע קינדער זענען צווישען זיך געוואָרען גאַנץ נאָהענט; שמואליק'ס זוהן יוסילע און זלאַטע'ס טאָכטער אסתר זענען שוין תמיד געווען אינאיינעם, כמעט ווי אין איין שטוב געוואַכסען. שפּעטער, אַז זעלדע איז געשטאָרבען און יוסילע איז געבליבען אַ יתום, זענען די קינדער נאָך מעהר צוגעלאָזט געוואָרען איינס צום אַנדערען. „אומגליק — זאָגט מען — בינדט צונויף, שלעכטיגקייט מאַכט פריינדשאַפט“...

כל זמן זעלדע האָט געלעבט, האָט שמואליק דער חזן פון קיין נויט נישט געוואוסט: ער האָט זיך, ווי עס איז, דורכ־געשלאָגען און געלעבט, ווי אַ סך אַנדערע לעבען דאָרטען. נאָר עס האָט איהם פּלוצים געטראָפען אַ גרויסער אומגליק: זעלדע זיין ווייב איז איהם אָפּגעשטאָרבען! זעלדע די חזנ'טע איז געווען אַ כשר'ע, איין עהרליכע אידינע; איהר פּלוצליך אָפּשטאַרבען איז געווען פאַר איהרע אַלע בעקאַנטע אַ גרויסער בראָך, און פאַר שמואליק'ען איז דאָס געווען אַזאַ אומגליק, אַז ער האָט געשוואָרען

פאר איין ערדה אידען, אז ער וועט נישט אויסהאלטען, ער וועט נאך זעלדען געווים נאכשטארבען, ס'איז גאר נישטא וואס צו רעדען! און פון חתונה האבען שמועסט מען ניט: וואס איז שייך? ווען ביי איהם וועט אויסוואכסען האר אויף דער דאלאני, דעמאלט וועט ער חתונה האבען נאך זלעדען!" — אזוי האט שמואליק געזאגט בשעת שבעה זיצען. עס האבען זיך אבער געפונען אזעלכע, וואס האבען איהם שטארק דעקוטשעט, געהענדיג צו איהם טאג אויף טאג און איינ'טענה'נדיג מיט איהם: „איהר ווילט, אפנים, רב שמואליק, זיין קליגער פון דער גאנצער וועלט און געהן אקעגען דעם מנהג העולם? די וועלט איז שוין אזוי געשטעלט געווארען איין מאל פאר אלע מאל, אז א מאנסביל טאר ניט זיצען אליין, און איהר ווילט זי מיט אייער חכמה איבער־מאכען?" די דאזיגע לייט האבען איבער שמואליק'ען אזוי לאנג גע'טענה'ט, ביז ער איז א פאר וואכען נאך שלשים זיך דורכ־געפאהרען מיט רב קלמן שדכן קיין באררדיטשעוו און גאר גיך געבראכט מיט זיך א אידינע מיט א טערקישען שאל... באררדי־טשעוו, דאנקען גאט, איז בעוואוסט אויף דער וועלט פאר אזא מקום, וואס דארט קאן מען אין גלייכען געלד אפזעצען די דאזיגע סחורה, דאס הייסט — איין אלמן, א גרוש, א בחור, — וואס עס מאכט זיך. באררדיטשעוו, ברוך השם, איז איין ארץ מבורכת, זי פערזארגט די אלע איבעריגע שטעדט פון יענער געגענד מיט ווייבער פון כל המינים: אלמנות, גרושות און בתולות, — ווי עמיצענ'ס גוסט. אהינצו אז עס חאפט זיך אראפ איין אלמן, הויבט מען איהם אן ארומצופיהרען איבער די הייזער, בעווייזענדיג איהם סחורה פון וואס איין אויג קאן זעהען, און זייט זיכער, ער וועט זיך שוין זיין גלייכען אפזוכען, ער וועט האנדלען די מציאה און צוריקפאהרען שוין אין צווייען... אהינצו האט זיך אויך אריינגעחאפט אונזער שמואליק; חברה האבען מיט איהם קיין לאנגע שהיות ניט געמאכט — א ווארט און צוויי און א חופה. אנקוקענדיג די יפהפיה זיינע, אזוי, חאפענדיג, אויף איין פוס,

בכדי מע זאָל קאָנען קומען צוריק אַהיים אויף שבת, האָט שמואליק׳ען אויסגעוויזען, אַז ער האָט, ברוך השם, געטראָפען גאַנץ נישקשה׳דיג. „אַ אידינע, וואָס איז שייך, ווייזט־אויס אַ לייטישער מענטש, באדארף זיין נישט קיין שלעכטע בנאַטור, רעדט אַזוי בנעימות, שמייכעלט“... ערשט קומענדיג אַהיים אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, האָט זיך נעבאך שמואליק אַרומגעקוקט, וואָס פאַר אַ צרה, וואָס פאַר אַ שלאַק־פּורעניות גאָט האָט איהם בעשערט: גרוי און אַלט האָט זי איהם געמאַכט פאַר דער צייט! שמואליק איז ביי איהר אויסגעריסען געוואָרען און האָט געהאַט ביי איהר אַ ווילדע עלטער. און יוסילע נעבאך איז אָפּגעקומען אויף איין אַנדער אופן. ער איז איהר געווען גרויס אין די אויגען, געשטאַנען איהר ווי אַ ביין אין האַלז. „דאָס יונגעל — האָט זי אַלץ גע׳טענה׳ט — וועט מיך נאָר אין דער ערד אַריינטרייבען, שונאי ציון! פון אין דער פריה ביז אויף דער נאַכט ווייסט דאָס נאָר עסען און געגוג! דאָס מויל מאַכט זיך איהם נישט צו אויף קיין מינוט, און איז נאָך איין עזות־פּנים אויך: אַז מע זאָגט איהם, וויינט ער נאָך, פּעסטעט זיך, דאָס ציטעריגע קינד!“ גאָט ווייסט וואו יוסילע וואָלט אַצינד אַנגעשפּאַרט, ווען נישט שמואליק׳ס שכנה, זלאַטע די צעלניקערין, מיט איהר הויזגעזינד, וואָס האָבען זיך אָנגענומען די קריוודע פונ׳ם דאָזיגען אומשולדיגען יתום.

IV.

זלאַטע די צעלניקערין און איהר טאָכטער אסתר.

זלאַטע די צעלניקערין האָט זיך געדרעבענט נאָך פאַר איהר מאַנ׳ס לעבען פאַר איינע פון די בעריהמטסטע קרעמערינס, נישט נאָר אין מאַזעפּעווקע אַליין, נאָר אויך אין דער גאַנצער סביבה.

פון מאזעפעוקע; איהר נאמען איז געווען בעוואוסט אויף אלע גרויסע ירידים. — אין דער צייט, ווען מע האט נאך ביי אלע פעלקער צו טהון מיט דער שאלה, צי איז די נקבה אויך עפים א מענש, דאס הייסט, צי מע מעג איהר עפים געבען איין ארבייט אין דער האנד, צי איהר עסק איז טאקי נאר די שטוב, דאס טעפעל, די קינדער און דעסגלייכען; דעמאלט ווען גרויסע מענשען זיצען און ברעכען זיך דעם מוח איבער דעם ענין שוין היבשע עטליכע יאהר, איבערפיהרענדיג אזוי פיעל פאפיער און טינט — שטעהען זיך די מאזעפעוקער אידען פון דערוויטענס און מאכען חוזק פון זייערע אלע המצאות און אויפטהועכצען, דען ביי זיי אין מאזעפעוקע שפיעלט די אידינע פון קדמונים פונקט אזא ראלע, ווי דער איד, און די בעל־הבית'טע איז ניט קלענער פונ'ם בעל־הבית. אדרבה, מע קאן זאגען, אז כמעט דער גאנצער מסחר אין מאזעפעוקע געפינט זיך ביי די ווייבער אין די הענד. עס טרעפט זיך דארטען גאנץ אפט, אז דאס ווייב פערשטעלט דעם מאן מיט איהר נאמען לחלוטין. עס געפינען זיך אזעלכע מאנען, וואס כמעט מע ווייסט זיי גאר נישט; מע קען נאר „זי“ און געננג. זלאטע די צעלניקערין איז געווען איינע פון די דאזיגע ווייבער, וואס זענען בעקאנט מיט דעם נאמען „אשת־חיל“. אין שטאדט האט זלאטע שטענדיג געהייסען, אפילו פאר איהר מאנ'ס לעבען, „זלאטע די צעלניקערין“, ניט זלאטע לוי'ס, אויף איהר מאנ'ס נאמען; אדרבה, לוי האט געהייסען אויף .. הר נאמען — „לוי זלאטע'ס“. דאס הייסט: לוי, וואס איז דער מאן פון זיין ווייב זלאטע... אזוי איז געווען מיט זלאטע'ס מוטער אויך. „בתיה די הארטאווניצע“ האט מען זי גערופען; זי איז אליין געווען איין אשת־חיל און האט אויך איהרע טעכטער געמאכט פאר „אשת־חילס“, בכדי זיי זאלען קאנען געבען א מאן ברויט... איידעמס האט זיך בתיה די הארטאווניצע געקריגען אנטיקלעך, צאצקעלעך, זיידענע קינדער און מיוחסים; פאר יחוס האט בתיה געצאהלט אין טאג

אריין. פאַר איהר איידעם לוי, זלאַטע׳ס מאַן, האָט זי געצאָהלט צוויי מאָל נדן, אַבי בעקומען איהם פאַר איין איידעם, מחמת לוי איז געווען רב אברהמ׳על סלאַוויטער׳ס אַ זוהן, און רב אברהמ׳על סלאַוויטער איז געווען איינגעטונקען אין יחוס, אויסגעבונדען כמעט מיט אַלע גוטע אידען. בטבע איז לוי געווען טאַקי זעהר אַ וואוילער יונגער מאַן, נאָר נישט קיין געזונדער, אַ יאַדעשליוועד, עפּיס אַלץ געהוסט, געהוסט, ביז ער איז געשטאָרבען, איבער־לאָזענדיג זלאַטען אַ יונגע אַלמנה מיט דריי פּיצלעך קינדער: אסתר — אַ מיידעל פון אַ יאָהר אַכט, און צוויי חדר־יונגלעך — אפרים און מנשה.

אסתר איז געווען אַ בת־יחידה ביי איהר מאַמע. נאָר תנועות פון אַ בת־יחידה האָט זי נישט געהאַט, דערפאַר ווייל זי האָט שוין ביי איהרע עלטערען נים „זאַזנאַיעט“ קיין גוטע צייטען. זינט זי איז צו איהר שכל געקומען, געדענקט זי נאָר שלעכטס און טרויעריגס: דער טאַטע שטעלט זיך איהר אַנדערש נים פאָר, ווי נאָר פערזאָרגט, פערקרענקט און פער׳חושכ׳ט, און די מאַמע איז שטענדיג פערנומען מיט דער קראָם, האָט קיינמאָל קיין צייט נים, תמיד ביזי, שטענדיג פערשלאָגען זיך און דעם טאָג, וואָס זי איז געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט. צו דרייצעהן יאָהר איז איהר אסתר געווען שוין אַ גאַנצע הילף אין קלייט, פריהער אַכטונג געבענדיג גלאַט אַזוי, מע זאָל נישט גנב׳ענען, און נאָכדעם רעדען מיט אַ קונה, דערלאַנגען אַ שטיקעל סחורה, און שפּעטער טאַקי העלפען צום געשעפט, לייזען געלד. אסתר האָט גע׳שמ׳ט אין שטאָדט פאַר אַ גרויסען בר־דעת, אַ בריה צום געשעפט און אַ פיינע בעל־חשבונ׳טע. וואו האָט זיך אסתר אויסגעלערענט שרייבען און רעכענען? — ביי מאַמעל שפּריוז, וואָס האָט אויס־געלערענט אַלע מאַזעפּעווקער מיידלעך לייענען און שרייבען און רעכענען. עס איז אין מאַזעפּעווקע גלאַט קיין נאָווינע נים, וואָס עס וואַכסען־אויס קינדער זעהר גערעכטע און קענען אַלסדינג, נישט לערנענדיג זיך אין ערגיץ, נאָר „פון זיך אַליין“...

כל זמן לוי זלאטע'ס האט געלעבט, האט ער, ווי א געטרייער טאטע און ווי איין איידעלער מענש, א איד פון לערנען, אוודאי געוואלט, אז אסתר זאל זיין א וואוילקענענדיגע, און לויט זי האט זיך ארויסבעוויזען נאך קינדווייז, האט לוי גאר אנדערשט נישט גערעכענט, אז אסתר וועט, אם ירצה השם, זיין א מיידעל מיט אלע מעלות, נים ווי אלע מאזעפעווקער מיידלעך. געוועהנליך, איז דאס שוין נים אנגעקומען אזוי גרינג, מחמת זלאטע זיין ווייב, וואס איז ביי איהם תמיד געגאנגען אין ספאדעק, האט דערויף אזוי גיך נישט געקאנט מסכים זיין: „נא דיר גאר נאך — האט זי גע'טענה'ט מיט לוי'ן — א נקבה א למדן, א הוהן קרעהט קוקאריקו, כלעבען, נישט מיאוס!"... אויף אלץ האט זיך לוי אונטערגעגעבען זלאטען זיין ווייב, נאר אין דעם ענין האט ער זיך געשטעלט שטאהל און אייזען: איין מאל פאר אלע מאל, אסתר בעדארף זיין א מלומדת! נאר דער מענש טראכט און גאט לאכט: עס איז לוי'ן נעבאך נים בעשערט געווען זיין מחשבה אויסצו־פיהרען, דען ער האט זיך נאך עטליכע יאהר בארעניש מיט דער גוטער קרענק, מיט דער טשאכאטקע, רחמנא ליצלן, געמוזט אפ־ועגענען זיך מיט דעם לעבען צו עטליכע און צוואנציג יאהר, איבערלאזענדיג זיין ליעבע, טייערע אסתר אויף זלאטע'ס הענד.

אסתר האט דעמאלט שוין מעהר נים געקאנט אין זינען האבען דאס לערנען און דאס שרייבען; דאס ביסעל, וואס זי האט געקאנט, איז איהר פערבליבען, און דאס איבעריגע איז זי שוין דערגאנגען אליין, רייבענדיג זיך צווישען סוחרים. און אסתר האט דערמיט אין מאזעפעווקע שטארק אויסגענומען. רב קלמן שדכן האט זיך נישט געשעמט דאס איהר אין די אויגען צו זאגען, איינמאל, ארייגקומענדיג צו זלאטען אין קלייט אריין.

— הערסט דו — האט זיך רב קלמן געווענדט צו זלאטען, סמארענדיג מיט דער נאז און כלומרש קוקענדיג אן א זייט — הערסט דו, זלאטע, דו האסט דאך שוין א היבשע מויד האסט דו,

און אַ געראָטענע דוקא, אַ פּאַרשוין, קיין עין־הרע, און אַ בּריה נפלאה, זאָגט מען. וויפיעל איז זי אַלט? האַ? שוין צייט אַ טראַכט טהון עפּים מכח אַ שידוך, ווי זאָגט ער... אַ שען מיידעל איז אַ האַלבּער נדן, האַ?

— וויים איך! — האָט איהם זלאַטע געענטפערט מיט אַ צופריעדען שמייכעלע. — וואָס חאַפּט איהר זיך אַזוי? ס'איז נאָך אַ צייט; לאָז זי נאָך הוליען...

און אסתר האָט געהוליעט...

טאָג און נאַכט איז זי געווען איינגעשפּאַנט אין דער אַרבּייט, נישט וויסענדיג פון קיין שום פערגעניגען. מע קאָן זאָגען בּפירוש, אַז אסתר איז קיינמאָל קיין קינד נישט געוועזען. די נאַרישע, קינדערשע יאָהרען זענען איבּערגעלאָפען בּיי איהר, ווי אַ חלום, און זי איז פריה געוואָהר געוואָרען וואָס הייסט נויט, דאגות און אַרעמקייט. זי געדענקט נישט, אַז זי זאָל אַמאָל זיין פריילין, ווי אַנדערע מאַזעפּעווקער מיידלעך. טאָמער האָט אסתר אַמאָל אַ לאַך געטהאָן, פלעגט איהר די מאַמע זאָגען: „איך וויים נישט, וואָס איז מיט דיר די שמחה אַזוי גרוים? וואָס דער טאַטע איז געשטאָרבּען און האָט מיך געלאָזט אַ וויסטע, אַ פינסטערע אַלמנה מיט דריי קינדער צו מוטשען זיך אויף דער וועלט?“... דאָס איז געווען בּיי אסתר'ען ערגער ווי געשלאָגען; אַז מע האָט איהר דערמאָנט דעם טאַטען, פלעגט זיך איהר אָפּרייסען אין האַרצען, און זי האָט שוין מעהר קיין קאָפּ נישט געקאָנט אויפהויבּען. זי האָט געדענקט דעם טאַטען, ווי דורך אַ חלום, מחמת זי איז אַלט געווען סך־הכל זיעבּען־אַכט יאָהר בּשעת ער איז געשטאָרבּען. ער האָט זיך איהר תמיד פאָרגעשטעלט אַ קראַנקער, מיט אַ געל אויסגעטריקענט פּנים, נאָר מיט גרויסע זעהר גוטע בּלויע אויגען, וואָס האָבּען תמיד געקוקט אויף איהר מיט רחמנות, גלייך ווי לוי האָט געוואוסט, אַז זיין בּת־יחידה וועט גיך בּלייבּען אַ יתומה נעבּאַך. אסתר געדענקט, ווי דער טאַטע פלעגט זי גלעטען מיט

דער האנד איבער׳ן קאפּ און בשעת מעשה הוסטען און זיך פּער־גען. אייביג וועט אסתר נישט פערגעסען יענעם טאג, ווען דער טאטע איז געלעגען בײ זיך אויפ׳ן בעטעל אָהן לשון, נאָר געקוקט אויף איהר מיט זיינע גוטע בלויע אויגען, און, צורופענדיג זי צו זיך מיט דער האנד, אלץ געגלעט זי איבער׳ן קאפּ. דעם דאָזיגען קוק האָט זי לאנג נישט געקאָנט פערגעסען. און קוים איז איהר געווען אויפ׳ן הארצען עפּיס פרייליך, לעבעדיג, האָט זי נאָר בעדאַרפט זיך דערמאַנען אין יענעם קוק, אזוי איז איהר באַלד פערשטעהרט געוואָרען איהר שמחה די רגע, חאָטש זי איז נאָך געווען גאָר א קינד. זלאַטע האָט זי נישט געלאָזט, זי זאָל לאנג בלייבען א קינד; זי האָט זי גיך בענוצט צום געשעפט, צו דער קלייט, און אסתר האָט ארויסבעוויזען אזוי פיעל בריה׳שאפט, אז זלאַטע האָט גאָר אָנגעקוועלט פון איהר: „איינס און א רעכטס, דאַנקען דעם וואָס לעבט אייביג חאָטש דערפאַר! — האָט זלאַטע געזאָגט. — וואָס וואָלט איך געטהאָן, א וויסטע אלמנה, ווען איך זאָל האָבען אזעלכע קינדער, ווי בײ לייטען, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד? מיט איין האַנט שטראָפט ער, דער וואָס לעבט אייביג, מיט דער אַנדערער האַנט היילט ער... אָט אזוי, טאָכטער, לערען זיך, וועל איך האָבען חאָטש א שטיקעלע הילף מיט מיינע יתומים די פּיצעלעך, און אליין וועסט דו אויך ווערען א שטיקעל מענטש“... אסתר האָט זיך געלאָזט לערנען און האָט פערשטאַנען דאָס געשעפט, ווי עס דאַרף צו זיין.

ווי אסתר איז געווען א בריה אין קלייט, אזוי האָט זי נאָך מעהר געטויגט אין שטוב, דעם דלות צו פערשטעלען. „פער־שטעלען דעם דלות“ — איז איינע פון די חכמות, וואָס מע בעדאַרף אין מאַזעפעווקע דערויף שטודירען; ניט איטליכער קאָן דאָס. בײ דער ערגסטער צייט האָט אסתר געקאָנט פיהרען די שטוב אזוי קונציג, אז קיינער האָט נישט געקאָנט טרעפען, אריינקומענדיג צו זלאַטען אין שטוב אריין, צי זי איז א נגידה, צי א קבצנ׳טע. ריין און ציכטיג איז דאָרטען געווען, ווי בײ קיין

שום נגיד אין דער גאַנצער שטאָדט; דאָס עסען — וואָס ס'איז שוין דאָרטען געווען, נאָר דאָס טישטוך, דאָס געפעס און דאָס דערלאַנגען — האַטש נעם און שפּיגעל זיך אין דעם! אויס־קלערען וואָס וואַרמעס צו קאָכען ביי'ם געמיינעם גראָד, אָהן פליישׁ, אָהן פיש, אָהן שמאַלץ, נאָר גלאַט אזוי מיט די הוילע פינף פינגער — דאָס איז עפּיס נישט אזא גרינגע מלאכה, און דערצו האָט אסתר געטויגט. דאָס מעבעל ביי זלאַטען אין שטוב איז געווען עפּיס נישט אזוי בעל־הבתיש, זעהר אַלט־פרענקיש און שטאַרק צעפּאַהרען; דערפאַר אָבער איז דאָס תמיד בעצויגען מיט אזעלכע ווייסע ציכלעך, און די פענסטער זענען פערהאַנגען מיט אזעלכע פיינע פאַרהענגלעך, אז עס שעמערירט און פינקעלט אין די אויגען, ווי עפּיס רעכטס. די מלבושים, אמת, זענען שוין א ביסעל אַרויס פון דער מאָדע, דערפאַר זענען זיי אָבער תמיד גאַנץ, אויסגעוואַשען, אויסגעפּרעסט — א מחיה נפשות אָנצוקוקען! קיין קינד איז אין מאַזעפּעווקע נישט געגאַנגען אַרום זיך אזוי ריין, אזוי שען, ווי אפרים מיט מנשה'ן, זלאַטע'ס קינדער, און אסתר אליין — שמועסט מען נים; קוקענדיג אויף איהר, האָט מען אין שטאָדט געזאָגט: „אפנים, אז עס איז זלאַטען די צייט גאָר נישקשה'דיג"... נעמען דעם קבצן, אַרומוואַשען איהם, אויסקעהמען איהם, אויספּוצען און מאַכען אזוי, אז קיינער זאָל איהם נישט דערקענען, — דערויף איז אסתר געווען איין בריה. נאָר דער נאָמען, וואָס אסתר האָט זיך געקויפט ביי איהר אין איהר שטאָדט, איז נאָך גאָר נישט אקעגען דעם שם, וואָס זי האָט געהאַט אין דער גאַנצער סביבה פון מאַזעפּעווקע אַרום און אַרום. איהר נאָמען האָט זיך געלאָזט הערען אויף דער וועלט צוליעב די ירידים, וואָס שטעלען זיך אוים אין מאַזעפּעווקע דריי מאָל אין יאָהר.

דריי גרויסע ירידים שטעלען זיך אוים אין מאַזעפּעווקע און געבען דער שטאָדט די וועלט צו זעהען: אָהן זיי איז א שטאַרקער ספק, אויב מאַזעפּעווקע וואָלט געהאַט א קיום. דאָס זענען די

געוויסע דריי ירידים יוריע, ספאס און פאקראווע, אויף וועלכע דער מאזעפעווקער איד קוקט־ארויס א גאנץ קיילעכיג יאהר, ארויפלעגענדיג דאס גאנצע שטיקעל האפנונג נאר אויף זיי. נאך פריהער מיט עטליכע וואכען הויבט מען זיך שוין אן צו גרייטען צום יריד, דאס הייסט, אידען לויפען שוין ארום, ווי די פער'סמ'טע, אויסשמעקענדיג זיך ערגיץ איין ארט און פער־חאפענדיג וואס פריהער א בעסער שטיקעל פלאץ. „ניטא קיין צייט, מע בעדארף זיך פארטיג מאכען צום יריד!“ אזוי זאגט יעדער, אפילו דער וואס האט נישט קיין קראם, נישט קיין שענק און נישט קיין איינפאהרהויז, נישט קיין קאמער פון תבואה, אפילו נישט קיין עפעלקוואס; גלאט אזוי א איד פון א גאנץ יאהר גרייט זיך אויך צום יריד; אפילו מלמדים און חזנים קוקען ארויס אויפ'ן יריד. אין פלוג איז אפילו א שטיקעל קשיא: וואס פאר א שייכות קאן האבען א מלמד אדער א חזן מיט'ן יריד? פון דעסטוועגען צעלאזט דער מלמד דעם חדר א ביסעל פריהער, און דער חזן פערלאזט די משוררים אין מיטען א „מלך עליון“ — און מע לויפט אוועק גיך און געשווינד אויפ'ן יריד, און מע קומט צוריק מיט דעם, מיט וואס מען איז אוועקגעגאנגען, דאס הייסט, מיט לעדיגע הענד און מיט א גריזאטע אין הארצען: „סטייטש, די וועלט קויפט, האנדעלט מציאות פון כל־טוב!“ קומענדיג אהיים, חאפט מען נאך א רעכטען פסק פונ'ם ווייב דערפאר, וואס אלע חאפען מציאות אויפ'ן יריד, נאר זיי ניט. „א וויסטער, א פינסטערער מארגען אויף אלע שונאים'ס קעפ! — טענה'ן נאכדעם די ווייבער. — א שמחה אויף איהם, א גליק האט איהם גע־טראפען, אויפ'ן הימעל א יריד! געוועז ברענגען האטש א שטיקעל זאנע אויף העמדלעך די קינדער, צי חאטש א רעכטען קראנץ ציבעלעס אויף ווינטער; צי דאס שווארץ־פינסטערע יאהר ווייסט די נשמה דיינע!“... „נא דיר א יריד, טאמער איז דיר קארג!“ — זאגט נאכדעם דער מלמד אדער דער חזן און בלייבט שטעהן א פערוואגעלטער, ארפלאזענדיג די נאז און אויסהערענדיג

א גאַנץ צעטעל פון אַלערליי קללות. אַט אַזאַ כח האָט אין זיך דער יריד אין מאַזעפּעווקע. נו, איז שוין אַ חידוש, וואָס צווישען די קרעמער ווערד חושך, אַז עס קומט יוריע, ספּאַס און פּאָקראָווע? עס איז שוין אַ חידוש, וואָס מע צעשלאָגט זיך פאַר די ערטער מיט די פּלעצער און וואָס מע שלעפּט איינער ביי'ם אַנדערען דעם קונה, רייסענדיג איהם אויף אַלע זייטען? אַז מע וויל דערקענען אַ מאַזעפּעווקער אידען, וואָס ער איז מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, זאָל מען איהם בעטראַכטען דורך אַ שפּאַקטיוו פון דערווייטען בשעת יריד, ווען ער שטעהט אַזוי מיט זיין ווייב ביי זיין שאַלאַש, רעדענדיג מיט זעכס קונים מיט אַ מאָל, ווייזענדיג דעם, דינגענדיג זיך מיט יענעם און מעסטענדיג אָדער וועגענדיג די סחורה. דאָרט, אין שאַלאַש, עסט מען, דאָרט שלאָפט מען, סאַי זומער, סאַי ווינטער. ער איז אַ גרויסער בריה, דער מאַזעפּעווקער איד, צום יריד; מיט איין מויל רעדט ער פאַר צעהן, מיט צוויי הענד טהוט ער דריי מלאכות, מיט צוויי אויגען קוקט ער אויף פיער זייטען, וואוהין עס געהט אוועק דער קונה, בכדי מע זאָל איהם קאָנען רופען צוריק, שרייענדיג: „אַ חאָדי נו סיודי, טשאָלאָוויטשע!" און דער עיקר — אַכטונג געבען, מע זאָל ניט גנב'ענען. „דאָס לייזען — זאָגט ער — איז נאָך ווי עס איז, נאָר דאָס גנבה'נען, וואָס מע גנבה'ט פון אונטער די הענט, אוי, איז ניט אויסצושטעהן!" בעטראַכטענדיג דעמאָלט דעם אידען, ווייזט זיך אייך אויס, אַז ער און זיין ווייב און זיינע קינדער זענען לכתחילה בעשאַפען געוואָרען נאָר צוליעב דעם יריד; זייערע פּנים'ער פלאַמען בשעת מעשה, די אויגען ברענען, די נאָז שמעקט, דאָס מויל רעדט, די הענד אַרבייטען, אַלע איברים טהוען, עס איז כל עצמותיו תאמרנה: „גוואַלד, אידען, ס'איז יריד!"...

זלאַטע מיט אסתר'ען אַרבייטען, גלייך מיט אַלע יריד-לייט, אויף אַלע כלים דעם גאַנצען טאָג. אַזאַ טאָג! אַנרעדענדיג זיך ווי אַ פּויק, ווערד מען אַזש הייזעריג און מאַט, אויסגעמוטשעט,

הונגעריג און פערשמאכט, ווי נאך א תענית, ביז גאט העלפט, דער טאג געהט אוועק און עס קומט די נאכט; דעמאלט ווערען די שאלאשען פערהאנגען פון אויבען ביז אראפ מיט ליינטיכער, און אלע קרעמער מיט די קרעמערינס זעצען זיך אויפ'ן טיש, און מע הויבט־אן יעדער בעזונדער איבערצעהלען דעם פדיון, זאגענדיג נאכדעם מיט א זיפץ: „אט האסט דו דיר די מחיה פונ'ם יריד — א טארעראם! אויף אזא יריד זאל מען ניט לייזען קיין געלט — איז שוין עס וועלט און געגוג!"

— מאהלט איך, — דערצעהלט איין אלטער שניט־קרעמער רב פייוועל — אז מע האט שוין ביי מיר געקאנט אוועק'לקח'ענען אכצעהן ארשין! איך בין שוין העכער דרייסיג יאהר קרעמער און מע האט נאך ביי מיר ביז היינטיגען טאג ניט גע'גנבה'ט קיין פאדעם אפילו — א מעשה נפלא! איך קאן דאס ניט פארשטעהן: אט איז דאס געלעגען, דאכט זיך, פאר מיינע אויגען, און אט האט דאס אין דער מינוט שוין ניט געסטאיעט! מאראזאוו'ס זאנע, פערווע נומער, אכצעהן ארשין, אזא רציחה!

צווישען עולם ווערד א געדערעריי. יעדער דערצעהלט מעשיות פונ'ם יריד. צווישען אלע קולות לאזט זיך הערען אויך אסתר'ס קול; אידען הערען זי אויס, קוקענדיג אויף איהר מיט א צו־פריעדען שמייבעלע און קראצענדיג זיך פאר התפעלות. „א גאנצער מענטש, זלאטע'ס מיידעל! — זאגען נאכדעם די קרעמערס. — דאכט זיך, נאך גאר א קינד, פארשטעהט אבער דוקא א געשעפט, ווי עס געהער צו זיין"...

מחמת נרוים ענגשאפט און מחמת פיעל פדיון אויפ'ן יריד, בענוצען די מאזעפעווקער ווייבער, די אשת־חילס, זייערע מאנען, די שענע אידען, וואס קעהרען זיך, צום מייסטענס, א גאנץ יאהר נישט אן מיט'ן געשעפט לחלוטין גארניט; זיי בענוצען די מאנען ניט אזוי צום לייזען געלד, ווי צום היטען, מע זאל נישט גנבה'נען. די דאזיגע מאנען זענען „פוגאלעס", „סטראשידלעס"; אויפ'ן קוף

דאכט זיך, גאנץ פיינע אידען מיט בערד, נאר אין תוך אריין — גרויסע לא־יוצלחס, טויגעניכטסען, אידינעס אין הויזען, ווייבער מיט בערד און פאות... אזא ראלע האט אמאל געשפּיעלט לוי זלאטע'ס ביי זיין לעבען, און תמיד, ווען זלאטע דערמאנט זיך אן דעם, בעדויערט זי זיך און בעוויינט זיך: „ניטא לוי'ן, ניטא ווער ס'זאל זיצען אכטונג געבען ביי דער שטעל!"... זלאטע קלאגט זיך פאר איהר שכן, שמואליק דעם חזן, און בעט ביי איהם, אזוי ווי זיין יוסילע געהט ממילא ארום בטל, לאז ער האטש ווייסען א שטיקעל עול אויף זיך, לאז ער האטש זיין א שומר ביי דער שטעל, אכטונג געבען, מע זאל נישט גנבה'נען. שמואליק טהוט איהר צוליעב, און יוסילע שטעהט גלייך מיט זלאטען און אסתר'ען אויפ'ן יריד און „העלפט לייזען געלד". יוסילען, אייגענטליך, טהוט דאס הנאה, וואס ער קאן העלפען אסתר'ען, איהר נוצליך זיין מיט עפּיס א טהועכטס. צוליעב אסתר'ען וואלט זיך יוסילע נישט געפוילט און וואלט געגאנגען אין עק וועלט, אין פייער און אין וואסער, נאר פאר איהר גע־טריישאפט אליין, פאר איהר גוט הארץ און פאר איהר בעגעהן זיך מיט איהם, ארעמען, עלענדען יתום.

V.

יוסילע געהט־ארום פוסט און פאס און עס ציהט איהם אלץ „אהין!".

דער עולם זאגט א ווערטעל: „מיט דער מאמע איז דער טאטע א פאטער, מיט דער מוהמע — איז ער א פעטער". שמואליק דער חזן, כל־זמן זעלדע האט געלעבט, איז

יוסילע געוועזן ביי איהם אַ צאַצקע, ער האָט זיך שטענדיג געשפּיעגעלט אין איהם: „מיין יוסילע? איהר וועט זעהען, וואָס ס׳וועט פון איהם אמאָל זיין!“ וויבאַלד אָבער זעלדע איז איהם אָפּגעשטאָרבען און ער האָט געבראַכט צו פיהרען פון באַרדיטשעוו אַט־אַ־יענע אידינע מיט׳ן טערקישען שאַל, האָט שמואליק צוליעב איהר אָנגעהויבען ביסלעכוויז קאַלט צו ווערען צו יוסילען, חאָטש אין האַרצען, קאָן זיין, האָט ער איהם ליעב געהאַט ווי פריהער. זלאַטע די צעלניקערין האָט געברענט קוקענדיג, ווי מע בעגעהט זיך מיט יוסילען. „ווי מיינט איהר, רב שמואליק, — פלעגט איהם אָפּט זאָגען זלאַטע מיט אַ שטאָך — אַשטייגער, אַז זעלדע, עליה־השלום, זאָל געוועזן בלייבען איין אַלמנה, וואָלט יוסילע אַזוי אַרומגעגאַנגען פּורקט און פּאַס? זי וואָלט איהם אויך אָפּגענומען פונ׳ם חדר, עס זאָל פון איהם אויסוואַכסען אַ ווייס איך־וואָס, אַ הינטשלעגער?“ דערויף פלעגט שמואליק ענטפערען נאָר מיט אַ טיעפען זיפץ און מיט אַ קרעכץ און אויסדרעהען זיך פון זלאַטע׳ס מויל, אַבי ניט הערען מעהר איהרע רעד, וואָס דערלאַנגען אין דער זיעבעטער ריפּ.

יוסילע איז געוועזן, ווי אויבען איז געשטאַנען, פון קינדוויִיז אויף ביי זלאַטען אין שטוב, ווי איין אייגענער, און זינט ער איז אַ יתום געבליבען, האָט איהם זלאַטע נאָך מעהר מקרב געוועזן, אויף איהם גרויס רחמנות געהאַט און זיך איינגעשטעלט פאַר איהם, נישט לאָזענדיג די שטיפמאַמע זאָל זיך מיט איהם בעגעהן, ווי איהר האָט זיך געוואָלט. דערפון איז צווישען זלאַטען און צווישען שמואלק׳ס ווייב אויסגעבראָכען אַ גרויס מחלוקת מיט אַ שרעקליכער שנאה איינע צו דער אַנדערער, און איבער זיין ווייב האָט שוין שמואליק אויך זיך געמוזט צעקריעגען מיט זלאַטען. דאָס הייסט, קריעגען האָבען זיי זיך, אייגענטליך, נישט געקריעגט: איהם האָט נאָר זלאַטע עטליכע מאָל גוט אָפּגעזייפט דערפאַר, וואָס ער לאָזט זיך טרעטען אויפ׳ן קאָפּ און וואָס ער לאָזט, מע זאָל בעלעדיגען זיין קינד.

— איהר זענט, רב שמואליק, איהר זאָלט מיר מוחל זיין, וואָס איך זאָג אייך אַזוי אָפּענטליך, איהר זענט אַ צאַפּ, נישט קיין מאַן. וואָס הערט איהר זי, די באַרדיטשעווער מכשפה? ווען זעלדע, עליה השלום, זאָל איצטערט אויפשטעהן און זאָל אַ קוק טהון אויף איהר יוסילען, וואָלט זי זיך געמעגט נאָך אַ מאָל באַגראָבען. אַ שענער טאַטע, ניטאָ וואָס צו רעדען! איך וואָלט זיך אויף אייך געריכט אַ קרענק, כלעבען! אַזוי טהוט איין עהרליכער איד, איאָ?!

שמואליק פלעגט זי אויסהערען, אָננעמען וואַסער אין מויל אריין און אַוועקגעהן צו זיך מיט זיינע משוררים בעשאַפען אַ נייעם „עוד יזכר לנו" אויף ראש־השנה. פאַר זלאַטען האָט שמואליק מורא געהאַט אַ סך מעהר, ווי פאַר זיין פלונית'טע, „די באַרדיטשעווער מכשפה"; עס איז איהם געווען פריקרע צו בעגעגענען זיך מיט זלאַטען, וואָס האָט איהם שטענדיג דערמאַנט זעלדען. דאָס איז פאַר איהם געווען ערגער פון ערגער, און דער־פאַר האָט ער זיך פאַר איהר געהיט, ווי פאַר פייער, און תמיד געטשאַטעוועט, אז ווען זלאַטע איז געקומען פון מארק, איז ער געווען פערנומען מיט זיינע משוררים איבער אַ „מכלכל", אָדער אַ „ויאתיו" אויף ימים נוראים, אָדער אַזוי זיך געקאַטשעט אויפ'ן האַלז, אַבי זיך נישט בעגעגענען מיט זלאַטען. דערפאַר איז אָבער יוסילע געלעגען דאָרטען טאָג ווי נאַכט. פון צעהן יאָהר אָן, זינט מע האָט איהם אָפּגענומען פונ'ם חדר, איז יוסילע אַרומ־געגאַנגען בטל, נישט האָבענדיג וואָס צו טהון און נישט וויסענדיג וואוהין זיך צו „פריטוליען"; ער פלעגט זיצען ביי זלאַטען אין קלייט, דאָרט אַכטונג געבען, אָדער אין שטוב עפּיס העלפען טהון איין אַרבייט, דערביי צווינגענדיג מיט זיין זיסער שטימע, וועלכע אסתר האָט זעהר ליעב געהאַט צו הערען. מיט אסתר'ען האָט יוסילע געלעבט, ווי איין אייגענער ברודער. זיי זענען ביידע געווען כמעט אין איינע יאָהרען, פון קליינוויז אויף אינאיינעם געוואַכסען, ביידע געוועזען יתומים, און ביידע אין איין צייט

געוואָהר געוואָרען, וואָס בעדייט שלעכטיגקייט. אַז אסתר׳ען איז שלעכט געוואָרען אויפ׳ן הארצען, פלעגט זי בעטען יוסילען, ער זאָל איהר זינגען פון „דער ווילנער גאַס“; יוסילע פלעגט זיך אוועקשטעלען אין מיטען שטוב און מיט דער מינע פון איין אַקטיאָר אויסציהען אויף זיין ווייבער, זיסער שטימע:

געה איך אַרוים
אויף דער ווילנער גאַס.
הער איך אַ קול
מיט אַ גרוים געשריי:
אוי וועה! איך הער מע שרייט...

יוסילע פלעגט זיך צעהיצען, פערגלאָנצען די אויגען צו דער סטעלי, צוהאַלטען זיך מיט דער האַנד ביי׳ם האַרצען, זיך פערגעהן, מאַכענדיג בשעת מעשה אָנשטעלען, ווי איין אמת׳ער אַקטיאָר.

— וואו האָסט דו זיך אויסגעלערענט אַזעלכע תנועות? — האָט איהם איינמאָל אסתר אַ פרעג געטהאָן.

— איך האָב דאָס געזעהען פון פּ י צ י ׳ ס טענאָר, ווען איך בין דאָרט געווען מיט׳ן טאַטען. פּ י צ י ׳ ס טענאָר האָט דער צעהלט, אַז אַזוי זינגט מען אין טריאַטער. אַז מע זינגט אין טריאַטער, באַדאַרף מען זיך אויסציהען, מאַכען מיט די הענט און מיט אַלע אברים. אַי, אַי, זינגט ער, אָט דער טענאָר! ער האָט אַ פּרוב געטהאָן מיין שטימע און האָט מיר געזאָגט, אַז פּ י צ י וואָלט מיך צוגענומען בשתי ידים. איך האָב דעמאָלט געטראַכט אפילו אַ זאָג טהון דעם טאַטען מכח דעם, נאָר איך האָב נישט געוואָלט. איך האָב מורא געהאַט... אַצינד, אַז פּיצי זאָל קומען אַהער, וואָלט איך שוין קליגער געווען.

זאָגענדיג די ווערטער, פלעגט זיך יוסילע פערטראַכטען. אין זיין קליין קינדעריש האַרץ האָט געברענט אַ פייערעל, און עס האָט

איהם אַלץ געצויגען אַהין, אין דער גרויסער, פרייער וועלט אַריין. כּיסי, פּיצי, ירוחם, נאָטען — אָט דאָס איז געווען יאָסילע'ס השגה, זיין וואונש אין זיינע יונגעלשע יאָהרען. צו גרייכען צו איינער פון די דאָזיגע זאַכען — איז ביי איהם געווען די העכסטע מדרגה אין זיין קינדערשען לעבען. פערשיעדענע גילדענע חלומות האָבען זיך ניט אויפגעהערט צו פּלאָנטען און צו שוועבען ביי איהם אין קאָפּ; דער בעסטער פון די דאָזיגע אַלע זיינע חלומות איז געווען: אַוועקלאָזען זיך אַמאָל קיין אָדעם צו פּיצי'ן, אָדער צו מיצי'ן קיין טעטרעוועס, און דאָרטען זיך אויסלערנען נאָטען. דאָס זעלבע, קאָן זיין, איז געווען אויך שמואליק'ס וואונש; ער האָט אָבער נישט געהאַט ביכולת אַרויס־נעמען און געבען איהם עטליכע קערבלעך אויף הוצאות: דערצו האָט ער נאָך בעדאַרפט פריהער איבעררעדען מכּח דעם מיט זיין פּלונית'טע, און דאָס איז געווען פאַר איהם שווער בקריעת ים־סוף. אַז יוסילען האָבען שוין גוט צוגעטראָטען די צרות, פלעגט ער זיך ניט איין מאָל פערטראַכטען, טאָמער וואָלט געווען אַ סברה, אַז ער זאָל זיך אַליין אַוועקלאָזען צו פּיצי'ן, נעמען פשוט די פיס אויף די פּלייצעס — און ניטאָ מיך! פאַר וועמען האָט ער נאָכדעם מורא צו האָבען? יוסילע האָט שוין אפילו אָפּגעקלערט אַ פּלאַן, ווען און ווי אַזוי; עס האָט איהם אָבער באַנג געטהאָן איבערלאָזען דעם טאַטען אַליין ביי'ם עמוד. שמואליק האָט זיך שוין אָהן יוסילען גאָר נישט געקאָנט בעגעהן. ער איז געווען זיין גאַנצע „פּאָדפּאָרע" ביי'ם עמוד; אין דער צייט ווען יוסילע פלעגט זיך צעלאָזען אויף זיין העלזעל, פייפען און טערעלייקען אויף אַלערליי אופנים, האָט זיך שמואליק דער־ווייל געקאָנט אָפּרוהען און אָננעמען זיך מיט נייע כּחות אויף צו אַרבייטען ווייטער. יוסילע, ווי שלעכט ס'איז איהם געווען, האָט דעם טאַטען זעהר ליעב געהאַט, רחמנות געהאַט אויף איהם. „וואָס וועט ער טהון אָהן מיר? ווער וועט איהם טראָגען דעם שלח־מנות אום פּורים, צעטראָגען די שמורה־מצה ערב פּסח, די

אתרוגים אויף סוכות?"... אמאל, אין די גוטע יאהרען, בשעת זעלדע, עליה השלום, האט געלעבט און געפיהרט די שטוב־הוצאה פון איהר אייגענער פראצע, פון האדעוועז גענז, פון פרעגלען שמאלץ, פון פליקען פעדערען ובדומה אזעלכע זייטיגע פרנסות, האט נאך שמואליק נישט בעדארפט אזוי יאגען זיך נאך די דאזיגע וויסטע הכנסות; אצינד אבער, אז זעלדע איז איהם אפגע־שטארבען און ער האט געבראכט איינע אידינע פון באררדיטשעוו, האט זי איהם פערגרעסערט די משפחה מיט א צוויי־דריי פיצלעך אומשולדיגע בעשעפענישלעך, וואס בעדארפען עסען, און שמואליק האט זיך בעדארפט אנטהון א כח און אליין ארויסשיקען יוסילען אויף דער שטארט פורים ארומטראגען דעם שלח־מנות. דאס איז געווען פאר שמואליק'ען א גרויסער אראפפאל, צוזעהענדיג זיין זוהן, ווי ער געהט דאס ארום איבער די הייזער א בארוויסער נעבאך...

יוסילען אליין האט דאס וויכציג־וואס געאהרט. פונ'ם טאטענ'ס וועגען איז ער געווען גרייט צו טהון אלץ אין דער וועלט, ווען ער זאל נאר וויסען וואס. „איך זאל זיין אזוי גרוים, ווי פ י צ י, — האט זיך יוסילע נעקלערט — וואלט איך דאס לעצטע אוועקגענעבען מיין טאטען, אבי נישט צו זעהן זיינע יסורים!" וואס ווייטער האט יוסילע אנגעהויבען אלץ מעהר צו פיהלען, ווי עס ציהט איהם אין ערגיץ, פלעגט ארומגעהן פערטראכט און פערזארגט. זיינע מחשבות זענען געווען דארטען ערגיץ, גאנץ ווייט. עס איז ביי איהם אין הארצען געזעסען א מין גייסט, וואס ער אליין האט איהם וויכציג פערשטאנען. עס האט איהם געטראגען אין דער לופטען, נישט געלאזט שלאפען און אלץ געשלעפט איהם ערגיץ: „אהין — אהין! איין מאל פאר אלע מאל — אהין!"...

VI.

ער זוכט זיך אפּ זיין גן־עדן, נאָר מע טרייבּט איהם פון דאָרטען מיאוס ארויס.

נישט האָבענדיג וואָס צו טהון, פלעגט זיך יוסילע ארומ־שפּאַנען איבער דער שטאָדט, אויסמעסטען די גאַסען אין דער לענג און אין דער בּרייט, אַמאָל פערגעהן ווייט הינטער דער שטאָדט און דאָרט איינער אַליין זיך אויסציהען אויף דער ערד, נישט ווייט פונ׳ם וואַלד, און צעלאָזען זיך אויפ׳ן האַלז, צעגיסען זיך אויפ׳ן טאַטענ׳ס שטייגער, זאָגענדיג „עפּיס“ פון ימים נוראים „אַ זאַך“... דאָרט, אויפ׳ן פרייען פּלאַץ, האָט ער זיך געקאָנט אויסשרייען, אויסזינגען זיך, און דער ווידער־קול פונ׳ם וואַלד פלעגט זיך איהם אָפּגעבּען מיט אַ קלאַנג און מיט אַ הילך, גלייך ווי די בּוימער זענען זיינע משוררים און זיי האַלטען איהם אונטער. דאָ, אויפ׳ן פרייען פעלד, האָט זיך יוסילע געפיהלט אַ סך היימישער, ווי בּיי זיך אין דער היים; קיינער האָט איהם נישט געוועהרט צו זינגען און צו שרייען, און ער האָט זיך פּאַר קיינעם נישט בּעדאַרפט שעמען. אויך האָט ער דאָ נישט געהאַט אויף זיך קיין אויבערהאַר, קיין שטיפמאַמע, וואָס זאָל איהם יאָדען, און קיין טאַטען, וואָס זאָל זיפצען און קרעכצען אויף זיינע יאָהר און טעג. עפּיס גאָר אַ בּעזונדערע וועלט האָט דאָ יוסילע בּע־שאַפען בּיי זיך אין קאָפּ: דער וואַלד — דאָס איז ז י י ן וואַלד, צוליעב איהם בּעשאַפען געוואָרען, ער זאָל דאָ קאָנען זינגען; דאָס פעלד — דאָס איז זיין אייגענע „אימעניע“, זיין גוטס, זיין גן־עדן. דאָ, אין דעם גן־עדן, וואו קיינער זעהט איהם ניט און הערט איהם ניט, מעג ער זיך, נישקשה, אָנטהון דאָס וואָס־ער־וויל: און זינגען, און שרייען, און שפּרינגען, און מאַכען אָנשטעלען, וויפיעל זיין האַרץ געלוסט. עס איז אָבּער, אוי־וועה, נישטאָ קיין אייבּיגע זאַך אויף דער וועלט! מע האָט יוסילען גיך פון

זיין נייעם גן־עדן ארויסגעטריבען, ארויסגעיאָגט מיט הינד, מיט שטעקענס און מיט שטיינער, האָטש ער איז געווען גאָט די נשמה שולדיג...

עס איז געווען א ווארעמער, א לויטערער זומער־טאָג. אין שטאָדט, געוועהנליך, בראָט די זון און סמאַליעט גאָר אָהן רחמנות, פערטרייבענדיג די מאַזעפּעווקער מארק־אידען און מארק־ווייבער אונטער דער סטאַיקע, ליגען דאָרטען אין א שאָטען און פאָכען מיט דער נשמה, און די היימישע ווייבער, די גראָבע אידינעס, וואָס קאָנען קיין היץ ניט איבערטראָגען — אין די קעלערס אריין. די מלמדים אין די חדרים דעמאָלט ווארפען אראָפּ די קאַפּאָטעס, בלייבען זיצען מיט די ברייטע ארבעל פון דעם העמד און מיט די געלע טלית־קטנס, דאָס האַרץ צעהראַסטעט, מע הויבט די יאַרמעלקע און מע שוויצט, ווי אין א באָד; די תלמידים לאָזט מען אָפּ צום טייך זיך באָדען, פּליעסקען זיך אין דער בלאָטע — עס ברענט ווי אין גיהנם, נישטאָ זיך וואו אהינצוטהון! אידען מיט שטעקלעך געהען־ארום אין מארק, די ארבעל פערקאַטשעט, דאָס היטעל פעררוקט, מע רייסט אויף זיך דאָס לייב, זאָגענדיג איינער צום אנדערען: „נו, א היץ! אי, א טאָג! גאָר ניט אויסצושטעהן!“... אויך די ציעגען אויף דער שוהלגאַס, וואָס האָבען ביז אהער פערשייט געקלעטערט אויף די דעכער, געסיפּעט פון דאָרטען שטרוי פון דער סטריכע, געלעקט די ווענד פון די שוהלען, געשפּרונגען צו די ווייבערשע טישלעך אין מארק, חאַפּענדיג אַלע מינוט א מיאוס'ען פּסק פון די קלייט־משרתים, — אויך די דאָזיגע פערשייטע ציעגען האָבען זיך איינגעמיערט פון דער היץ, זיך אנידערגעלעגט, די פיסלעך אונטער זיך, אויס־געצויגען די קעפּלעך, ארויסגעשטעלט די צינגלעך, מאַכענדיג דער־ביי א משונה־נאַריש פּנים. הכלל, עס ברענט אין שטאָדט, עס שרפה'ט, און אַלע קוקען שוין ארויס אויף דער ליעבהאַרציגער נאַכט.

נישט אזוי איז אָבער הינטער דער שטאָדט, אין פעלד, ביי'ם גרויסען גרינעם וואלד. אהינצו האָט זיך עס יוסילע פערקלויבען

מיט זיין זינגען, שרייען און פילדערען. געהענדיג אזוי ביי'ם וואלד מיט'ן שאטען פון די בוימער און שלינגענדיג די פרישע קיהלע לופט מיט'ן פולען מויל, האט זיך יוסילע גאר נישט ארומגעקוקט, ווי ווייט ער איז פערגאנגען פון דער שטאדט. עס האט זיך פאר זיינע אויגען פערשפרייט א גרויסער גרינער קאוויאר, אזא גלאטער, אזא מחיה'דיגער, אז עס בעט זיך א ווארף טהון אויף איהם, אויסציהען זיך און רוהען, און רוהען אהן איין עק. נאר וואס ווייטער ווייזט־אויס דאס גראז אלץ געדיכטער און שענער, און עס ציהט איהם אלץ ווייטער און ווייטער. ער פיהלט זיך אזוי גרינג, אויפ'ן הארצען איז איהם אזוי גוט און אין האלז בארבעלט, עס קיצעלט, עס גלוסט זיך זינגען. עס פאלט איהם אריין אין קאפ א נייער געדאנק, א נייער מין נוסח פון א „ועל המדינות בו יאמר“, און יוסילע הויבט־אן צו נעמען אלע מאל העבער און שטארקער, און דאס קול געהט איהם אזוי פריי, אזוי גרינג, אז עס דאכט זיך איהם אויס, ווי הויך ער זאל נים נעמען דעם טאן, קאן מען נאך העבער נעמען — און ער קנאקט, ער זינגט, ער צעגעהט זיך, ער מאכט טרעלען אזעלכע, וואס ער אליין וואונדערט זיך, ווי קומט דאס צו איהם? ער פלאנטעט א מין פאנטאזיע מיט'ן האלז, נאר אליין נישט ווי־סענדיג, וואוהין ער וועט פערקריכען ווייטער און מיט וואס וועט ער אויסלאזען; עס קומט צו די ווערטער: „אשרי איש — וואויל איז צו דעם, וואס פערגעסט דיך נים, און שטארקט זיך מיט דיר, ווארום דיינע פארשער וועלען נים געשטרויכעלט ווערען, און וועלען זיך נים שעמען אייביג אלע די, וואס בעשיצען זיך אן דיר“... — צעלאזט זיך יוסילע אויף זיין האלז אלץ לעבעדיגער און שטארקער, אונטערשפרינגענדיג, מאכענדיג מיט די הענד און שרייענדיג אויף א קול:

„כל החוסים בך!

כל החוסים בך!“...

פלוצים הערט יוסילע א משונה געשריי: „קסי—קסי—קסי! אטו יעהאַ! קסי—קסי—קסי!" ער קוקט זיך אַרום און בלייבט טוידט: אַ גאַנצע מיטשקע פאַסטיכלעך, מיט טאָרבעלעך אויף די פּלייצעס, מיט גרויסע היטלען אויף די קעפּ און מיט גראָבע בולעווקעס אין די הענד, יאָגען זיך נאָך איהם, און פאַר זיי לויפט אַ גרויסער, שוואַרצער, מורא'דיגער, קודלאַטער הונד. יוסילע פיהלט אַ שאַרפען קלאַפּ און נאָכדעם — ווי עפּיס עמיצער שלעפּט איהם, רייסט איהם, סיפּעט איהם. און נאָכדעם... נאָכדעם געדענקט ער שוין גאָר ניט.

. . . .

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער שוין קיינעם נישט געזעהען אַרום זיך. פערטומעלט, מבויש, איין איבערגעשראָקענער, מיט אַ צעריסענער, צעפּיצעלטער קאַפּאָטקע, האָט זיך יוסילע אויפגעהויבען פון דער ערד און האָט זיך געלאָזט געהן צוריק אַהיים, נעבאַך מיט זעהר אַ פערביטערט האַרץ. ער האָט זיך צעוויינט; ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס האָט צו איהם דער רבונו־של־עולם מעהר ווי צו אַלע יונגלעך פון זיין גראַד? פאַר וואָס שטראָפט ער איהם אַזוי? דאַכט זיך, דאַווענען דאַווענט ער אַלע טאָג, היט אָפּ אַלע מצות, ווי עס געהער צו זיין, איז מקיים די מצוה פון כבוד־אב; אפילו דער שטיפמאַמע גיט ער אָפּ כבוד, מעהר ווי זי פערדינט ביי איהם.

— פאַר וואָס קומט דאָס מיר, רבונו של עולם? מיט וואָס האָב איך אַזעלכעס פאַרזינדיגט, וואָס דו שטראָפסט מיך אַזוי?

און אויסדרעהענדיג צום לעצטען מאָל דעם קאָפּ צוריק, האָט זיך יוסילע מיט אַ זיפץ אָפּגעזעגענט מיט זיין גן־עדן, מיט דעם פרייען פעלד, מיט'ן גרינעם שאָטענדיגען וואַלד אויף תמיד, אויף אייביג.

VII.

יוסילע ווערד א בעל־תשובה און פאלט אריין אין א נייעם אומגליק.

נאכדעם ווי מע האט איהם אזוי מיאוס ארויסגעטריבען פון זיין גן־עדן און יוסילע איז געקומען אהיים א צעשלאגענער, א צעפלאכטענער, מיט א צעפליקט קאפאטקעלע, האט ער, געוועהנליך, בעקומען א שענעם ברוך־הבא פון דער שטיפמאמע, און טאקי פונ׳ם טאטען אליין. שלאגען האט איהם שמואליק נישט געשלאגען קיינמאל, נאר ער פלעגט איהם בעשטראפען מיט ווערטער:

— איך פרעג דיך אליין: נו, טהוט עס אזוי א בחור׳על? נעהט און צערייסט א קאפאטקעלע אויף פיץ־פיצלעך! איך וועל דיר מסתמא, וואס איז שייך, באלד מאכען א נייעס? די גוטע פרנסות היינטיגע? ווען די מאמע דיינע זאל איצטערט אויפשטעהן, איך וויים? וואס איז שייך...

יוסילע וואלט אוועקגעגעבען מי יודע וואס, אבי ער זאל ניט הערען מעהר דעם טאטענ׳ס מוסר. אין דער מינוט האט זיך יוסילע בעשווארען, אז ווייל ער וועט לעבען זאל שוין זיין פוס מעהר ניט זיין אין וואלד, און ער וועט שוין פון שטאדט ניט ארויסטרעטען, ער זאל וויסען — גליקליך צו ווערען!... דאס איז געווען דאנערשטאג. אויפ׳ן אנדערען טאג, פרייטאג הייסט דאס, איז יוסילע גאנץ פריה אוועקגעלאפען אין שוהל אריין און האט זיך אוועקגעשטעלט דאווענען, אבער אזוי פרום און מיט אזוי פיעל הארץ, ווי נאך קיינמאל ניט. נאכ׳ן דאווענען האט ער זיך אליין גענומען שייערען דער שטיפמאמען דאס מעש מיט׳ן קופער, געלאפען איהר אין מארק אריין „אויף איין פוס“ איינקויפען

פעפער, לארבער־בלעטער מיט צימערינג מיט איינגעלגעווירץ, מיט „פאר דריי גראשען האניג“ צום קוגעל, מיט קידוש אויף שבת, און קומענדיג האט זיך יוסילע אליין א ווארף געטהאן אנרייבען חריין צום טיש און האט זיך גענומען צו דער „פיסנאגע“ זי שפאלטען אין בעט מיט א מעסער און מיט'ן איבערשטען פונ'ם שטויסעל אזוי בריה'ש, אז די חזנ'טע האט זיך שוין ניט געקאנט איינהאלטען און האט א זאג געטהאן אזוי, פאר זיך, פערקוקענדיג אין אויוועץ אריין און צעבלאזענדיג דאס פייער:

— וואדען? אזוי באדארף א יונגעל! ניט ווארטען, ביז יענער זאגט געה! האריקען זיך, שיקערלעך, זאגערלעך, שאפערלעך...

פון די ווערטער האט יוסילע בעקומען אין זיך נאך מעהר קוראזש, ווי פריהער; ער האט זיך געפיהלט אין כח איבערקערען א וועלט, כמעט ווי שמשון הגבור. ער האט בעמערקט, אז די שטיפמאמע זוכט א ביסעל וואסער, האט ער לאנג נישט געטראכט, פערקאטשעט די פאלעס פונ'ם צענויפגעשטריגעוועט קאפאטקעלע, געהאפט דעם עמער און האט איהם אין עטליכע מינוט ארום אריינגעטראגען א פולען, ווי איין אויג. שפעטער האט ער זיך אוועקגעזעצט מעביר זיין די סדרה און זאגען שיר־השירים מיט אזא זיסקייט, אז די חזנ'טע האט איהם אליין צוגעטראגען אויפ'ן דערקאטש א ביסעל לאקשען, בעשמאלצט מיט א ציבעלקע פון שמאלץ. יוסילע'ס הארץ איז געווען יענעם טאג און דעם אנדערען טאג, דאס הייסט שבת, פול מיט ליעבשאפט און געטריישאפט צי זיינע אייגענע און מיט תשובה צום אויבערשטען. שבת בייטאג, נאכ'ן טיש, דעמאלט ווען אלע יונגלעך שפאציערען־ארום אויף דער בארדיטשעווער גאס, האט זיך יוסילע אוועקגעזעצט זאגען פרק מיט גרוים חשק. נאכ'ן פרק האט ער זיך גענומען געשמאק צום תהלים און האט זיך אבער מיישב געווען, עס איז גיט קיין פלאץ: אלע עהרליכע אידען זאגען תהלים אין בית־

המדרש, און ער זיצט דאָ בײַ דער פּאָמעניצע גאָר — פּע, מע בעדאַרף גערן אין שוהל אַרײַן!

און יוסילע נעמט אויף זיך דאָס שבת'דיגע קאַפּאָטקעלע, בינדט זיך אַרום דעם האַלז מיט אַ װײַסער פּאַטשײלע און לאָזט זיך גערן אין שוהל אַרײַן. אויפ'ן האַרצען איז איהם איצט אַזוי גרינג, ווי נאָך קײנמאָל ניט. ער פיהלט זיך, ווי אַ מענש, וואָס האָט זיך מיט עמיצען צעקריעגט און האָט זיך נאָר־וואָס איבער געבעטען. עס ווײַזט זיך איהם אויס, אַז צווישען איהם און צווישען דעם גרויסען לעבעדיגען גאָט איז פאַרהאַן אַ שטיקעל שײַכות; ער, יוסילע, און אָט די גאַנצע וועלט, וואָס ער זעהט איצט פאַר זײַנע אויגען, זענען גאַנץ נאָהענטע מחותנים. די זון, וואָס הויבט־אָן נאָר־וואָס צו אונטערגעהן, אַראָפּלאָזענדיג זיך נעשווינד אַראָפּ־אַראָפּ, דער הימעל, וואָס לויכט און וואָס בער פאַרבט זיך בײַ דער זײַט מיט אַ העלרויטען פּאַס, די פויגעלעך, וואָס שווימען אויבען, מחנות'ווײַז. אַראָפּ און אַרויף, וויעגען זיך, ווי אַ שיף אויפ'ן ים, — אַלץ, אַלץ איז איהם נאָהענט, היימיש, עס געהער זיך מיט איהם עפּיס אָן, עס האָט אַ שײַכות צו איהם... פערטיעפט אין געטליכע ענינים, געהט זיך יוסילע ווײַטער און ווײַטער, גאָר נישט בעמערקענדיג, אַז ער האָט שוין לאַנג איבער געלאָזט די קאַלטע שוהל, מיט דער גאַנצער שוהלגאַס, מיט דער באַרדיטשעווער גאַס אויך, מיט די „האַמאַרניקעס“, מיט די „קוזניעס“, מיט דער „נײַער בריק“, און איז שוין גאָר אויף דער „פוילישער גאַס“. יוסילע וואָלט געגאַנגען נאָך ווײַטער, ווען עס זאָל איהם נישט געווען אָפּשטעלען אַ משונה־זים געזאַנג, עפּיס אַ מין געטליך שפּיעלען, זעלטענע קולות, אַזעלכע, וואָס ער האָט זײַ נאָך אין זײַן לעבען קײנמאָל ניט געהערט. ער שטעלט זיך אָפּ און הערט און קאָן זיך גאָר זאַט ניט אָנהערען. אַז עס איז פאַרהאַן אויף דער פוילישער גאַס, דאָרט אויפ'ן באַרג ערגיץ, אַ „קאָסטיל“ — ווײַסט ער גאַנץ גוט; אויך ווייס ער, אַז דאָרט שפּיעלט מען אויפ'ן „אָרגעל“; נאָר הערען האָט ער דאָס נאָך

ניט געהערט קיינמאָל, מחמת, ערשטענס, איז אויף דער פוילישער גאַס פאַרהאַן, הינד אין יעדען הויף, און, צווייטענס, טאָר מען דאָך גלאַט ניט הערען דעם „אָרגעל“ שפּיעלען זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען... אין דער מינוט פערדריסט איהם שטאַרק, וואָס די אידען האָבען פערזינדיגט, און עס טהוט איהם האַרצעדיג באַנג, וואָס אידען האָבען שוין מעהר ניט זייער בית־המקדש, זייער אָרגעל מיט זייערע לויים, וואָס פלעגען שפּיעלען אויף אַלערליי אינסטרומענטען און זינגען הייליגע ליעדער... און דאָ דערוו, יל פון קאָסטיאָל לאָזט זיך הערען דאָס שפּיעלען מיט׳ן געזאַנג, און ווי מיט אַ מאַגניט ציהט עס איהם אַלץ ארויף־באַרג, נעהענטער צו זיך, און פון דאָרטען, פון ערגיץ, גיסען זיך, גיסען זיך זיסע, הימעלשע קולות, ווי אַ געזאַנג פון אַ מענשען, פון אַ סך מענשען אינאיינעם; און עפּיס אַ גראָב קול, אַ דינער, פאַלט אַלע מינוט פון אויבען אראָפּ, אַז עס ציטערען אַזש די ווענד מיט דער ערד אונטער די פיס. און נאָכדעם — ווידער זיסע געצייכענטע שטימען, מיני געזאַנגען, וואָס שניידען דאָס האַרץ, ווי מיט אַ מעסער, און אַ שענע גלאַטע שטימע פון אַ מענשען לאָזט זיך הערען פון דאָרטען און פילט אָן דאָס האַרץ און רופט־ארויס פערשיעדענע מחשבות. יוסילע שטעלט זיך פאָר, אַז פונקט אַזוי האָבען די לויים בעדאַרפט זינגען אין בית־המקדש, געשפּיעלט אויפ׳ן „אָרגעל“ און געלויבט גאָט דעם האַר פון אַלע הערשאַפטען — און דאָס האַרץ ווערד איהם פול, און די מחשבות טראָגען איהם אוועק אַהין, קיין ירושלים... די גאַנצע צייט פונ׳ם שפּיעלען און פונ׳ם זינגען געדענקט ניט יוסילע אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז; עס איז איהם ליכטיג אין די אויגען, עס איז איהם ליכטיג אין אַלע אברים; עס הויבט איהם ווי אין דער לופטען, עס טראָגט איהם ארויף, ארויף, אויפ׳ן הימעל... פּלוצים הערט מען אויף צו זינגען און צו שפּיעלען, און יוסילע דערהערט איין אַנדער שטימע, אַ בעקאַנט קול שוין פון איין אַנדער זייט. ער קוקט זיך איין, פון וואַנען דאָס קול געהט, און דערזעהט פאַר

זיך א בעקאַנטען פּריץ, מיט א פעט געגאָלט פּנים. ער קוקט זיך צו און דערקענט... דער קסיאָנדז! דעם קסיאָנדז האָט ער ניט איין מאָל געזעהען ביי זלאַטען אין קליים קויפען סחורה. זיין קיילעכיג געגאָלט פּנים מיט דער רויטער גראָבער נאָז, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי א גולקע, פלעגט זיך איהם תמיד אויסווייזען משונה, מאַקי נאָר צום לאַכען. יוסילע טהוט זיך א חאַפּ: „אַי, וואו בין איך דאָס?" — און לאָזט זיך אַראָפּ פון באַרג...

אויף דער גאַס, הינטער'ן באַרג, שטעהט א רעדעל פון אידען און יונגע לייט. מע שטעהט און מע בעטראַכט די נייע בריק, וואָס בויעט זיך, און מע שאַצט, מע רעכענט, מע זאָגט מבינות, ווי געוועהנליך אידען, אז מע קומט צונויף ביי א נייעם בנין. דערזעהענדיג, ווי יוסילע לויפט פון דאָרטען באַרג אַראָפּ, שטעלען זיי איהם אָפּ און מע טהוט איהם א פרעג:

— פון וואַנען איז? פון קאָסטיל?... ווער ביזט דו, יונגעלע?

— וואָס הייסט? — זאָגט דער אַנדערער. — דו קענסט איהם ניט? ס'איז דאָך שמואליק'ס, שמואליק דעם חזנ'ס זוהנדעל!

— א פיינער בחור! נעהסט אין קאָסטיל, נעהסט דו?!...

— קוק איהם אָן, דאָס נעבאַכעל: שטעהט, חאַטש מעלק איהם! א לייטיש בחור'על!

— היינטיגע קינדער! גוטע יאָהרען זיך דערלעבט! פיהר איהם אָפּ אהיים, דוד־הערש! ער איז דאָך פון דיין גאַס. א שענע מעשה, נאָר א קורצע!...

דער גאַנצער גיהנם, מיט אלע מורא'דיגע פּורעניות, וואָס איז ביי אונז אויסגערעכענט אין די הייליגע ספרים, מיט'ן כף־הקלע, דאָס הייסט, דאָס שליידערען פון איין עק ביז'ן אנדערען עק וועלט, מיט די אלע מלאכי־חבלה אַרום און אַרום — איז א נאַר־

נישט אקעגען דעם, וואס יוסילע האט זיך פארגעשטעלט ביי זיך אין קאפ נאך דער שרעקליכער עבירה, וואס ער האט דא אפ־געטהאן, אליין נישט וויסענדיג — וואו, ווען און ווי אזוי קומט ער גאר דערצו? ער האט זיך שוין גערעכענט פאר א פער־פאלענעם, פערשפיעלט ביידע וועלטען... ער האט זיך מוסר נפש געווען, מקבל געווען אויף זיך אלע שטראף, וואס א מענש קאן צוקלערען, און האט זיך בעשלאסען, איין מאל פאר אלע מאל, נישט רעדען קייןווארט, ווי איינער רעדט: „שניידט מיך, בראקט מיך, עסט מיין פלייש — איך וועל אייך נישט זאגען!“... עס פער־שטעהט זיך, אז צום אלעם ערשטען האט זיך שמואליק צו איהם גענומען מיט ווערטער, איהם געשטראפט מיט מוסר, וויפיעל ס'איז אין איהם אריין, און האט געוואלט וויסען פון איהם נאר איין זאך: „ער זאל איהם זאגען, וואס איז שייך, ווי קומט ער גאר אהין?“... נאר אזוי ווי די וואנד שווייגט, אזוי האט אויך געשוויגען יוסילע. דאס האט שוין די חזנ'טע נישט געקאנט אויסהאלטען; זי האט זיך א לאז געטהאן צו יוסילען, איז אנ־געפאלען אויף איהם מיט ביידע קולאקעס, געפינעט און געהיר־טשעט, ווי א ווילדע חיה, און ווען ניט זלאטע, וואס האט דערהערט פון יענער זייט וואנד דאס קלאפען מיט'ן פאטשען, וואלט איהם די חזנ'טע קיין לעבעדיגען פון איהרע הענד נישט ארויסגעלאזט. זלאטע האט איהם ארויסגעריסען פון דער חזנ'טע און האט איהם משלח געווען צו זיך אין שטוב אריין, און אליין איז זי געבליבען דא און האט שמואליק'ען נעגעבען א וויסטען, א פינסטערען פסק. וואס ער דערלאזט, אז פ ר ע מ ד ע הענד זאלען שלאגען זיין בלוט און פלייש. די חזנ'טע פון איהר זייט האט איהר אויך ניט אפגעשוויגען, און דערווייל איז יוסילע ניצול געווארען פון שלעכטע הענד.

VIII.

אסתר האָרעוועט־צו, און יוסילע פאַהרט־אוועק קיין טעטרעוועץ שטודירען חזנות.

איין קוק א וואָרעמער, איין וואָרט א גוטס פון אסתר'ען איז פאַר יוסילען געווען א רפואה צו אַלע צרות, טענות פונ'ם טאַטען אינאיינעם מיט די קלעפּ פון דער שטיפמאַמע זיינער. אריינקומענדיג אין שטוב אריין פונ'ם שפּאַציער שוין שפּעטליך און דערזעהענדיג יוסילען, ווי ער שטעהט אַזוי פערדרוקט אין א ווינקעלע, א דערשלאָגענער, ווי איין אָפּגעפּליקט היהנדעל, דאָס היטעלע צעקנייטשט, די בעקלעך רויט און אָנגעדראָלען, ווי די פּאַמפּעשקעס, איז אסתר צוגעגאַנגען צו איהם גאַנץ נאָהענט, האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און האָט איהם א פרעג געטהאָן מיט א ווייך קול, קוקענדיג אויף איהם מיט רחמנות:

— וואָס איז, יוסילע? ווייטער זי?...

פאַר דער גאַנצער צייט האָט זיך יוסילע אָט־דאָ דאָס ערשטע מאָל צעוויינט פאַר אסתר'ען, ווי א קליין קינד, און האָט איהר אויסדערצעהלט אינגאַנצען די מעשה פון אלף ביז תיו, נישט פערלייקענט פון איהר קיין האָר אפילו, זיך מודה געווען, ווי מען איז זיך מודה פאַר גאָט אַליין. אסתר'ען האָט דאָס שטאַרק אָנגענומען ביי'ם האַרצען: זי איז געשטאַנען די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט, און האָט געהאַלטען איינעם פון איהרע לאַנגע ליכטיגע צעפּ, צעפלאָכטען, צוריק פערפלאָכטען און ווידער צעפלאָכטען, קוקענדיג איהם גלייך אין פנים אריין מיט איהרע שענע בלויע אויגען. נאָכדעם האָט זי דעם צאָפּ א וואָרף געטהאָן אַרונטער, צוגעגאַנגען צו יוסילען נאָך נעהענטער און האָט א זאָג געטהאָן צו איהם:

— ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, יוסילע? דו דאַרפסט ניט זיין דאָ; דיין אָרט איז אין אַ גרויסער שטאָדט, ערגיץ ביי אַ גרויסען חזן. כל זמן דו וועסט דאָ זיין, וועט פון דיר נישט זיין גאָר ניט. געדענק מיין וואָרט.

— הערסט דו! — מאַכט יוסילע, און דאָס פייערעל פון זיינע אויגען גלאַנצט־אַרויס פון דער פינסטער. — הערסט דו! אָט דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס איך שריי שוין לאַנג. איך וויל קיין טעטרעוועץ, צו מיצי'ן. דאָרט, ווייס איך, וועל איך זיך עפּיס אויסלערנען, נישט אַרומגעהן, ווי איך געה דאָ אַרום בטל, בין אַ משרת'ל ביי דער מוהמע. דאָרט, אין טעטרע־וועץ, איז גאָר איין אַנדער וועלט; דאָרט, אַז מע קומט צו פאָהרען...

— שאַ! — זאָגט צו איהם אסתר. — דו זאָגסט טעטרעוועץ. איך קאָן איינעם אַ טעטרעווצער; ער באַדאַרף אָנקומען נאָך שבת אויפ'ן יריד, איך וועל מיט איהם רעדען. מיר דאַכט, עס וועט געהן.

— אפשר, איענער, מיינסט דו, דעם שניטקרעמער, וואָס שטעהט תמיד די אַנדערע קראָם פון אייך?

— יאָ, אַ יונגערמאַן, זעהר אַ וואוילער מענטש, אַ איד אָהן אַ גאַל. איך וועל מיט איהם אַ רעד טהון מכח דיר... שאַ, אָט געהט די מאַמע.

— אַ גוטע וואָך! — מאַכט זלאַטע, אַריינקומענדיג צו זיך אין שטוב אַריין. — זאָג, אסתר'על, „גאָט פון אברהם“ און צינד־אָן פייער... אָה דו קאָנסט שוין געהן אַהיים. — רופט זי זיך אָן צו יוסילען. — איך האָב זיך דאָרט אַ ביסעל אָפּגעקריעגט פאַר דיר. נישקשה, ביזט אַ לייטיש בחור'על! ביי לייטען קינדער זיצען שבת אין שוהל, און דו געהסט נאָר אין די קאַסטיאַלען אַריין. האָסט דו געהערט אַ השגה!

— ניין, מאמע! — זאָגט אסתר און וויל איהם פערענטפע־רען. — ס'איז ניט אזוי די מעשה... ער איז גאָר ניט געווען אין קאָסטיאָל, ער איז געווען נעבען קאָסטיאָל...

— א נייער מליץ־יושר! — מאכט זלאטע און שלאָגט איהר איבער די רעד. — געה, יוסילע, אהיים, מע וועט דיך שוין מעהר ניט טשעפּען. נאָר זעה, שאַנעווע זיך און זיי א סטאַטעק. די מאמע דיינע זאָל אויפשטעהן, וואָלט זי געהאט ווינציג־וואָס נחת פון דיר...

יוסילע געהט אהיים, און אסתר הויבט אָן צו קלערען אלערליי פּלאנען, ווי אזוי מאכט מען, אז יוסילע זאָל זיך קאָנען דער־שלאָגען קיין טעטרעוועץ. „ער, מיט זיין קול, וואָלט געקאָנט זיין ביי א רעכטען חזן; א רחמנות אויף איהם, ער וועהרד דאָ נעבאך שטארק אויסגעריסען!“...

ווען די דריי גרויסע ירידים, וואָס זענען אויבען דערמאנט, יוריע, ספּאס און פּאָקראָווע, זאָלען זיין בעשאפען נאָר פאר די מאזעפּעווקער קרעמער אליין, וואָלט אוודאי אז וואויל געווען די דאָרטיגע אידען. דער חסרון איז אָבער, וואָס אהין פאָהרען זיך צונויף קרעמער פון דער גאנצער וועלט כמעט: פון מאקארעווקע, פון קאשפערעווע, פון באָרדיטשעווו און פון יארמעלינעץ, און פון טעטרעוועץ און פון ארום און ארום. מע פאָהרט־אראָפּ קיין מאזעפּעווקע אויפ'ן יריד און מע שטעלט זיך אויס מיט אזעלכע שאַרפע קראָמען, אז עס נעמט־אָפּ איין אויג. און דערצו זענען נאָך די צונויפגעפאָהרענע אזעלכע שאַרפע בריה'ס צום לייזען געלד, אז דער היימישער בעדארף זיך גוט אונטערגאַרטלען, ער זאָל קאָנען ביישטעהן אקעגען דער דאָזיגער סכנות'דיגער קאָנ־קורענציע. דערפון שפּרינגען אָפּט ארויס, געוועהנליך, שרעקליכע מחלוקת'ען צווישען די „היימישע“ מיט די „פרעמדע“; מאנסבילען קריעגען זיך, זידלען זיך, ווייבער צווישען זיך שטעלען זיך פייגען, און עס טרעפט זיך אָפּטמאָל, אז עס דערגעהט צו

פּעטש אויך. דערפאר אָבער, אז עס קומט דער היילינער טאָג שבת, ווען דער יריד ווערד געשלאָסען, דעמאָלט ווערד מען ווידער שלום; די נעכטיגע פייגען מיט די פּעטש ווערען פערגעסען, און מע קומט אין די שוהלען אריין הערען די מאזעפּעווקער חזנים. מע נעמט זיי אויף פאר שענע געסט אין שוהל. מע טרעט זיי דעמאָלט אָפּ דעם אויבענאָן און מען איז זיי מכבד מיט די פיינסטע עליות, געוועהנליך, נישט אזוי צוליעב זייער כבוד, ווי צוליעב זייערע נדרים, פון וועלכע עס פאלט אריין א היבשע קאָפּיקע. אויף יענעם שבת גרייט זיך צו שמואליק דער חזן ווי געהעריג איז. ער פּלייסט זיך פאר די פרעמדע, און יוסילע פון זיין זייט בעווייזט אויך ארויס וואָס ער האָט, וואָס ער קאָן, אזוי, אז אלע לעקען נאָכדעם די פינגער. קומענדיג נאָכדעם אין איין אנדער שטאָדט, דערצעהלען זיי זיך אָן פונ׳ם מאזעפּעווקער חזן: „איהר זאָלט הערען אין מאזעפּעווקע איז דאָ א בעל־תפלה, האָט ער א האלז, וואָס איז א חידוש; איהם העלפט א יונגעלע זיינס פון א יאָהר צוועלף אויף א דין קול׳כעל, ווי א פייפעלע, וואָס סע לאָזט זיך אוים די וועלט! און דוקא אין מאזעפּעווקע!“...

צווישען די דאָזיגע צונויפגעפּאָהרענע לייט איז געווען איינער א טעטרעווצער סוחר. ער איז געווען, ווי עס האָט אויסגעוויזען, א שארפער מבין אויף חזנים, און בכלל א יודע־נגן, מחמת צו־הערענדיג זיך צו שמואליק׳ס שטיקלעך, פלעגט ער צוקלאָפּען מיט דעם פוס צום טאַקט, האלטען דעם קאָפּ אויף א זייט מיט צו־געמאַכטע אויגען און נאָכ׳ן דאַוונען זיך אוועקשטעלען מיט שמואליק׳ען שמועסען מכח חזנות. דער טעטרעווצער יונגערמאַן האָט ליעב געהאָט צו דערצעהלען פון זייערע טעטרעווצער חזנים, ארויסבעווייזענדיג דערביי פיעל פערשטאַנד און בקיאות אין ענין הנגינה. „ביי אונז אין טעטרעווע זאָלט איהר הערען דאַוונען!“... צו יוסילען האָט זיך דער יונגערמאַן אויך זעהר צוגעלאָזט, געגעבען איהם א קניפּ אין בעקעל און געזאָגט, אז ער וועט זיך „אויס־זינגען“, וועט ער האָבען א זעלטענע שטימע, אז צו זיין זינגען

געהט איהם נאָר אָפּ נאָטען, און ווען ער זאָל מיט זיין קול אריינ־פאַלען צו זיי קיין טעטרעוועץ, צו מיצי׳ן אין די הענד אריין, וואָלט מיצי געמאַכט פון איהם אַ לייט.

שמואליק האָט אויסגעהערט דעם יונגענמאַנ׳ס רעד מיט אַ ביטער שמייכעלע, ווי איינער רעדט: „יאָ, וואָר־זשע נעמט מען אָבער דערצו די קלינגערס?"... און יוסילע, הערענדיג אַזעלכע שמועסען, האָט זיך אַזש בעלעקט, און עס איז איהם שיער דאָס הארץ ניט ארויסגעשפּרונגען פאַר פרייד. ער איז אין דער מינוט געווען מיט לייב און לעבען דאָרט, אין טעטרעוועץ, ביי מיצי׳ן.

ביי יוסילען אין די אויגען בעקומט דער יונגערמאַן גאָר איין אנדער מין גלאַנץ; ער קוקט אויף איהם, ווי אויף זיין אויס־לייזער, ווי אויף אַ מלאך פון גאָט. ער און זיין מזל מיט זיין גאַנץ לעבען זענען ביי דעם יונגענמאַן אין די הענד. דער ירידי אָבער איז זיך דערווייל אַ יריד; מע בעדאַרף האַרעווען, אַנעסען זיך מיט אַזוי פיעל מענשען און לייזען געלד. יוסילע שטעהט, ווי אַלע מאָל, ביי זלאַטע׳ס קראָם, גיט אַכטונג, דער־לאַנגט וואָס מע בעדאַרף, פאָלגט אַ גאַנג, העלפט זיי „טאַשען זיך" און טהוט געטריי. די גאַנצע צייט רעדט ער נישט מיט אסתר׳ען קיין וואָרט מכח טעטרעוועץ און מכח דעם יונגענמאַן. ער האָט מורא צו מאַכען אַ רעד וועגען דעם. אדרבה, אַז ער דערזעהט, ווי אסתר מיט׳ן יונגענמאַן רעדען צווישען זיך, טרעט ער אָפּ אויף אַ זייט און דאָס הארץ בשעת מעשה קלאַפּט איהם נעבאַך זעהר גוט: „רבונו של עולם! — קלערט זיך יוסילע. — שטאַרקער גאָט! גיב איהם אריין אַ גוטע מחשבה, ער זאָל מיך נעמען קיין טעטרעוועץ"...

און אסתר האָט געאַרבייט אויף אַלע סטראַזשען. זי האָט איבערגעשמועסט מיט׳ן יונגענמאַן און גע׳פּועל׳ט, ער זאָל נעמען יוסילען קיין טעטרעוועץ אויף זיינע הוצאות. עס איז איהר אָבער געבליבען אַ שטיקעל אַרבייט ביי שמואליקען און ביי זלאַטען. שמואליק, ווי ער האָט געוואָלט פערזאָרגען דעם תכלית פון זיין

קינד, איז איהם שווער געווען פון דעסטוועגען מיט יוסילען זיך צו שיידען: „וואָס איז שייך, ווי אזוי לאָזט מען דאָס אָפּ א קינד?“... דערצו האָט זיך נאָך אריינגעמישט די שטיפמאַמע אין מיטען: זי האָט ניט פערשטאַנען, צו וואָס דאַרף מען זיך נאָך ארומפיהרען מיט אזא תכשיט, ווי יוסילע איז? אויך זלאַטען איז דער פלאַן נישט געווען צום האַרצען: נעמען א קינד פון א יאָהר דרייצעהן און פערשיקען, מפקיר זיין איהם ערגיץ דאָרטען אין דער פרעמד, גאָט ווייסט צווישען וואָסערע מענשען?!... אסתר האָט זיך אָבער גענומען אויף אַלע כלים און האָט אזוי לאַנג געאַרבייט, ביז זי האָט איבערגערעדט די מאַמע אויך, און תיכף נאָכ'ן יריד האָט זיך יוסילע גענומען זיין תפילין־זעקעל מיט'ן גאַנצען קלומעקעל און איז, אין א מזל'דיגער שעה, אוועקגעפאָהרען קיין טעטרעוועץ. אין יענעם פריהמאָרגען איז יוסילע'ס האַרץ געווען פול מיט פרייד און מיט געטריישאַפט צו אסתר'ען; ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר לייטען, וואָלט ער זי ארומגענומען און וואָלט זיך מיט איהר צעקושט...

ווער איז דאָס אים שטאַנד צו איבערגעבען די געפיהלען, וואָס יוסילע האָט געטראָגען אין האַרצען צו זיין אמת'ען גוטען פריינד, צו אסתר'ען? דאָס זענען ווייזען אזעלכע געפיהלען, וואָס לאָזען זיך נישט ארויסגעבען דורך ווערטער; זיי בעווייזען זיך ארויס נאָר דורך טרערען. זאָגענדיג איהם „פאָהר געזונד“, האָט אסתר בעמערקט, ווי יוסילע פינטעלט מיט די אויגען, בעהאַלט דאָס פנים און הוסט־אונטער מיט עפּיס א משונה קוויטש, קוים ארויס־רעדענדיג דעם „זייַ געזונד“. יוסילע'ס אויגען זענען געווען בע־פּייכט מיט טרערען, מיט טרערען פון גליק, און האָבען געקוקט ווייט, ווייט, אויף יענעם גרויסען, ברייטען וועג, וואָס איז איהם פאָרגעשטאַנען אין זיין לעבען.

IX.

מיצי דער חזן פערהערט איהם זינגען און געהט ארויס פון די כלים.

ביז מען איז ניט אריבערגעפאהרען די גרעבלי, דאס הייסט, די גרעניץ פון דער שטאדט מאזיפעווקע, האט זיך יוסילע נישט געגלויבט אקוראט, אז ער פאהרט קיין טעטרעוועץ. ער האט זיך ארומגעקוקט אלע מינוט, זיך געהויבען פונ'ם ארט און האט אלץ מורא געהאט, טאמער רופט מען איהם אהיים. א קשיא אויף א מעשה: דער שטיפמאמע קאן געפעלען און זי זאל הייסען פערקערעוען צוריק. ערשט אט דא, קומענדיג צו די ווינדמיהלען און דערזעהענדיג דעם וואלד פון דערווייטען, האט יוסילע דערפיהלט, אז ער *פאהרט*, און עס איז איהם געווארען אויפ'ן הארצען אזוי ווי א מענשען, וואס חאפט זיך ארויס פון איין ענגער פינסטערער טורמע אויף דער ליעבער פרייער לופט. קוקענדיג אויפ'ן וואלד, האט זיך יוסילע דערמאנט אין זיין פריהעריגען גן־עדן, פון וועלכען מע האט איהם אזוי מיאוס ארויסגעטריבען, און ער האט שוין געלאכט צו זיך אליין: „אויך מיר איין אנטיק — דער וואלד! א טייערע מציאה! אט טעטרעוועץ — דארט איז א וועלט!“... איין זאך האט יוסילע נישט פערשטאנען: עס זיצען, אהן עין־הרע, א פולע בויד מיט אידען, אלע פאהרען קיין טעטרעוועץ, און פון וואס רעדט מען? פונ'ם יריד, פונ'ם פדיון און פון די מאזעפעווקער קונים! וואס איז דאס פאר מינים בראים פארהאן אויף דער וועלט?!... טעטרעוועץ — אזוי האט זיך יוסילע פארגעשטעלט ביי זיך אין קאפ — דאס בעדארף זיין א מין ערטעל, וואו אלץ זינגט און פרעהט זיך, מענשען געהען ארום פראנק און פריי, איינער מיט'ן

אנדערען ארומגענומען. מע קריעגט זיך ניט, מען עסט זיך ניט איינס דאָס אנדערע לעבעדיגערהייד, ווי דאָ, אין מאזעפעווקע; מע האָט נישט אין זינען אזעלכע פוסטע געשעפטען: יריד, קונה, פדיון, פרנסה. אלע געהען ארום זיך ציכטיג, ריין; די פנים'ער שיינען, די אויגען לויכטען, עס איז א לעבען, ווי אין גן־עדן, פונקט ווי דאָרטען, אויף יענעם אינזעל, וואָס ליגט אויף יענער זייט ים אוקינוס, וואו עס איז א גאנץ יאָהר זומער און וואו מענשען לעבען אייביג, לויט די מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זיינע חברים אין חדר... היינט גלאט, אָהן אלעמען, איז דאָך דאָרטען מיצי! א קלייניגקייט מיצי?!...

אין אזעלכע מחשבות האָט יוסילע פערבראכט דעם גאנצען וועג, כמעט גאָר נישט בעמערקענדיג די אלע דערפער מיט די שטעדטלעך, וואָס מען איז איבערגעפאָהרען אין דער גאנצער צייט פון דער נסיעה. יוסילע איז דערמיט געווען אָפּגעזונדערט, פערענדערט פון אלע איבעריגע יונגלעך פון זיין גראד, וואָס ער האָט זיך תמיד געפונען נישט אויף דעם עולם; עפּיס האָבען איהם זיינע מחשבות מיט זיין כח־הדמיון שטענדיג געטראָגען אין דער לופטען, און אלע, וואָס ער האָט געזעהען, האָט ביי איהם געהאט ניט אזא פנים, ווי ביי אלע אנדערע יונגלעך. ער האָט מעהר געלעבט אין דמיונות, ווי אזוי. האָט ער עפּיס געהערט דערצעהלען, אזוי פלעגט איהם זיין כח־הדמיון אויסמאָהלען מאָדנע־משונה זאכען און בילדער. האָט ער עפּיס פערקלערט איין ענין, אזוי פלעגען איהם די מחשבות פערטראָגען ווייט אהין, אין דעם עולם־הדמיון. אין דער צייט, למשל, ווען ער פלעגט זיצען אין חדר גלייך מיט אלע יונגלעך איבער דער גמרא, אָדער אין שטוב איבער איין ארבייט, פלעגט ער גאָר בשעת מעשה נישט אין זינען האָבען וואָס מע רעדט, אָדער וואָס מע טהוט; זיין נשמה איז געווען גאָר דאָרט ערגיץ, און עס האָט זיך איהם געדאכט, אז ער הערט אלערליי מינים קולות און געזאנגען. ער האָט געקאָנט אויסהערען א זאך דריי מאָל און נישט פערשטעהן איין וואָרט.

און דערפֿאַר פֿלעגט ער, געוועהנליך, ניט איין מאָל חאַפּען אַ מיאוס'ען פּסק פֿון איטליכען בעזונדער. אַפֿילו אסתּר, וואָס האָט געלעבט מיט איהם, ווי ס'שוועסטעו מיט אַ ברודער, פֿלעגט איהם אָפֿט בעמערקען, אַז ער הערט ניט וואָס מע רעדט צו איהם. דערפֿון איז גרינג צו פֿערשטעהן, אַז מחמת ער האָט זיך יעדע זאַך פֿאָרגעשטעלט מעהר ווי ס'איז, דערפֿאַר פֿלעגט דאָס איהם נאָכדעם אויסווייזען שוין צו פּשוט, זעהר וואָלוועל און אָפֿטמאָל נמאס ומאוס ווערען...

אויפ'ן דריטען טאָג, גאַנץ פֿריה נאָך, האָט יוסילע דערפֿיהלט, ווי דער וואָגען טרייסעלט זיך און עס קלאַפּט און עס טראַסקעט, ווי אויף שטיינער, און אַ שענע פּאַנאָראַמע פֿון הויכע ווייסע מויערען מיט געפֿאַרבטע אייזערנע דעכער, מיט גרויסע שענע הויפֿען, אַרומגעזעצט מיט בוימער, האָט זיך צעשפּרייט און אַרויס־בעוויזען פֿאַר זיינע אויגען. „אַפּנים, אָט דאָס איז טעטרעוועץ". — האָט יוסילע אַ טראַכט געטהאָן, גלייך ווי דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט.

— נעם דיר דיין קלומעקעל, — האָט איהם דער שניטקרעמער אַ זאָג געטהאָן, איבערגעבענדיג איהם אַ פּאַטשיילע, וואו עס איז געלעגען דאָס תּפֿילין־זעקעל, אַ סידור'על, דאָס שבּת'דיגע קאַפּאָט־קעלע, אַ פּאָר העמדלעך ווייסע, מיט אַ פֿערדאַרט שטיקעל ברויט, איבערגעבליבען פֿון די וועגשפּייזען. — אָט דאָ, זעהסט דו, זיצט מ י צ י. קריך־אַראָפּ און זאָג איהם פֿון מיינעטוועגען, אַז ער זאָל דיך צונעמען, און, אם־ירצה־השם, מאָרגען גאה זיך דורך צו מיר אַהיים.

יוסילע האָט זיך פֿערנומען זיין קלומעקעל. די בויד איז אַוועקגעפֿאָהרען ווייטער, און יוסילע איז געבליבען שטעהן נעבען אַ גרויסען מויער, נישט ווויסענדיג וואוהין צו געהן.

— וועמען דאַרפֿסט דו, יונגעלע? — האָט איהם אַ פֿרעג געטהאָן עפּיס אַ אידינע, אַרויסשטעקענדיג איין אָפּגעדעקטען קאָפּ פֿונ'ם פֿענסטער, וואָס אינ'ם אונטערשטען עטאַזש.

— מיצי'ן באדארף איך, — האט יוסילע געענטפערט גייצינ. רב מיצי דעם חזן.

— אט דא אויף די טרעפ, זיי מוחל, אין דער רעכטער האנט. — האט איהם געענטפערט די אידינע, שמייכלענדיג.

יוסילע האט זיך אראפגעלאזט אראפ, גאנץ נידעריג, אויף אזוי פיעל טרעפ, — דאס ערשטע מאל אויף זיין לעבען — און איז אריינגעקומען פריהער אין א פינסטערען קארידאר און נאכדעם אין א גאנץ פיינער שטוב מיט געפארבטע פאדלאגעס, מיט שענע בענקלעך און מיט שפיעגלען, גאר גרויסארטיג. נאך יוסילע'ס מיינונג דעמאלט, און ער האט דערהערט פון ערגיץ ארויסגעהן זיסע קולות אלערליי: גראבע, גאר גראבע, מיטעלע, דינע און גאר קוויטשיגע, און אלע אינאיינעם זענען זיי עפים צונויפגעגאסען, צונויפגעשטעלט, ווי אין א הארמאניע, פונקט אזוי ווי ער האט אמאל, שוין לאנג, געהערט אין מאזעפעווקע, בשעת פיצי האט דארטען געדאווענט מיט זיינע אכטצעהן משוררים. שפעטער ווערען אלע קולות שטיל, און עס לאזט זיך הערען א געזאנג פון איינעם, א זיס־דיין געזאנג. דאס געזאנג ווערד וואס ווייטער שטילער, נידעריגער, ביז עס ווערד פערשטארבען. יוסילע שטעהט אין מיטען שטוב, ווי צוגעקאוועט צום ארט, און זעהט גאר נישט פאר זיך דאס זעלבע ווייבעל, וואס האט איהם אנגעוויזען, וואו מיצי וואוינט.

— געה אריין אהינצו, אין יענעם חדר, אן־א! — מאכט צו איהם דאס ווייבעל, אנווייזענדיג איהם וואוהין. יוסילע עפענט־אויף די טיר און דערזעהט פאר זיך א גאנצע חברה יונגעלייט און קליינע יונגלעך: זיי שטעהען אלע אויסגעשטעלט, ווי די סאלדאטען, קוקען אריין אין גרויסע ביכער, איינער פון דער חברה האלט א שטעקעלע אין האנד, און אויבענאן, אויף א בענקעל, זיצט א געוועהנליכער איד מיט א געוועהנליך נעל שפיציג בערדעל און מאכט צו איהם, ווי א געוועהנליכער מענש:

— וואָס ווערסט דו זאָגען?

„שוין־זשע איז דאָס טאַקי מיצי אליין?״ — טראַכט זיך יוסילע און טהוט אַ זאָג:

— איך באַדאַרף האָבען צו מיצי דעם חזן; איך האָב צו איהם אַ גרים איבערגעבען.

— אַ גרים? — פרעגט איהם מיצי. — פון וועמען איז?

— טאַקי פון אַ היגען שניטקרעמער; איך בין מיט איהם אינאיינעם געקומען צו פאָהרען אהערצו.

— פון אַ היגען שניטקרעמער? — מאַכט מיצי. — ווי אַזוי זשע רופט מען איהם?

— ווי אַזוי רופט מען איהם? — ענטפערט יוסילע. — אוי־ואַ, איך האָב גאָר פארגעסען אַ פרעג טהון איהם, ווי אַזוי ער הייסט און וואו ער זיצט.

ווי אַ זאַלפּ פון עטליכע הארמאַטען מיט אַ מאָל — אַזאַ מין געלעכטער האָבען אויסגעשאָסען די גאַנצע חברה משוררים, און מיצי אליין האָט זיך אויך צעלאַכט, בעטראַכטענדיג יוסילען, אין זיין פערצווייפעלטער לאַגע, ווי ער שטעהט זיך אַזוי מיט׳ן פּעקעל אין האַנד, דאָס קאַפּאָטקעלע צעפליקט, געלאַטעט, די שטיוועלעך אויסגעדרעהט און צעהאַקט, דאָס קאַרטוזעל — אָנגעוואָהרען דעם קאַזעראַק מיט׳ן גאַנצען פּאַסאָן, נאָר דאָס פּנים׳על שען, די האָר געקרייזעלט און די גרויסע קאַרע אויגען לויכטען און בלישטשען, ווי מיט אַ פייערעל אין זיי.

— זאָג מיר נאָר, ווער ביזט דו און פון וואַנען קומסט דו אָן? — האָט איהם מיצי אַ פרעג געטהאָן מיט אַ פריינדליך שמייכעלע.

— איך בין **יוסיל, שמואליק** דעם חזנ׳ס זוהן פון **מאַזעפּעווקע**. — ענטפערט איהם יוסילע גאַנץ תקיפ׳דיג. —

מיך האט אהער געבראכט א היגער שניטקרעמער, אונזערער א באקאנטער, צו מיצי דעם חזן באשטעלען פאר א זינגערל.

— אזוי די מעשה? — מאכט צו איהם מיצי. — נו, לעג זשע אנידער דאס פעקעל, און קום אהער נעהענטער, לאמיך דיך אויסהערען זינגען.

תחילת האט איהם מיצי א פרוב געטהאן, צי ער קען נאטען; נאכדעם, זעהענדיג, אז ער ווייסט ניט מיט וואס מען עסט דאס, האט ער איהם געהייסען, ער זאל איהם גלאט אזוי עפּיס א זינג טהון. יאסילע האט געמיינט, אז מע בעדארף טאקי עפּיס „זאגען א זאך". האט ער גענומען זינגען א גאנץ שטיק פון דער ראש-השנה'דיגער שמונה-עשרה. לכתחילה האבען די חברה משוררים זיך פערשטעלט מיט די הענד די מיילער, מע זאל ניט זעהען, ווי זיי לאכען; וואס ווייטער איז דער געלעכטער געווארען קלענער, די פּנים'ער זענען געווארען ערנסטער, און מע האט זיך אנגעהויבען איבערקוקען איינס מיט'ן אנדערען פערוואונדערט. גאר נישט פערשטעהענדיג, וואס איז דאס פאר א מין זינגען — עפּיס נישט קיין געוועהנליכע שטימע! מיצי האט זיך אנגעשפּארט מיט'ן קאפּ אויף דער האנד, אויפגעעפענט דאס מויל און אויס-געשטעלט אויף יאסילען די אויגען, גלייך ווי ער וואלט איהם וועלען איינשלינגען, ווי ער שטעהט און געהט. זינט מיצי האט צו טהון מיט זינגערס, האט ער נאך אזא מין זינגען נישט געהערט און זיך אפילו קיינמאל נישט פארגעשטעלט אין דער מחשבה. יאסילע האט נישט געזונגען, צולעגענדיג כח, ווי אנדערע, נישט געשריגען, נישט געריסען דעם האלז, נאר עס האבען זיך אליין ארויסגעגאסען פון זיין האלז אזעלכע זיסע, איינגענעמענע, ווייכע קולות, ארויסגעהענדיג פונ'ם הארצען, פון דער נשמה, און דער-לאנגענדיג טיעף-טיעף אין ביין אריין; דערביי האט זיך ביי איהם, אין זיין זינגען, ארויסבעוויזען אויך פיעל בריה'שאפט, אריבערפאלענדיג פון אויבען אראפּ און פון אונטען ארויף און צעשיטענדיג זיך אין אזעלכע ווילדע טרעלען, אז אלע זענען

נעבליבען פערשטיינט, נישט וויסענדיג, פון וואנען נעמט זיך דאס ביי איהם! אז יוסילע האט אויפגעהערט צו זינגען, האט זיך מיצי אויפגעחאפט פונ׳ם בענקעל, און האלטענדיג זיך מיטביידע הענד פאר׳ן קאפ, האט ער אנגעהויבען ארומלויפען איבער דער שטוב, ווי א משוגע׳נער, שרייענדיג: „אי־אי־אי־אי־אי!“

— זאג נאר, ווער ביזט דו? פון וואנען ביזט דו? וועמענס ביזט דו?

— איך האב דאך אייך געזאגט, — מאכט יוסילע בתמימות — אז איך בין יוסיל שמואליק׳ס פון מאזעפעווקע; איך בין געקומען צו אייך זיך באשטעלען פאר א משורר׳על.

— פאר א משורר׳על? — האט מיצי געשריגען. — אי־אי־אי־אי! פאר א משורר׳על, זאגסט דו? מירעל! קום נאר אהער, מירעל!

אויף דעם געשריי איז אריינגעקומען מאקי יענעס ווייבעל, וואס האט אנגעוויזען יוסילען, וואו מיצי וואוינט, און מיצי, אנווייזענדיג מיט דער האנד אויף יוסילען, האט זיך צעשריגען אויף קולי־קולות:

— זעהסט דו את דאס יונגעל? דאס איז דעם מאזעפעווקער חזנ׳ס א זוהן. דאס איז ער געקומען אהער צו מיר זיך באשטעלען פאר א משורר. זינט איך לעב, זינט איך נעפין זיך צווישען חזנים, האב איך נאך אזא מין שטימע נישט געהערט. מירעל, ס׳עקט זיך די וועלט, ס׳איז עק! עק, זאג איך דיר! הער נאר אוים, יוסיל רופט מען דיך? — האט איהם מיצי געזאגט, א זעץ־טהוענדיג איהם איבער די פלייצעס. — יוסילע, איך נעם דיך צו! דו בלייבסט ביי מיר בלייבסט דו! מירעל, מע דארף איהם מאכען איין אנדער קאפאטקעלע, אנדערע מלבושימ׳לעך... אפשר ווילסט דו עפים עסען, יוסילע? מירעל, גיב איהם עסען! האסט איהם באדארפט הערען זינגען, מירעל. וואס זאל איך דיר זאגען? עק — און געצונג!

X.

אַ נײַ אָרט, נײַע מענטשען, נײַע צרות

טעטרעוועץ — דאָס איז געווען אַ נײַער גן־עדן פאַר יוסילען די ערשטע צײַט. קודם־כל האָט ער זיך דערפרעגט צו דער שוהל, און אַרײַנקומענדיק [אַהין דאָס ערשטע מאָל, האָט ער זיך פאָר־געשטעלט, אַז ער איז אין בית־המקדש. בעטראַכטענדיג די מורא'־דיגע הויכע געמאָהלטע סטעלי מיט די געקינצעלטע ווענד, אויף וועלכע דער מאַהלער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין פאַרב און האָט אויסגעמאָהלט אַלערליי בילדער, אינסטרומענטען, עפּעל, באַרען, גריבע אוגערקעס און צעשניטענע רויטע קאַוועגעס, וואָס בעטען זיך אין מויל אַרײַן, וכדומה נאָך אַזעלכע בריה'שאַפטען, — האָט זיך יוסילען אויסגעוויזען, אַז דערמיט עקט זיך שוין די וועלט און קיין בעסערס און שענערס דערפון קאָן שוין גאָר ניט זײַן. און ווער שמועסט דעם ערשטען שבת, ווען מיצי האָט זיך אַוועק־געשטעלט דאָ מיט זײַנע אַלע משוררים, און יוסילע אויך בתוכם, און דאָס כאָהר האָט אַ זעץ געטהאָן דעם „מה־טובו" מיט'ן געוויסען נוסח פון אַלע כאָהרשולען, האָט יוסילע געפיהלט, ווי אַ פראָסט געהט איהם איבער איבער'ן לײַב און עס שטעלען זיך איהם אויף די האָר אײַנציגווײַז. צעלאָזענדיג זיך נאָכדעם אויף זײַן העלזעל, האָט ער כמעט אַליין נישט דערקענט זײַן קול — אַזוי האָט דאָס געקלונגען אין דער דאָזיגער שענער הויכער שוהל. אויסערדעם, איז בײַ איהם געווען אַלץ, וואָס ער האָט געזעהען, אַ נײַעס. די ערשטע צײַט האָט ער אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטאָדט מיט אַ פּערריסענעם קאָפּ אַרויף, צוהאַלטענדיג זיך דאָס היטעלע, עס זאָל ניט אַראָפּפליהען, און פון יעדער זאַך איז ער געוואָרען נתפּעל. עס האָט איהם פאַרדראָסען איין זאַך: וואָס אסתר איז דאָ ניטאָ און זעהט ניט די אַלע חידושים, וואָס ער

זעהט. זיין הארץ איז איהם געווען פול מיט דאנקען און מיט ליבעניש צו השם יתברך, וואס ער האט איהם געבראכט אהערצו בשלום.

עס פערשטעהט זיך, אז שפעטער, מיט דער צייט, האט טעטרעוועץ אנגעהויבען אנצוזועהרען דעם גלאַנץ מיט דער שענקייט אין זיינע אויגען, דען ער איז צו דעם אלעמען געוועהנט געווארען. חוץ לזה האט ער פערזוכט דא די אייגענע צרות, וואס אין מאזעפעווקע, נאר אויף איין אנדער אופן.

ווי מיצי איז געווען צו איהם היים און צוגעלאזט, אזוי איז צו איהם מיציכע געווען קאלט און פרעמד, האט געקוקט אויף איהם קרום, און שפעטער איז זי זיך מיט איהם בעגאנגען כמעט אזוי, ווי אין דערהיים די שטיפמאמע זיינע... נאר דאס האט יוסילען נישט אזוי אויסגעמאכט, ווי די יסורים, וואס ער האט נאכדעם געהאט פון זיינע נייע חברים די משוררים. דאס איז געווען א חברה פון אלערליי מענשלעך, צונויפגעקליבענע בחורים'לעך פון אלע מיסטען און צונויפגעלאפענע פון אלע מייזענלעבער. זעלטען האט זיך געפונען צווישען זיי א לייטיש יונגעל, א „מאמענ'ס א קינד", און מיינסטענטייל — לעדיגע פוסטע בחורים און מורא'דיגע רכילות'ניקעס. פאר גרויס קנאה האבען זיי יוסילען נישט געקאנט סובל זיין, איהם אפט גע'מסר'ט פאר מיצי'ן, געגראבען, געגישטערט אויף איהם, אויסנארענדיג ביי איהם, וואו ער האט געהאט ערגיץ א גראשען. געלד פלעגט יוסילע בעקומען גאנץ אפטליך פון יענעם שניטקרעמער, וואס האט איהם געבראכט אהער. אויך פלעגט איהם דער דאזיגער שניטקרעמער — בנצי לייבצי'ס האט ער געהייסען — פעררופען צו זיך אמאל אויף א שבת, אדער אויף א יום־טוב, מקרב זיין איהם זעהר און ברענגען איהם דריי מאל אין יאהר א הערצליכען גרוס פון דער היים, קומענדיג פון יריד. די דאזיגע גרוסען זענען ביי יוסילען געווען נאך מעהר אנגעלעגט פון א גוטען ווארמעס און פון געלד;

און ווער שמועסט, אז בּנצי לייבּצי׳ס פלעגט איהם נאָך בּרענגען אַ בּריוועל פונ׳ם טאַטען, איז דאָס געווען בּיי יוסילען גאָר אַ גרויסע מתנה. אויף די בּריוולעך פלעגט ער אָפּענטפערען, אז ער איז, בּרוך השם, בּחיים ישלום און געהט בּדרך הישר; ער היט־אָפּ דעם טאַטענ׳ס געבּאָט, נישט אראָפּ חלילה פונ׳ם גלייכען וועג, און פיהרט זיך גאַנץ אידישליך, פונקט אזוי ווי אין דערהיים, נישט געמינערט קיין האָר. געהט אַלע טאָג אין בּית־המדרש אַריין דאַוונען און „זאָגט תהלים". אויך לערענט ער זיך צו שרייבּען און פּאַלגט אויס אַלסדינג, וואָס דער טאַטע האָט איהם אָנגעזאָגט פאר זיין אַוועקפאָהרען. ער האָפט, אז ער וועט, אם־ירצה־השם, קומען אַהיים בּשלום זיך זעהען בּעשיינפערליך, גיבּ גאָט מיט פרייליכע הערצער און מיט פיעל נחת — אָמן! דערבּיי בּעט ער לאָזען גריסען פון זיינעטוועגען להצנועה מרת זלאַטע שתחיה, און אויך איהר טאָכטער אסתר לעבּ...

דערמאַנענדיג זיך אָן אסתר׳ען, פלעגט איהם ציהען דאָס הארץ צו איהר, אַליין נישט וויסענדיג וואָס דאָס בּעדייט. עפּיס איז איהם אסתר געווען איינגעבּאַקען אין האַרצען, טאַקי נאָר ווי איין אייגענע שוועסטער, און חוץ דעם טאַטען, האָט ער נאָך קיינעם אזוי ניט געבּענגט, ווי נאָך איהר. עס פלעגט איהם צוקומען אַ שטיק געזונד, בּשעת בּנצי לייבּצי׳ס פלעגט איהם איבּערגעבּען אַ גרוס פון איהר, מיט איהר אייגענער האַנד צוגעשריבּען. יוסילע פלעגט די ווערטער איהרע אַ מאָל צעהן איבּערלייענען און צו־קוועטשען זיי צום האַרצען שטאַרק, ווי מע קוועטשט צו אַ קליין קינד, וואָס איז טייער און ליעבּ... פונקט אזוי, ווי עס האָט איהם אַמאָל געצויגען פון מאַזעפעווקע קיין טעטרעווקע, אזוי האָט דאָס איהם אַצינד אָנגעהויבּען ציהען צוריק, נאָך מיט מעהר שטאַרקייט, און ווען מיצי זאָל איהם נישט געווען צוהאַלטען און איהם וועלען אָפּלאָזען פון זיך, וואָלט ער אפשר שוין געפאָהרען אַהיים. מיצי האָט איהם אָבּער זעהר ליעבּ געהאַט, זיך ארומ־געפיהרט מיט איהם, ווי מיט איין אבן־טוב, בּעוויזענדיג איטליכען

בעזונדער, וואָס פאַר אַ מין זיננערעל ער האָט. „טאַקי נאָר ביי מיר קאָן זיך אַזעלכעס געפינען! — פלעגט מיצי זאָגען. — איך, אַז איך וויל נאָר, קאָן איך מאַכען יענעם פאַר אַ ליים!“...

דאָס האָט געהערט איינער פון אַמאָליגע מיצי'ס משוררים, גדליה באָס האָט מען איהם גערופען, און איי געוואָרען אויף מיצי'ן מלא רציחה. גדליה באָס איז שוין אליין געווען ערגיץ חזן. ער איז איינמאָל דורכגעפאָהרען פאַרביי טעטערעוועץ, און, ווי געוועהנליך אַ גוטער פריינד, איז ער זיך דורכגעגאַנגען צו מיצי'ן — פאָרט געגעסען פון איהם אַמאָל ברויט — און האָט דאָרטען דערהערט יוסילען זינגען און איז שוין מעהר פון איהם נישט אָפּגעטרעטען אויף קיין מינוט. גדליה האָט אַלץ געטשאַטעוועט, ווי דערטאַפּט מען יוסילען אליין, און נאָכשפּירענדיג אַזוי לאַנג, האָט ער איהם זאַסטעמפּעט ביי בנצי לייבצי'ס אין שטוב און האָט איהם דאָרטען גענומען צו דער אַרבייט, פריהער פּאַוואָלינקע, אויספרעגענדיג ביי איהם אַלסדינג, וואָס איהם פּאַסט, און נאָכדעם האָט ער איהם אָנגעהויבען דורכנעמען מיט רעד, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ער האָט איהם אַרויפגעפיהרט דערויף, אַז ס'איז פאַר איהם מעהר קיין פּלאַן ניט צו זינגען ביי מיצי'ן אומזיסט, און דערצו נאָך זיין ביי מיציכען אַ משרת'על.

— אַזאַ רציחה הערט זיך נישט אין דער האַלבער וועלט! — האָט גדליה באָס גע'טענה'ט איבער יוסילען. — מע זאָל נעמען אַ קינד און מאַכען דאָס פאַר איין עבד־כנעני, אַ פּאַדאַנע אומזיסט, און זיך נאָך באַריהמען פאַר איטליכען באַזונדער מיט אַ פרעמדען האַלז, אַזוי, אַז עס שלאָגט צו דער גאַל הערענדיג! און חוץ אַלע זאַכען, געה זיי אַ משרת ביי מיציכען — אַזאַ עזות! רב שמואל'ס אַ זוהן! אַ ווערטעלע אויסצורעדען? איך קען דען ניט דעם טאַטען דיינעם? ווער קען ניט רב שמואל'ען, דעם מאַזעפּעווקער חזן? אַ שענע מעשה! וואָס איז, ביזט אָהן כלים? אָהן אַ האַלז? צי דו פאַרשטעהסט נים קיין נאָטען? איך מיין

טאקי אָהן ליצנות! איך האָב פאַר דיר איין אָרט, נאַרעלע, אַזאַ אָרט, וואָס דיין טאַטע אַליין וועט זאָגען, אַז ס'איז אַ גליק פאַר דיר. איך זאָג — איין אָרט; וואָס טויג דיר איין אָרט? דו ביזט אַליין איין אָרט; דו ווייסט דאָס חאָטש, צי ניין? פרעג מיך, נאַרעלע, וועל איך דיר זאָגען!

און גדליה באָס מאַהלט אויס יאָסילען, וואָס פאַר אַ גליק פאַר איהם איז, ווען ער וואַרפט אַוועק מיצי'ן און פאָהרט אַרויס אויף דער וועלט מיט איהם, מיט גדליה'ן, אַזוי ווי יענס יונגעלע, אַזוי ווי אַרקע פּיעדעלע, דאָס ווילנער בעל־הבית'על וכדומה אַזעלכע וועלט־חזנים, וואָס האָבען זיך קונה שם געווען. ביי יאָסילען אין דער מחשבה שטעהען־אויף די אַלע שענע בילדער פון אַמאָל, און ער איז פאַרטיג מיט לייב און לעבען זיך איבערגעבען צו גדליה'ן — אַזאַ וואוילער, עהר־ליכער, געטרייער מענש!

— איין זאַך וועל איך ביי אייך בעטען, רב גדליה! — מאַכט צו איהם יאָסילע.

— זאָג, מיין קינד.

— איך וויל פריהער זיך דורכפאָהרען אַהיים, צו מיין טאַטען און צו מיינע פריינד.

— אָך, סטייטש, ווי דען איז אַנדערש? — ענטפערט איהם גדליה באָס. — אַ שענע מעשה! סטייטש, ווי דען? כבוד־אָב! ע, הערסט דו, ביזט נאָך גאָר אַ קינד, ווי איך זעה אַרויס פון דיינע רעד. ווער קאָן דען זיין נעהענטער פון אַ טאַטען?

מיט די דאָזיגע ווערטער נעמט איהם גדליה באָס אַזוי שטאַרק, אַז יאָסילע פּועל'ט ביי זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל: מע בעדאַרף פאָהרען אַהיים! געגנוג זיך אָפּגעוואַלגערט אין דער פרעמד — דריי יאָהר, שוין צייט, כלעבען.

ביי זיין געזעגענען זיך מיט מיצי'ן און מיט אַלע משוררים איז געווען אויך גדליה באָס און האָט געשטראָפט יאָסילען, פאַר

וואָס ער וואָרפט־אוועק אַזאַ טייער אָרט, און האָט איהם געגעבען איין עצה, ווי איין אייגענער טאַטע, אַז ער זאָל פון דער היים ווייטער קומען אַהער, וואָרום דאָס איז זיין תכלית, דאָ האָט ער ביד צו ווערען אַ מענש... מיצי'ן האָט יוסילע באמת באַנג געטהאָן, ווי איין אייגען קינד זיינס. ער האָט איהם אַרומגענומען און געקושט איהם, בענשענדיג, ער זאָל קומען געזונדערהייד אַהיים און גריסען דעם טאַטען זיינעם אומבעקאַנט.

— גאָר פריינדליך! — האָט יוסילע געזאָגט, אַריינשפּרינגענדיג אין וואָגען אַריין צווישען נאָך אַ סך פּאַרשוינען און איינמעסטענדיג זיך דאָרט אויף צוויי־דריי טאָג פּאַהרעכטס. — זייט געזונט! זייט געזונט! — האָט ער זיך נאָך עטליכע מאָל אָפּגעזעגענט, אַרויסשטעקענדיג דעם קאָפּ פון דער בויד, און דער צוג האָט געריהרט פונ'ם אָרט, קלאָפּענדיג און טראַסקענדיג איבער די געברוקירטע גאַסען און קלינגענדיג מיט די גלעקלעך: „דזין־דזין־דזין!" יוסילע שפּרינגט אַזש אונטער אויפ'ן אָרט פאַר גרויס שמחה, וואָס ער פאָהרט אַהיים. דאָס קלאַפּען, דאָס טראַסקען מיט'ן קלינגען פערשלעפּערען איהם, און זיינע מחשבות טראָגען איהם אַוועק אַהין, קיין מאַזעפּעווקע, אַהיים, אַהיים!...

XI.

יוסילע קומט צו פאָהרען, און מאַזעפּעווקע חידושט זיך: „וואָס אַ גרויסע שטאָדט קאָן מאַכען!"

עס איז פאַרהאַן איין זאַך נאָר, וואָס די מאַזעפּעווקער אידען קאָנען עס ניט פערשטעהן: עס וואונדערט זיי תמיד, פאַר וואָס איז דאָס, וואָס יעדער, ווער עס חאַפּט זיך נאָר אַרויס פון דאָרט און לאָזט זיך אַוועק אויף דער וועלט, קעהרט ער זיך אום צוריק גאָר

איין אנדער מענש? איטליכער בעזונדער קוקט אויף איהם און קוועלט און ווערד נתפעל: „דאכט זיך, וואס? דער אייגענער — און פארט ניט דאס, וואס פריהער! איהר געדענקט איהם חאטש, ווי ער איז ארומגעגאנגען א בארוויסער? גאט'ס וואונדער! וואס א גרויסע שטאדט קאן מאכען!"

בעטראכטענדיג שמואליק דעם חזנ'ס בחור'על, יוסילען, בשעת ער איז אנגעקומען צוריק פון טעטרעוועץ נאך זיין אפזיצען דארט דריי יאהר נאכאנאנד, האט מען זיך אין מאזעפעווקע שטארק גע'חידוש'ט, גאר נישט געקאנט פערשטעהן, ווי אזוי ארבייט זיך עס אוים א יונגעל אין אזא קליינער צייט! יוסילע דאס יונגעל האט זיך איבערגעביטען און איז געווארען יוסילע דאס בחור'על. ער איז געווארען א גאנצער מענש, א בר־דעת, חאטש ער איז מעהר ניט אלט געווען דעמאלט, ווי א יאהר זעכצעהן. עס איז געווען א פערגעניגען אויף איהם א קוק צו טהון. — „וואס א גרויסע שטאדט קאן מאכען!" — אלע האבען געוואוסט, אז שמואליק האט אוועקגעשיקט זיין זוהנדעל צו מיצי'ן פאר א משורר'על; נאר קיינער האט זיך נישט געריכט, אז פון יוסילען, וואס האט ערשט ניט לאנג ארומגעטראגען שלח־מנות, זאל ווערען אזא מענש, ער זאל זיך אזוי איבערבייטען. און אז ווילד־פרעמדע האבען אזוי אנגעקוועלט פון איהם, הייגט ווי האט בעדארפט אנקוועלען שמואליק אליין? שמואליק איז בשעת מעשה, ערב שבת, געווען אין מרחץ, ווען מע האט איהם אנגעזאגט די גוטע בשורה, אז זיין זוהנדעל איז געקומען צו פאהרען פון טעטרעוועץ. ער האט א ווארף געגעבען דאס בעזעמעל מיט'ן שעפעל, זיך געשווינד אנגעטהאן, און קומענדיג אהיים איין אפגעשמיסענער און איין אויסגעצוואגענער, האט ער פריהער געוואשען די הענד און ערשט נאכדעם צוגעטראגען יוסילען דעם שלום־עליכם, ארומ־גענומען, צעקושט זיך מיט איהם און גענומען בעטראכטען זיין זוהן פונ'ם קאפ ביז די פיס. יוסילע האט זיך אין די דריי יאהר „א חאפ געטהאן אויף די פיס", ווי מע זאגט. ער איז פון תמיד

אַן געווען נישט קיין מיאוס קינד, געהאַט שענע קאַרע אויגען און געווען אַ קלוג ציקאַווע יונגעלע; נאָר מחמת גרוים אָרעמקייט און דחקות איז ער געווען תמיד אַ גרינער, אַ פערוואָגעלטער, אַ דער׳הרג׳עטער, ווי אַ סך יונגלעך אין מאַזעפּעווקע פון זיין גראַד. אַצינד אָבער האָט זיך יוסילע, ווי עס ווייזט אויס, דאָרט ביי מיצי׳ן אין טעטרעווועצ גוט אויסגעפּאַשעט; ער האָט בעקומען רויטע בעקעלעך און זעהר אַ פריילּיך אויסזעהן. דערצו איז ער געווען מלובש ווי נאָך קיינמאָל נים ביי זיין טאַטען. שמואליק׳ס הארץ האָט זיך געפרעהט קוקענדיג אויף יוסילען, און ער האָט זיך געוואונדערט גלייך מיט אַנדערע: „וואָס אַ גרויסע שטאָדט קאָן מאַכען!"...

— וואָס־זשע מאַכסט דו גוטס? — האָט איהם שמואליק אַ פרעג געטהאָן, צוזעצענדיג זיך מיט איהם ביי איין טיש און בעטראַכטענדיג יוסילען מיט זיין שען קאַפּאָטקעלע, מיט די רויטע בעקעלעך און מיט די אויסגעקעהמטע פּאה׳לעך.

— וואָס־זשע מאַכסט דו עפּיס, טאַטע? — האָט איהם יוסילע געענטפערט צוריק מיט אַ שאלה, ווי דער שטייגער איז. יוסילע האָט זיך נאָך קיינמאָל נים אַזוי ציקאַווע אויסגעשמועסט מיט׳ן טאַטען, ווי אַצינד, און שמואליק האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיין זוהן, ווי פערוואונדערט: יוסילע׳ס ציקאַוועקייט האָט איהם לכתחילה אויסגעוויזען אַ ביסעל פריקרע; ער האָט נאָך קיינמאָל נים געהערט פון איהם אַזעלכע ווערטער.

— וואָס איז שייך, עס, ווי געוועהנליך. — האָט איהם שמואליק געענטפערט, אַרויפהאַפּענדיג אויף זיך די זיידענע שבת׳־דיגע קאַפּאָטע און קלויבענדיג זיך אין קלויז אַריין. — וואָס מאַכט דאָרטען עפּיס מיצי?

— וואָס מיצי מאַכט? — האָט יוסילע אויסגעצויגען אויף אַ קול, ווי אַ גרויסער. — הלואי אויף דיר געזאָגט געוואָרען האַטש האַלב!

בעטראַכטענדיג דעם טאַטען, ווי ער איז אין די דריי יאָהר אַזוי פערעלטערט געוואָרען, גרוי און איינגעבויגען, דאָס פּנים געקנייטשט און די גרויסע קאַרע אויגען אויסגעלאָשען, — האָט ביי יוסילען דאָס האַרץ געוויינט אינווענינג און ער איז אין דער מינוט גרייט געוועזען אוועקצוגעבען פאַר'ן טאַטען דאָס לעבען מיט דער נשמה. שמואליק פון זיין זייט איז געוועזען אַזוי צעטראָגען פאַר שמחה, אַז ער האָט זיך מיט דער שבת'דיגער קאַפּאָטע אוועקגעאָמפּערט אַ היבשע ווילע, ביז ער האָט קוים געפונען די אַרבעל. אויך שמואליק'ס ווייב, דערזעהענדיג יוסילען, איז געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב פערגאַפט, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָגסט דו אויף זיין טאַטען? אַ גאַנצער מענש געוואָרען!"...

שמואליק איז פון יוסילע'ס קומען אַזוי צעטראָגען געוואָרען, אַז ער איז, רעדענדיג מיט איהם, פערקראָכען גאָר אין זייטיגע שמועסען מכח טעטרעווצער בעלי־בתים און מכח טעטרעווצער גאַסען און הייזער, וואָס זענען איהם געלעגען אין דער לינקער פּאה. יוסילע האָט געמיינט, אַז דער טאַטע אינטערעסירט זיך באמת אַזוי מיט דער שטאָדט טעטרעוועץ, האָט ער איהם מיט גרויס התפּעלות אויסגעמאָהלט די גרויסע גאַסען די ברוקירטע, מיט די גרויסע מויערען, וואָס דער קאָפּ דרעהט זיך אַזש קוקענדיג אויף זיי, און די אַלע איבעריגע חידושים דאָרטען. און שמואליק, בעטראַכטענדיג יוסילען, ווי ער מאַכט מיט די הענד, און איינ־הערענדיג זיך אין יעדען וואָרט, ווערד אָקאָרשט ניט צעגאַנגען פאַר גרויס תענוג. פּלוצים האָט זיך שמואליק אַ חאַפּ געטהאָן: „אי־וועה, שוין נאָך ליכטבענטשען! ס'איז שוין צייט געהן אין שוהל אריין!"

די שטאָדט איז, געוועהנליך, באַלד געוואָהר געוואָרען פונ'ם נייעס, אַז שמואליק דעם חזנ'ס זוהנדעל איז געקומען פון טעט־רעוועץ. תיכף, וויבאַלד מע האָט אָפּגעדאַוונט מעריב, האָט מען

זיך אָנגעהויבען שטופּען צו שמואליקען איהם זאָגען: „גאָט ליעב אייך מיט אייער גאַסט!“ און יוסילען אָפּשטעקען שלום־עליכם, בעטראַכטענדיג איהם בשעת מעשה, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט. די פּאַרנעהמסטע בעלי־בתים פון שטאָדט, די נגידים, האָבען זיך אויך אָפּגעשטעלט רעדען מיט שמואליקען, אויספרעגען איהם אויף זיין זונהדעל, וואו ער איז געווען, וואָס האָט ער געטהאָן, און צי איז ער אהער אויף לאַנג געקומען, און וואָס קלערט ער צו טהון ווייטער? דערביי האָט זיך איינער פון די נגידים, רב אַלטער פּעסי׳ס, אַ זאָג געטהאָן:

— אַ יושר וואָלט געווען, רב שמואליק, אַז אייער זוהנדעל זאָל זיך דורכגעהן צו מיר, אם ירצה שם, מאָרגען נאָך הבדלה, בלי נדר שבת, אַ ביסעל אַ זינג טהון, וועלען מיר האָרכען. עפּיס זאָגט מען אַז ער זינגט גאָר קיין מעשה נים.

— וואָס איז שייך, אַ זינג טהון? מהיכא תיתי! — האָט שמואליק אַ זאָג געטהאָן, בעטראַכטענדיג יוסילען, ווי ער שיינט פון די שלום־עליכמס, וואָס ער בעקומט פון אַלע זייטען.

— און איך וואָלט געזאָגט, אַז אייער זוהנדעל זאָל אונז מאָרגען שענקען אַ מוסף׳על, — האָט זיך אָנגערופען אַ יונגער־מאַן, — בענטשען ראש־חודש. מע זאָגט, אַז ער דאַווענט שוין אויסגעצייכענט פאַר׳ן עמוד. אייזיק־בערעל־פייגעס איז געפאָהרען מיט איהם אין איין בויד, דערצעהלט ער זיך אָן פון זיין זינגען און זאָגט, אַז ער באַדאַרף היינט קאָנען דאַוונען, וואָס איז גאָר אַ חידוש!

— טאַקי, אדרבה, כלעבען! — האָבען אונטערגעכאַפּט עטליכע בעלי־בתים. — טאַקי אַ יושר, ער זאָל אונז דאַוונען! הייסט איהם, רב שמואליק! וואָס קאָן עס אייך אהרען? עס קאָסט אייך געלט?

— טאָ! — האָט שמואליק אַ זאָג געטהאָן, קוקענדיג אויף זיין יוסילען, און דער עולם איז זיך צעגאַנגען פון שוהל.

* * *

זלאטע מיט אסתר'ען האבען זיך יענעם פרייטאג פערשפעטיגט אין קלייט, און קומענדיג אהיים, האבען זיי פון די קינדער, פון אפרימ'ען מיט מנשה'ן, דערהערט די גוטע בשורה, אז יוסילע איז געקומען פון טעטרעוועז. „זאלסט זעהען, מאמע, ווי יוסילע איז אויסגעוואכסען! — האבען אפרים מיט מנשה'ן דערצעהלטביידע אינאיינעם. — „געווארען אזא גרויסער, סכנות!" ביי זלאטען איז די בשורה געווען זעהר אנגעלעגט, און ביי אסתר'ען — נאך מעהר; זי האט זיך אויף דער גיך ריין אפגעוואשען, זיך אנגעטהאן שבת'דיג, דאס הייסט, מיט א פשוט, נאר א ריין ציכטיג מלבוש, וואס האט פון ריינקייט און ווייסקייט אויף איהר געפינקעלט, געשעמערירט און געזונגען. אסתר האט נישט געהאט די טבע פון אלע מאזעפעווקער מיידלעך, וואס האבען ליעב זיך אויססטראצלען, בעהענגען זיך מיט שמאטעס, ארומשטעקען זיך מיט שמאכטעס אלערליי, ארויפציהען אויף זיך דעם רוח, ווי די מאדע איז דארטען. צווישען די מאזעפעווקער אויסגעסטראצעלטע בעהאנגענע מיידלעך און אויסגעשלייערטע, אויסגעפוצטע ווייבלעך, איז אסתר געווען די איינציגע, וואס די מאדע האט זי נאך נישט בעריהרט. דערזעהענדיג דורך די פענסטער, אז דער עולם געהט שוין פון די שוהלען, זענען זלאטע מיט אסתר'ען ארויסגעגאנגען מקבל-פנים זיין יוסילען און זאגען שמואליקען: „גאט ליעב אייך מיט אייער גאסט". עס איז געווען א ליכטיגער פרייטאג-צו-נאכטס, זומערלעבען. א פאר וואכען נאך שבועות, אין דער צייט, ווען אפילו די געוויסע מאזעפעווקער בלאטע, וואס שמ'ט אויף דער וועלט, ווערד אויך אויסגעטריקענט, ווען אפילו אין מאזע-פעווקע פערטראגט דאס ווינטעל א געשמאקען ריח פון גרין גראז און פון פרישע בלעטלעך מיט א ווייטען געזאנג פונ'ם סאלאוויי, וואס האלט זיך אויף אינ'ם מאנאסטירסקי גארטען... אסתר האט נאך פון דערווייטענס דערקענט יוסילען, און דאס הארץ האט איהר אנגעהויבען צו קלאפען, ציהען זי צו איהם. שמואליק האט זיך

אָפּגעשטעלט, אָפּגעגעבען זלאַטען מיט אסתר׳ען דעם „גוט שבת“, און זיי האָבען איהם געזאָגט: „גאָט ליעב אייך מיט אייער גאָסט!“ שמואליק האָט דערצעהלט זלאַטען דעם כבוד, וואָס יוסילע האָט היינט געהאַט פון די בעלי־בתים, וואָס ווילען, ער זאָל זיי מאָרגען, אם־ירצה־השם, דאַוונען מוסף. און יוסילע האָט זיך בשעת מעשה צוגערוקט אַ ביסעל נעהענטער צו אסתר׳ען, בעטראַכטענדיג זי ביי דער האַלבקיילעכיגער לבנה מיט די דימענטיגע שטערען, וואָס האָבען זיך אָפּגעשיינט אין איהרע ליכטיגע אויגען. עס האָט איהם צוגעצויגען צו אסתר׳ען מיט אַזאַ כח, אַז ער איז גרייט געווען אָנצונעמען זי ביי דער האַנד, ווען עס זאָל ניט געווען שטעהן דערביי זיין טאַטע מיט איהר מאַמע. נישט זעהענדיג אסתר׳ען דריי יאָהר, האָט יוסילע חשק געהאַט צו בלייבען, שטעהן אָט דאָ אין דרויסען אין יענער שענער זומער־נאַכט אַ ביסעל שמועסען מיט אסתר׳ען. עס האָט איהם אַצינד זעהר פערדראָסען, וואָס ער מוז געהן אהיים קידוש מאַכען, עסען וועטשערע און זיך נאָכדעם לעגען רוהען גלייך מיט אַלע. עס איז אין דרויסען אַזוי שען, אַזוי ליכטיג, אַזוי וואַרעם! די גאַנצע נאַטור איז שבת׳דיג: די לבנה לייכט, ווי אַ זילבערנע מנורה, די שטערען שעמערירען, ווי די בענשליכט, און זי, די שענע כלה, וואָס הייסט „שבת מלכתא“, רוהט און פרעהט זיך גלייך מיט אַלע אידען. די גאַסען אין מאַזעפּעווקע רוהען. מע פיהלט, אַז ס׳איז שבת. אין אַלע פענסטער לייכט זיך פון די בענשליכט און עס פינקעלט אין די אויגען. אַלע בעלי־בתים זענען שוין אין דערהיים: זיי זענען מקבל־פנים די מלאכי־השרת און זענען זיי מלוה טאַקי באַלד צוריק אין זייער רוה אריין. עס הערט זיך אַ געשמאַקער ריח פון דער פרישער חלה און זעהר אַ שענער אַראָמאַט פון געפילטע פיש. אידען עסען און קלויבען תענוג פון די אידישע מאכלים, וואָס האָבען אַ אידישען טעם. שמואליק דער חזן מיט זיין זוהנדעל שטעהען דאָ אין דרויסען נעבען זלאַטען מיט אסתר׳ען און מע שמועסט וועגען יוסילע׳ס אהיימקומען.

שמואליק׳ס אלטע, אויסגעלאשענע אויגען צינדען זיך אן מיט׳ן אמאליגען פייערעל אויף א מינוט און זיין פנים לויכט איהם און שיינט איהם אקעגען דער לבנה. מיט א זיפץ בעוויזט ער ארויס אלע מינוט, ווי צופריעדען און גליקליך ער איז. זלאטע פער־שטעהט זיין הארץ: זי קוקט אויף יוסילען און ווערד ברייטער ווי לענגער פון גרויס נחת, גלייך ווי ער וואלט געווען איהרס איין אייגען קינד. און יוסילע רוקט זיך צו צו אסתר׳ען אלע מאל נעהענטער: ער קוקט איהר אין פנים אריין און זעהט, ווי זי לאזט אראפ די גערִיכטע ברעמען, און פערשטעהט גאר ניט, פאר וואס זי שעמט זיך עפּיס היינט? עס גלוסט זיך איהם גאר ניט אפּטרעטען פון דאנען, אוי גלוסט זיך ניט! נאר דער טאטע זאגט: „קום, יוסילע, קידוש מאכען!“ און ער מוז נעבאך געהן... פאר׳ן אוועקגעהן דרעהט יוסילע אויס נאך א מאל דעם קאפּ צו אסתר׳ען און נאך איין מאל בעגעגענט ער זיך מיט איהרע שענע אויגען, און דער דאזינגער קוק פערבלייבט ביי זיי ביידע אויף א לאנגער צייט אין זייער זכרון. די גאנצע נאכט נאך דעם איז יוסילע׳ס קוק ניט אפּגעטראטען פון אסתר׳ען אויף קיין מינוט, אויפוועקענדיג אין איהר הארץ פערשיעדענע געפיהלען, פאר־שטעלענדיג איהר אין קאפּ אלערליי טייערע ליכטיגע מחשבות און וועבענדיג אזעלכע שענע פאנטאזיעס, פון וועלכע אסתר האט נאך גאר ביז איצט קיין השגה ניט געהאט.

XII.

ער דאווענט מוסף אין דער קאלטער שוהל, און אידען ווערען נתפעל.

די קאלטע שוהל, וואו שמואליק איז חזן שוין העכער פינף און צוואנציג יאהר, איז נישט געבויט געווארען פאר א גאנצער שטאדט מיט אידען, קיין עין־הרע. ווערליג זי איז אלט און איינ־

געהויקערט, איז געגונג פאר איהר. אז זי קאן געבען ערטער נאר פאר איהרע שטענדיגע בעלי-בתים, וואס זענען אויך נים אלע צופריעדען, מחמת יעדער מענש האט א נשמה און איטליכען ווילט זיך האבען א שטארט אין מזרח-וואנד, אדער, לכל הפחות, אין „שפיעגעל-באנק". די אייגענע בעלי-בתים צווישען זיך האבען אויך צו זינגען און צו זאגען און קאנען זיך קיינמאל נישט איינ-טיילען, נישט מיט די ערטער, נישט מיט די עליות, נישט מיט די הקפות וכדומה אזעלכע זאכען, וואס זענען נוגע אינ'ם נפש. היינט וואס איז דא פארהאן צו פאראיבעל האבען אויף די דארטיגע בעלי-בתים, וואס זיי האבען נישט געוואלט אריינלאזען די גאנצע שטאדט מיט אידען אין שוהל אריין יענעם שבת, ווען יוסילע האט בעדארפט דאוונען מוסף? זיי האבען זיך מיישב געווען איין מאל פאר אלע מאל: תיכף נאך שחרית פערשליסען די טיר און נישט אריינלאזען קיינעם, ער מעג זיין דעם גבאי'ס אפילו איין אייגענער טאטע. איז דאס אבער, צוריק שמועסענדיג, דען א יושר? וואס זענען שולדיג די אידען פון יענע איבעריגע שוהלען? וואס איז דאס פאר א הפקרות נעמען און פערשליסען א מקום קדוש פאר א גאנצער עדה מיט אידען? עס איז ארום דער קאלטער שוהל געווארען וואס ווייטער אלץ געדיכטער; מע האט זיך צעלאזט אהין פון אלע בתי-מדרשים, צום מיינסטען יונגע לייט, בחורים און יונגלעך, געקלאפט אין דער טיר, געארבייט אזוי לאנג, ביז די טיר האט זיך געעפענט און עס האט זיך בעוויזען א רויטע באָרד: דאס האט דער שמש ארויסגעשטעקט א קאפ, בכדי זיך גוט אנצובייזערען אויף זיי, עס זאל ווערען א ביסעל שטילער: „וואן, שקצים, וויסע-חברה'ניקעס, הולטאיעס! — האט דער שמש געפילדערט, טופענדיג מיט די פיס און מאכענדיג מיט די קולאקעס, ווי א רוצח. — וואן, עכברושים איינע!" נאר מע האט שוין מעהר נישט בעדארפט: עס האבען זיך אלע מיט א מאל א שפאר געטהאן, די טיר האט מען גע'פטר'ט באלד, דעם שמש האט מען פערשטופט אין א ווינקעלע און רעכט דורכגעפאטשט, ווי איהם

שטעהט אָן, און אין שוהל איז געוואָרען אזא ענגשאפּט, אז מען איז געשטאנען איינער בײ'ם אנדערען אויף די קעפּ. אויך פון דרויסען איז די שוהל געווען בעלאגערט מיט מענשען. עס האָט זיך געוויעגט די שטאָדט, די וועלט האָט זיך געקעהרט — יוסילע בענשט ראש־חודש, דאוועגט מוסף!...

און יוסילע האָט אָנגעטהאָן א טלית און איז ארויף אויף דער בימה, ווארפענדיג א קוק אויף דעם גאנצען עולם און צוגרייטענדיג זיך צום דאוונען. דאָס פּנים האָט איהם געפלאמט און עס האָט ארויסגעשיינט פון'ם טלית ארויס. עס איז געוואָרען א שושקעריי צווישען עולם, און אויך די ווייבער האָבען זיך א שפּאר געטהאָן צו די פענסטערלעך אויבען. דער עולם איז געווען אויסער זיך, בעצייטענס נאָך קוועטשענדיג זיך איינער דעם אנדערען און שטופּענדיג זיך אלץ אהין, צו דער בימה, בעטראכטען דאָס יונגע חזנ'דעל. בעלי־בתים האָבען גענומען קלאַפּען אין די שטענדערס — עס זאָל זיין שטילער! צווישען עולם איז געוואָרען א געשריי: „שא, עולם! שששששא!“ יוסילע האָט זיך אויסגעגלייכט, זיך אנידערגעשטעלט, ווי א גרויסער חזן, אויסגעהוסט זיך, און אז עס איז געוואָרען אין שוהל טאקי אויף איין אמת שטילער, האָט ער א קלונג געטהאָן מיט א שען הילכיג קול: „י ק ו ם פּ ו ר ק ן מ ן ש מ י א!“ און אין שוהל איז דורכגעלאָפען געשווינד, ווי א בליץ, א מין פרעסטעל, וואָס האָט אָנגעריהרט יעדען בײ'ם לייב, און אלע זענען געוואָרען ווי פערשטיינט אויף עטליכע מינוט, גישט ריהרענדיג מיט קיין אבר. ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט אויסגעלאָזט דעם „ונאמר אָמן“, האָבען אלע מיט א מאָל אויסגעלאָזט איין „אך“, איבערקוקענדיג זיך איינער מיט'ן אנדערען און קנייטשענדיג מיט די פּלייצעס, גאָר פערגעסען בשעת מעשה, אז מע בענשט ראש־חודש און מע דארף אין זינען האָבען, ווען דער מולד איז. ווער מולד? וואָס מולד? עס איז פול די גאנצע שוהל מיט טרעלען, גלייך ווי א סאָלאָוויי וואָלט זיך דאָ צעגאָסען אויף זיין העלזעל. עס צעגעהט זיך אין יעדען אבר, עס שמירט

דאָס האַרץ ווי מיט בוימעהל, עס ציהט בײַ דער נשמה, עס ציפּעט בײַ׳ם האַרצען, עס איז „כלות הנפש“ — וואָס מיר מולד? ווער מיר מולד? יוסילע דאַווענט, און עס דאַכט זיך, אַז עס זינגען צעהן משוררים, ניט איינער. יוסילע זינגט, און עס דאַכט זיך, ווי אַ גאַנצע קאַפּעליע כלי־זמר שפּיעלען. אַט טהוט ער אַ קלאַפּ מיט אַ מאָל, ווי פון צעהן מיילער געהען קולות, איינס העכער און שטאַרקער פון דעם אַנדערען, אַזוי, אַז אַלע פענסטער קלינגען; און אַט פערגעהט ער זיך, ווערד פערשטאַרבען, אַלע מאָל שטילער און שטילער, און מיט אַזאַ מתיקות, מיט אַזאַ לויטערקייט, מיט אַזאַ דינקייט און גלאַטקייט, אַז עס גלעט דאָס לייב, עס ריהרט דאָס האַרץ, עס וויעגט די נשמה און צעגליעדערט, צעשרויפט אַלע אברים; און אַט טהוט ער ווידער אַ זעץ מיט אַ מאָל, ווי עטליכע פיעדלען, טראָמייטען און פלייטען אינאיינעם; ער עפענט דאָס מויל, און עס גיסט זיך, עס לויפט פון אַלע זייטען און פילט אָן די שוהל מיט אַזעלכע מיני פערשיעדענע געזאַנגען, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך ביז אַהער ניט געהערט. קיינער האָט נאָך אַזאַ מין „מי־שברך“ נישט געהערט, קיינער! אפילו די גרויסע מבינים האָבען נאָך נישט געזעהען פאַר זיך אַזאַ מין חזן און נישט געהערט אַזאַ מין דאַווענען מיט אַזוי פיעל האַרץ, מיט אַזאַ וואַרעמקייט, אַזאַ הייסקייט. אַז עס איז געקומען צו די ווערטער: „הוא יברך את כל הקהל הקדוש הזה“ — ער זאָל בענשען דעם דאָזיגען גאַנצען עולם, האָט יוסילע צענומען מיט די הענד, גלייך ווי ער וואָלט אָנווייזען אויף גאַנץ קהל, אויף אַלע אידען, וואָס געפינען זיך דאָ, און בעטען גאָט פאַר זיי און פאַר זייערע ווייבער מיט די זיהן און מיט די טעכטער זייערע מיט אַ בקשה, מיט אַ רחמנות־פּנים, אַרויסרעדענדיג יעדעס וואָרט שאַרף און ריין פונ׳ם טיעפען, טיעפען האַרצען. אויך בײַ די ווערטער „וכל מי שנותנים... ופת לאורחים“ — דער וואָס גיט אַ שטיקעל ברויט דעם אורח, „וצדקה לעניים“ — און דעם אָרעמען אַ נדבה, — האָט ער געמאַכט אַזאַ

מינע, גלייך ווי ער וואָלט דערמאַנען דעם עולם, אַז ס׳איז דאָ אידען, וואָס בעדאַרפען אַ שטיקעל ברויט, אַז ס׳איז דאָ אָרעמע לייט, וואָס בעדאַרפען אַ נדבה נעבאַך, — און האָט זיך דאָ פער־גאַנגען אויף זיין שטייגער, איבער׳חזר׳ענדיג דאָס עטליכע מאָל מיט אַ געבעט און מיט רחמנות, און איז באַלד איבערגעגאַנגען שוין גאָר ווייעדער אויף איין אַנדער נוסח, אַרויסבעווייזענדיג בשעת מעשה אַזוי פיעל בריה׳שאַפט מיט׳ן האַלז, אַז דער עולם איז געבליבען אָפּהענדיג, פער׳כשופ׳ט, גאָר נישט אויף דער וועלט, און האָט לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. ערשט נאָך ראש־חודש־בענשען און צו דער שטילער שמונה־עשרה האָט זיך איינער מיט׳ן אַנדערען שטיל איבערגערעדט אויפ׳ן וואונק, מאַכענדיג מיט די פּלייצעס: „נ נ נ ? !“ — און אָפּגעהאַפּט די שמונה־עשרה גיך אויף איין פוס, בכדי צו הערען, וואָס וועט זיין ווייטער. צו דער קדושה האָבען זיך אַלע בעצייטענס צוגעגרייט, דאָס הייסט, מע האָט זיך רעכט אויסגעהוסט, געבראַכט אין אָרדנונג די נעזער און אָנגעשטעלט מויל און אויהערען צו האָרכען עפּיס אַ נייעס, און יוסילע האָט געשענקט די מאַזעפּעווקער אידען אַ „כתר“, אַזאַ מין „כתר“, וואָס זייערע זיידעס אפילו האָבען דאָס ניט געהערט. די דאָזיגע קדושה — דאָס איז געווען אַ מין פאַנטאַזיע פון אַ משורר, וואָס נאָר איין מאָל ווערד זי געבוירען אין זיין מחשבה און מעהר קיינמאָל נישט. דאָס איז געווען אַ מחשבה, וואָס ווערד נישט אַרויסגעגעבען מיט ווערטער אָדער דורך נאָטען, נאָר עס רעדט, עס לאָזט זיך הערען; אַ מין שפּראַך, וואָס אַלע פערשטעהען זי, אַ מין געדאַנק, וואָס איטליכער האָט זיך אויף איהם זיין פּשט. יוסילע האָט צעלאָזט דאָס האַלז פריי אויף אַלע זייטען, מאַכענדיג דערביי משונה־ווילדע וואַריאַציעס, דרעהענדיג און בייטענדיג, פלאַנטערענדיג און פלעכטענדיג אַרויף און אַראָפּ, אין דער לענג און אין דער ברייט, דערלאַנגענדיג די העכסטע און די דינסטע אָקטאַווע מיט געגנוג קונצען דערביי. די וואָס האָבען דעם „כתר“ געהערט, האָבען געשוואָרען, אַז ביי די ווערטער

„מלאכים המוני מעלה“ — האט זיך זיי געדאכט, ווי עס שוועבען און עס דרעהען זיך ארום מלאכים פון אויבען מיט א גוזמא אידען פון אונטען, און אלע אינאיינעם דרעהען און פלעכטען און פלאנטען א קדושה צו גאט, רופענדיג איינער צום אנדערען מיט א זים קול: „קדוש! קדוש! קדוש!“... יוסילע האט אויסגעלאזט די קדושה מיט די ווערטער „הן גאלתי אתכם“ — איך האב דאך דאך אייך אויסגעלייזט, הויך און שטאלץ; דאס איז געווען ווערטער נישט פון קיין חזן, נאר פון א נביא, וואס רעדט אין נאמען פון גאט; ער איז מבטיח, ער שטארקט זיי, די אידעלעך, זיי זאלען נישט זיין אזוי געפאלען ביי זיך, ווארום „אני ה׳ אלהיכם“ — זיי האבען א גרויסען גאט, א שטארקען גאט!... יוסילע האט געקאנט אריינלעגען אין יעדען ווארט פיעל כונה און געפיהל, זיין האלז איז געווען מסוגל ארויסצוגעבען זעלטענע קולות, זיסע, ווי צוקער, גלאטע, ווי בוימעהל, הויכע, ווי דער הימעל, טיעפע, ווי דער ים, און ריינע, ווי גינגאלד. ווי פון א זיסען שלאף, ווי פון א גן־עדן־חלום, האט זיך דער עולם אויפגעחאפט, בשעת יוסילע האט אויסגעלאזט די קדושה און איז געגאנגען ווייטער, שוין ווידער איבערבייטענדיג די שטימע גאר אויף איין אנדער שטייגער. ביי די ווערטער „יהי רצון מלפניך“ — עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר, גאט, — האט יוסילע פערגלאנצט די אויגען צו גאט ארויף און האט אוועקגעלעגט א בקשה פאר איהם: „שתעלנו“ — זאלסט אונז ברענגען מיט א שמחה צוריק אין אונזער לאנד אריין, „ותטענו“ — און זאלסט אונז איינפלאנצען, בעזעצען אינ׳ם גרעניץ פון אונזער אייגען לאנד — מיט א געבעט, כמעט מיט א געוויין און אזעלכע טרויעריגע ריהרענדיגע קולות, אז עס האט אנגענומען ביי׳ם הארצען און עס האבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען. אידען האבען זיך דאס צעוויינט א ביסעל, צעפעסטעט פאר גאט, ווי געליעבטע, הארציגע קינדערלעך, פון תמיד אן געבאלעוועטע, ציטעריגע בני־יחידים׳לעך...

— ננו, יוסילע! ננו, א מוסף! — האָבן זיי געזאָגט אַלע אין איין קול, צוריק פון שוהל געהענדיג און שפּאַרענדיג זיך צו שמואליקען, זאָגען איהם א גוט שבת. — ננו, יוסילע! אַי, יוסילע!! ווייל מיר וועלען לעבען, וועלען מיר דאָס דאָזיגע מוספ'על נישט פאַרגעסען! דער טעם דערפון וועט אונז ליגען אייביג — אייביג!

— ס'איז גאָר נישט קיין מענטשליכע שטימע מיט קיין מענטשליכען האַלז! — האָט געזאָגט מיט גרויס התפּעלות איטליכער בעזונדער, זיצענדיג שוין ביי'ם טיש. — נישט אַנדערש, אַז עס ליגט ביי איהם ערגיץ א פייפעלע אין מויל! ס'איז עפּיס א מין שפּיעל־פויגעלע, א סאָלאָוויטשיק, איין אמת'ער סאָלאָוויי — און געננוג!

XIII.

בעלי־בתים שיקען דעם חזן „מיט די נעסט“, און דער סאָלאָוויי צעגיסט זיך אין זיין שטייגער.

שיקען „מיט די נעסט“ איז נאָך עד היום א מנהג אין מאזעבעווקע. אַז עס קומט צו איינעם איין אַנגעלעגטער גאַסט, שיקען איהם אַלע זיינע גוטע פריינד שבת צום טיש א בוטעל וויין אָדער א פלאַש מעד, און דאָס ווערד אָנגערופען „געשיקט מיט די נעסט“. יענעם שבת האָט זיך שמואליק דעם חזנ'ם טיר נישט צוגעמאַכט: דער ארוין, דער ארויס; דאָס איז פון אבא־מאיר דעם נגיד, דאָס איז פון מענדעל דעם גרויסען, דאָס איז פון רב מנשה דעם רייטען, און דאָס — פון יענקעל דעם שווארצען... שמואליק האָט איטליכען בעזונדער געהייסען איבערגעבען:

„הערסט דו, מיידעלע? זאָלסט זאָגן דעם טאַטען דאָרטען, ער זאָל דערלעבען בײַ זײַן עלטערער טאָכטער צו דער חתונה, וועלען מיר דעמאָלט אָפּשיקען מיט גוטען ווײַן!" אָדער: „הערסט דו, יונגעלע? זאָלסט זאָגן דעם טאַטען דײַנעם, אם־ירצה־השם, צו דײַן בר־מצוה!"... שמואליק'ס פּנים האָט זיך אַזש פאַרפלאַמט פאַר גרויס שמחה, און די אויסגעלאָשענע אויגען זײַנע האָבען זיך ווידער אָנגעצונדען מיט'ן פײַערעל פון אַמאָל; ער איז דעם דאָזיגען שבת געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. אפילו די פּלונית'טע זײַנע, פון וועלכער ער האָט נישט געהערט קיין גוט וואָרט כמעט פון זינט ער קען זיך מיט איהר, האָט זיך אויך צעפלאַקערט און האָט בעוויזען, אַז זי איז צופריעדען מיט'ן גאַסט, דורך די צוויי קוגלען, וואָס זי האָט געמאַכט, איינעם אַ לאָקשענעם לכבוד שבת און איינעם אַ בלעטערנעם, אַ געקנעטענעם מיט ראָזינקעס, לכבוד דעם גאַסט. „אנו? — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיס שמייכעלע. — לאָמיר זעהן אקאַרשט, צי איז דער גאַסט אַ געראָטענער, צי ניין? אַט וועלען מיר באַלד האָבען אַ סימן פונ'ם קוגעל"...

— איהר האַלט נאָך גאָר פון פאַרענט, אַפּנים? — האָט זלאַטע געזאָגט, אַרײַנקומענדיג מיט אסתר'ען צו שמואליקען אין שטוב אַרײַן. צוליעב דעם גאַסט האָט זיך זלאַטע איבערגעבעטען מיט שמואליק'ס ווײַב נאָך אין שוהל בשעת אויסנעמעניש. די חזנ'טע האָט צום ערשטען אָנגעהויבען צו רעדען; זי האָט זיך צוגערוקט צו זלאַטען און האָט איהר אַ זאָג געטהאָן:

— המ... מיר האָבען עס הײַנט אַ גאַסט! מײַן מאַן, כלעבען, איז שטאַרק צופריעדען.

זלאַטע האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן בייז, ווי איינער רעדט: „אהא! המנ'ס מפּלה?" נאָר פון מענשליכקייט וועגען האָט זי איהר געענטפערט גאַנץ פריינדליך: „גאָט ליעב אייך מיט אייער גאַסט!" און עס איז אוועק צווישען זיי אַ לאַנגער און זעהר אַ אינטערעסאַנטער שמועס, אין וועלכען עס איז געווען אויס־

געמישט כל מאמינים שהוא: אי חלה, אי פיש, אי די קוה, אי די שכנה, אי דער שכנה׳ס באַרשטש, אי דער שכנה׳ס שנור די מופקרת, וואָס טראָגט די אייגענע האָר, ווי אַ געשלייערטע האַנזי, און אַזוי ווייטער — אָהן אַ סוף.

— געדענקט זשע, זלאַטע, — האָט די חזנ׳טע עטליכע מאָל געבעטען — לאָזט זיך לאַנג ניט בעטען. אם־ירצה־השם, תיכף נאָכ׳ן טיש, מיט אסתר׳ען, למען השם!

זלאַטע האָט פערגעסען די אַמאָליגע שנאה צו דער חזנ׳טע און איז געקומען מיט אסתר׳ען אָפּגעבען שמואליקען כבוד. די חזנ׳טע האָט זיי אויפגענומען אויפ׳ן שענסטען אופן, זיי מכבד געווען מיט קוגעל און געזאָגט אַלע מאָל אויף דייטש, ווי מע רעדט ביי זיי אין באַרדיטשעוו: „פאַרוואָס געניסט איהר עפּיס ניט, זלאַטעניו, כלעבען, איהר האָט נאָך גאָר ווייניג גענאָסען!“

שפּעטער אַ ביסעל איז אַריינגעקומען אויך זלאַטע׳ס יונגערע שוועסטער, אַ גוטער פריינד און אַ נאָהענטע שכנה, די מוהמע יענטעל מיט איהר מאַן בייניש׳ען; אויך רב קלמן שדכן איז אריין מיט אַ שבת׳דיג פּנים און מיט אַ ברייטען גוט שבת, און טרינקענדיג „לחיים“, האָט ער צוגעווינשעוועט שמואליקען, ער זאָל דערלעבען גרויס נחת אין זיין זוהנדעל, טאַקי אויף אַ קנס־מאָל, אם־ירצה־השם, אין גיכען.

— כ׳האָב נענוג האָב איך! — האָט רב קלמן געזאָגט, פּער־קאַטשענדיג די אַרבעל פון דער אַטלעסענער קאַפּאָטע ביז די עלענבויגענס און אָננעמענדיג זיך ביי דער גרויער באָרד. — זעהט איהר די באָרד מיינע? זי האָט ניט אַזוי פיעל האָר האָט זי ניט, וויפיעל שידוכים איך טראָג ביי זיך אָט אַ־דאָ־אַ (רב קלמן האָט בעוויזען מיט דער האַנד אויפ׳ן שטערן). האָרכסט דו, שמואליק?...

— וואָס איז שייך? — האָט איהם שמואליק איבערגעשלאָגען סאַמע אינמיטען. — ווייס איך וואָס אייך קומט אַרויף אויפ׳ן קאָפּ! מע האָט דאָס נאָך אפילו ניט אין זינען!

בײַ די ווערטער האָט זיך יוסילע איבערגעקוקט מיט אסתּר'ען, און עס איז זיי דורכגעלאָפן אין דער מינוט אַ מחשבה אין קאָפּ, איין מחשבה בײַ ביידען גלייך; אַ נייער געדאַנק, פון וועלכען זיי האָבען ביידע ביז אַהער גאָר נישט געוואוסט, אַ געדאַנק, פון וועלכען אַ מאַזעפּעווקער מיידעל און אַ מאַזעפּעווקער יונגעל ווערען רויט ווי פייער און זייער האַרץ ווערד געפּלעפּט, געפאַנגען גאָר אומגעריכט. דער נאָמען פון'ם געדאַנק איז: „חתן־כּלה“... דאָס וואָרט „חתן־כּלה“ איז בײַ'ם מאַזעפּעווקער מיידעל אָדער בײַ'ם מאַזעפּעווקער יונגעל אַ גאַנצער ראָמאַן, אַ פּשוט'ער, נאָר אַ שענער, אַ וואונדערליכער ראָמאַן, נישט קיין געמאַכטער, נישט קיין גע'מלאכה'טער, נישט קיין אויסגעטראַכטער, נאָר איין אמת'ער ראָמאַן, אָהן חכמות, אָהן קונצען, אַזוי אמת און אַזוי פּשוט, ווי די נאַטור אַליין.

— אַצינד לאָמיר זיך נעמען אָקאָרשט צום איבעריגען ביסעל משקה! — האָט שמואליק אויסגערופען, נאָכדעם ווען ער האָט שוין צום מזומן בענשען פערזוכט אַ קאָפּעלע און איז אַ ביסעל פריילוך געוואָרען. — אַנו, בײַניש, נעם זיך נאָר, טהו אַ פּרוב!

בײַניש, ווי אַ יונגערמאַן שוין פון היינטיגער וועלט אַ ביסעל, האָט גענומען עפענען די פלעשלעך, און דער עולם האָט גענומען פערזוכען פון יעדען'ס משקה צו קאָפּעלעך, טרינקענדיג לחיים און צווינשעווענדיג זיך איינס דעם אַנדערען אַלדאָס גוטס מיט פּרנסה און מיט ישועות ונחמות אויפ'ן כּלל ישׂראל, אַזוי לאַנג, ביז מען איז געוואָרען מבוסם, טאַקי רעכט פערקלאָפּט. מע האָט גענומען רעדען אַלע אין איין קול, שמייכלען און ביסלעכווייז אונטערדרימלען, פּיקען מיט דער נאָז אין גלעזעל אריין, שוין כּמעט ניט טרעפענדיג צום מויל.

— זעהט נאָר, זעהט, ווי זיי האָבען זיך דאָס אַ ביסעל אונ־טערגעפּילנעוועט! — האָבען די ווײַבער צווישען זיך געשמועסט, פערקלויבענדיג זיך בעזונדער אין אַ ווינקעל און אָנווייזענדיג מיט

א געלעבטער אויף די מאנסבילען. — עס וואלט נישט געווען קיין עולה, איהר זאלט זיך צולעגען אפרוהען א ביסעל, כלעבען!

די מאנסבילען האבען דאס אבער געהערט, ווי דעם פארא־יאהריגען שניי: זיי האבען זיך געטהאן זייערס און צוגעווינשעוועט זיך אלדאס גוטס מיט'ן כלל ישראל. און די ווייבער האבען זיך שטארק פעררעדט וועגען עניני בעל־הבתישקייט, איבעררעדענדיג איינס דאס אנדערע, און קיינער האט גאר קיין צייט נישט געהאט צו בעמערקען, ווי יוסילע האט זיך דערוויילע צוגערוקט צו אסתר'ען און האט איהר אויסדערצעהלט אלסדינג, וואס מיט איהם האט פאסירט אין די דריי יאהר. יוסילען איז נאך קיינמאל נישט געווען אזוי אויפגעלעגט אויפ'ן הארצען, ווי יענעם שבת; עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער איז א גרויסער, א גאנצער מענש, א מענש, וואס האט שוין פערזוכט געננג צרות אין זיין לעבען. די אויגלעך האבען איהם געגלאנצט, די בעקלעך האבען געפלאמט. און מאכענדיג מיט די הענד, ווי א גרויסער, האט ער אין זיין לאנגען קאפאטקעלע מיט די פאה'לעך אויסגעזעהען פון דער־ווייטענס, ווי א קליין אידעלע, א קליינס און א קורצס, נאר מיט אלע פאסטעמקעס, מיט אלע פישטשעקלעך פון א אידען. יוסילע האט איהר דערצעהלט, ווי ביטער עס זענען איהם געווזען די דריי יאהר, וויפיעל צרות ער איז אויסגעשטאנען דארטען, ביי מיצין, ביז ער האט זיך ארויפגעשלאגען אויף א שטיקעל דרך. לכתחילה האט איהם מיצי אויפגענומען גאנץ פריינדליך, זיך בעריהממט מיט זיין נייע משורר'על פאר איטליכען בעזונדער. מיציכע אבער, דאס הייסט, מיצי'ס ווייב, איז מיט יוסילען נים אזוי צופריעדען געווען, ווי מיצי; זי האט אויף איהם געקוקט, ווי אויף איין איבעריגען עסער אין שטוב; זי האט געהאט גענוג עסערס אהן איהם אויך. זי איז אליין נישט געווען קיין עקרה און פלעגט צושטעלען מיצי'ן א נייע משורר'על אלע יאהר, אלע יאהר א נייעס, איין איינענס. מע האט נישט ארויסגעזעהען, אז דאס סך קינדלעך איהרס זאל זיין ביי איהר מאן אדער ביי

איהר שטאַרק אָנגעלעגט; גאָרניט, מהיכא־תיתי, ס׳זאָל זיין ווינציגער מיט אַ קינד, וואָלט אודאי גלייכער געווען, נאָר ס׳איז שוין דאָ, לאָז עס זיך שוין וואַלגערן. און עס האָבען זיך דאָרט „געוואַלגערט״ קינדער, ווי מיסט, און ביז זיי האָבען זיך אויפגעהאַפּט אויף די פיסלעך, האָבען זיי נעבאַך געליטען הונגער, געגאַנגען נאַקעט און באָרוויס, גוט אָפּגעקומען, גוט אויסגעריסען געוואָרען. מע קאָן זיך שוין גרינג פאָרשטעלען, אַז יוסילע, אַריינקומענדיג צווישען אַזוי פיעל אָרעמע בעשעפּענישלעך, האָט, געוועהנליך, קיין האָניג נישט געלעקט; ער איז פערשוואַרצט געוואָרען גלייך מיט זיי, טראָגענדיג די צרות ביי זיך פערבאָרגען. הכלל, יוסילען איז בעשערט געווען אין טעטרעוועץ אויך האָבען אַ שטיפמאַמע; זי האָט איהם בענוצט אויף שטוב־מלאכות, אַרומגעשיקט אויף אַלע גענג, נאָכטראָגען איהר דעם קאָשיק פונ׳ם מאַרק, געהן מיט די עופות צום שוחט, וויעגען דאָס קינד און נאָך אַזעלכע אַרבייט טהון, חאַפּענדיג דערביי גאַנץ אָפט אַ רעכטען פּאַטש, אַ קניפּ און אַ סטוסאַק, ווי אַיין אייגען קינד, און לעגענדיג זיך גאַנץ אָפט שלאָפען אַ הונגעריגער און אַ דאָרשטיגער. היינט די יסורים, וואָס ער האָט געטראָגען דאָרטען פון זיינע חברים די משוררים, וכדומה נאָך אַזעלכע זייטיגע צרות! יוסילע האָט געהאַט אין טעטרעוועץ דריי זעהר ביטערע יאָהר! ער האָט דאָס אָבער איבערגעטראָגען שטילערהייד, נישט דערצעהלענדיג מיצי׳ן קיין מעשה, בכדי ער זאָל נישט אָנוועהרען די שטעלע, חס ושלום. די שטעלע איז ביי איהם געווען זעהר טייער. ער האָט געלערענט מיט חשק הלכות משורר, דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען חדר, געשטודיערט אויף חזן, אויסאַרבייטענדיג זיך די שטימע, און ער קאָן אַצינד ,אָגען בפירוש, אַז ער בעדאַרף שוין מעהר נישט מיצי׳ס תורה. ער איז קלאָר אין נאָטען, ברוך השם, אַזוי גוט, ווי אַלע משוררים, און איז שוין מעהר ניט מחויב צו טראָגען מיציכען דעם קאָשיק פונ׳ם מאַרק און וויעגען איהר דאָס קינד. ער קאָן שוין אַצינד פערטרעטען די פיינסטע שטעלע ביי׳ם גרעסטען

וועלט־חזן, און ווען ער פאָהרט אַרויס אַ ביסעל אויף דער וועלט, וועט ער געוויס ניט שלעכט מאַכען.

— אַצינד בין איך געקומען אַהיים אויף אַ פּאָר וואָכען זיך אָפּרוהען. — אַזוי האָט יוסילע אויסגעלאָזט זיין דערצעהלונג. — נאָכדעם וועל איך שוין וויסען וואָס צו טהון. איך וואַרט נאָר אויף אַ בריוועל פון איינעם, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט מיך נעמען אויף זיינע הוצאות — און דערצו מיר צאָהלען נאָך שען שכירות, אחוץ זייטיגע הכנסות. הכלל, ער וועט מיך גאָר גליקליך מאַכען, אַבי איך זאָל אַרויספאָהרען מיט איהם אויף דער וועלט. יענער איד איז אַמאָל געוועזען טאַקי ביי מיצי'ן משורר. „גדליה באַס" רופט מען איהם. ער האָט מיך געהערט זאָגען הלל אין טעטרעוועץ, איז ער צו מיר צוגעזאָטען נעוואָרען: „וואָס טויג דיר, זאָגט ער, דאָס משוררות? דו ווער בעסער אַליין חזן, אַזוי ווי יענעם בעל־הבית'על, זאָגט ער, וואָס די וועלט האָט מיט איהם געקלונגען"... איך האָב דאָס אַלץ צו פאַרדאַנקען דיר, אסתר, וואָס דו מיט דיין מאַמען האָבען מיך דעמאָלט אָפּגעשיקט קיין טעטרעוועץ. ווען ניט איהר, וואָלט איך נאָך באַדאַרפט זיך וואַלגערען אָט דאָ, אין דעם וויסטען מאַזעפּעווקע...

אַרויסזאָגענדיג די לעצטע ווערטער, ווילט זיך יוסילען זעהר אָננעמען אסתר'ען ביי דער האַנד און דערצעהלען איהר דאָס אויך, ווי אַזוי ער האָט געבענגט נאָך איהר אַלע דריי יאָהר כסדר, ווי אַזוי ער פלעגט בעטען גאָט פאַר'ן טאַטען און פאַר איהר אויך, ווי אַזוי זי פלעגט איהם אָפט קומען צו חלום און אַרומנעמען איהם, אַזוי ווי זי פלעגט איהם אַרומנעמען דעמאָלט, בשעת זיי זענען נאָך געווען קליינע קינדער. יוסילע פיהלט, אַז אַצינד איז עפּיס אַנדערש, נישט דאָס, וואָס אַמאָל איז געווען... עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז אסתר איז ניט די אסתר, וואָס פריהער. אסתר האָט זיך באמת אין די דריי יאָהר משונה איבערגעביטען, געוואָרען העכער און שענער, און איהר פּנים האָט אויסגעזעהען

שוין ניט אַזוי קינדעריש, ווי פריהער. עס האָט זיך איהם אויס־געוויזען, אַז כאָטש די אויגען זענען די זעלבע ליכטיגע, גלאַנ־צענדיגע אויגען, וואָס פריהער, נאָר דער קוק איז ניט דער, וואָס פריהער, און דאָס גאַנצע אויסזעהן איהרס איז ווי פון אַ דער־וואַכסענעם, בעיאָהרטען מענשען. אויך דאָס רעדען איהרס און אַלע איהרע פּאַסטעמקעס איז ווי ביי גרויסע, ווי ביי אַ כלה. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז אויף איהר ברייטען, ווייסען שטערן ליגט אַ קנייטשעל, ווי ביי איין עלטערען מענשען, און דאָס לאַכען איהרס איז שוין גאָר נישט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל, אַז אסתר האָט געלאַכט, האָט דאָס קול איהרס געקלונגען — עס האָט זיך געלאָזט הערען; אַצינד האַלט זי זיך איין בשעת זי בעדאַרף לאַכען, גלייך ווי זי וואָלט שוין געווען אַ בעיאָהרטע, אַ אידינע... יוסילע זיצט און בעטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס. ער וויל געפינען אין איהר די אייגענע אסתר, מיט וועלכער ער האָט פער־בראַכט כמעט אַלע זיינע קינדערשע יאָהרען, און עס דאַכט זיך איהם אויס, אַז זי איז שטאַרק פערענדערט געוואָרען. און וואָס מעהר יוסילע בעטראַכט זי, מעהר שעמט זיך אסתר; וואָס מעהר ער איז זיך צו איהר מקרב, מעהר דערווייטערט זיך פון איהם אסתר. צווישען די דאָזיגע קינדער, וואָס זענען אַמאָל אינאיינעם אויף איין מיסט דערצויגען געוואָרען, איז פּלוצים אויסגעוואַכסען אַ וואַנד, אַ מחיצה. אַ מחשבה פון דרך־ארץ־האָבען, פון שעמען זיך, האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו זיי ביידע.

— מיר איז ניט באַשערט געווען צו הערען דיך דאַוונען. — האָט איהם אסתר אַ זאָג געטהאָן מיט אַ פריינדליך שמייכעלע. — ביז איך האָב פאַרטיג געמאַכט דעם שבת'דיגען טיש, צוגעגרייט אַלע שאַלעמייזען, איז אין שוהל געוואָרען אַזאַ ענגשאַפט, אַז איך האָב מיך גאָר ניט געקאָנט דערשלאָגען.

— אוי, טאַקי? ביזט געגאַנגען אין שוהל אַריין? — האָט יוסילע אויסגעשריגען און די אויגען האָבען איהם פערוואונדערט

געבלישטשעט. ער האט פלוצים דערפיהלט, אז עס ווילט זיך איהם זינגען; עס קיצעלט און דראפעט איהם אין האלז; עס טראגט איהם אין דער לופטען — ער מוז, ער מוז זיך אויסזינגען!

זינגען האט יוסילע ליעב געהאט נאר דעמאלט, ווען עס האט זיך איהם געוואלט זינגען, און ווען זינגען פלעגט יוסילע פון תמיד אן נאר דעמאלט, ווען ס'איז איהם געווען אדער זעהר גוט, אדער גאר שלעכט אויפ'ן הארצען, — דעמאלט, אז עס פלעגט איהם צוטרעטען צום הארצען, פלעגט ער זיך צעגיסען אויפ'ן האלז, ווי א סאלאוויי. אויך אצינד, נעבען אסתר'ען, האט זיך יוסילע געפיהלט, ווי דאס הארץ ווערד איהם ברייטער און פולער, עס ווילט זיך איהם זינגען. יוסילע איז אויפגעשטאנען פונ'ם טיש און האט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען שטוב גאר, און האט אנגעהויבען צו זינגען. דער עולם, וואס האט שוין געהאלטען גוט אונטער'ן גלעזעל, האט זיך אויפגעחאפט ווי פונ'ם שלאף און אויפגעשטעלט די אויהערען. אויך די ווייבער האבען אוועקגעווארפען סאמע אינמיטען א שמועס, בכדי צו הערען יוסילע'ס נגינה.

געזונגען האט יוסילע אהן ווערטער, דאס וואס הייסט בלשון החזנים „נעמען א שטעל“. אזא שטעל פלעגט אמאל דער ווילנער בעל־הבית'על זאגען שבת־צונאכטס צו די ערשטע סליחות. „אידען — דערצעהלט מען — פלעגען שווימען אין טרערען פון גרוים מתיקות“... אט אזא מין שטעל האט אצינד יוסילע גענומען. עס האבען זיך גלאט אזוי געגאסען זעלטענע קולות, זיסע געזאנגען פון זיין האלז, ארויספליהענדיג פון דארטען און אנפילענדיג די גאנצע שטוב. אט האט ער זיך צעגאסען מיט א טרויעריג, הארצרייסענדיג געזאנג, מיט א רחמנות און מיט א געבעט, מאכענדיג מיט'ן האלז פערשיעדענע קונצען, גלייך ווי די קולות וואלטען זיך טוקען און געגאנגען פונ'ם וואסער ארויס; און אט האט ער זיך צעבייזערט אזוי, אז די פענסטער האבען געקלונגען פון זיין

שטארק הילכיג קול; אט איז ער זיך פערגאנגען אויף זיין שטילער וייכער שטימע, אלע מאל נידעריגער און נידעריגער, שטילער און שטילער, גלייך ווי ער וואלט פערפאהרען ערגיץ וויט־וויט, אראפגעלאזט זיך ערגיץ גאנץ נידעריג, זעהר־זעהר טיעף, און פון דארטען געשיקט אהער וייכע, גלאטע געזאנגען, צעשיטענדיג זיך בשעת מעשה אין אזעלכע דריבנע טרעלען, גלייך ווי קליינע ארבעסלעך וואלטען זיך געקאטשעט, פאלענדיג אראפ־אראפ איינס נאכ׳ם אנדערע מיט א שרעקליך מהירות... און אט האט ער זיך ווידער ווי אויפגעחאפט מיט א גוואלד, מיט איין אויסגעשריי, מיט א בייזער און מיט א געבעט, אויפ׳ן אידישען גאנג. דער עולם האט אראפגעלאזט די נעזער, די קארטוזלעך פעררוקט ארויף, זיך פערטיעפט, פערזארגט, געווען אי יום־טוב׳דיג, אי בעטריעבט, פערוואגעלט, ווי דער שטייגער איז ביי אידען, אז מע דערהערט שפיעלען אדער זינגען. אויך די וייבער האבען צונויפגעלעגט די הענד אויפ׳ן הארצען, אנגעצויגען א פרום פנים, ווי אין שוהל צום דאווענען, בשעת מע דארף ענטפערען „ברוך הוא וברוך שמו, אמן“... פון שמואליקען שמועסט מען שוין גאר ניט: ער איז געווען גאר ניט אויף דעם עולם; פון די עטליכע כוסות, וואס ער האט געמאכט, האט זיך איהם דאס פנים צעפלאקערט, די אויגען צעברענט, און שמייכלענדיג האט ער אויסגעזעהען, ווי א מענש, וואס האלט ביי׳ם וויינען. דאס ביסעל משקה האט איהם אנגעמאכט אין קאפ א שטיקעל מישמאש: עס האט זיך איהם פארגעשטעלט זעלדע זיין וייב, ווי זי שטעהט אט דא ניט וויט, קוקט מיט טרערען און קוועלט פון יוסילען איהר בן־יחיד׳על. „נו, זעלדע, — מאכט צו איהר שמואליק — האסט זיך, אשטייגער, גערעכט, וואס איז שייך, אויף דיין יוסילען, הא?“... עס שטעלט זיך איהם פאר אין דער מחשבה אלערליי פלאנען; עס דאכט זיך איהם, אז מע שלאגט איהם אפ די טירען — מע וויל יוסילען פאר חזן. די קצבים חלש׳ען, ווילען איהם געבען צוואנציג קערבלעך א וואך, אחוץ הכנסה; די טעטרעווצער לייט

זענען אָבער אויך נישט קיין נאַראָנים: זיי ווילען איהם נישט אָפּלאָזען בשום אופן... און פון יאמפּעלע, פון קאַש־פּערעוו, פון מאַקאַרעווקע און פון אַלע שטעדט אַרום און אַרום בּעוואַרפט מען איהם מיט בּריוולעך. „גיט איהם נאַר אַהער, רב שמואליק, אַ רענדעל אַראָפּ — אַ רענדעל אַרויף, אַבּי גיט איהם אַהער, אייער יוסילען!“... אַט אַזעלכע ליכטיגע און פריילּיכע מחשבות און געדאַנקען האָבּען זיך געפּלאָנטעט בּיי שמואליקען אין קאָפּ, פערוויגענדיג און פערשלעפערענדיג איהם אין אַ זיסען גן־עדן־שלאָף. און יוסילע האָט נישט אויפגעהערט צו זינגען, מאַכען קונצען מיט'ן האַלז, צעגיסענדיג זיך אויף טויזענדערליי אופנים, ווי דאָס שפּיעל־פויגעלע, בּשעת עס דער־פיהלט און דערזעהט פאַר זיך די שענע, ליכטיגע, וואַרעמע זון. יוסילע האָט דערזעהען פאַר זיך אסתר'ען און איז, אַפּנים, פון איהר נתפּעל געוואָרען, אַרויסזאָגענדיג זיין התפּעלות נית מיט ווערטער, נאָר מיט וואונדערליכע, געטליכע געזאַנגען פון זיין וואונדערליכען האַלז. דער סאָלאָוויי, דערפיהלענדיג די פרישע, נאָר־וואָס אויפגעלעבּטע ווערנע־צייט, האָט זיך צעזונגען, צעלאָזט דאָס העלזעל און צעגאָסען זיך אויף זיין שטייגער.

XIV.

גדליה בּאַס פיהרט־אַרויס יוסילען אויף דער גרויסער פרייער וועלט.

גדליה בּאַס, אויף וועלכען יוסילע האָט אַרויסגעקוקט, איז געקומען גיך, אַ סך גיכער, ווי יוסילע האָט גערעכענט. פער־פאַהרען איז ער גלייך צו שמואליק דעם חזן, אַפּגעלעגט בּיי איהם דאָס פּעקעל און צעשפּרייט זיך, ווי אַ מענש, וואָס איז געקומען

גליקליך מאכען די וועלט. ביי שמואליקען איז זיין קומען צו פאהרען געווען שטארק אנגעלעגט, און ער האט דאס געהאלטען פאר א גרויסען כבוד, וואס מענשען פאהרען־אראפ לכתחילה צו איהם. דערצו איז איהם דער אורח זעהר געפעלען געווען פאר א לייטישען מענשען.

גדליה באס איז געווען אזא מין פארשוין, וואס איז זעהר שווער געווען צו טרעפען וואס ער איז. א ביסעל איז ער געווען פון „הייגטיגער וועלט": די קאפאטע א ביסעל פערקירצט, די שווארצע גראבע פאות פערקאטשעט הינטער די אויהערען און די שווארצע געדיכטע בארד קיילעכיג, קונציג ארומגעבויגען, נישט חלילה ארומגעשוירען. דערפאר האט ער זיך צו מעריב אוועק־געשטעלט שמונה־עשרה אויף אנדערהאלבען שעה, זיך שטארק געשאקעלט און געווארפען מיט'ן קאפ אויף ביידע זייטען — רעכטס און לינקס, ארויסלאזענדיג אלע מאל א טיעפען זיפץ פונ'ם הארצען. „עס ווייזט אויס, א פרומער איד", — האט זיך שמואליק געטראכט, בעטענדיג דעם אורח זיך וואשען און עסען וועטשערע. די גאנצע צייט פון דער וועטשערע האט גדליה געשוויגען, בעטראכט שמואליקען מיט זיין הויזגעזינד און געענט־פערט יוסילען נאר א צוויי־דריי ווערטער: וואס מאכט דער משורר, וואס מאכט יענער משורר. ערשט נאכ'ן בענשען, ביי וועלכען דער אורח האט פערגלאנצט די אויגען ארויף, צעה־לענדיג די ווערטער, האט זיך שמואליק אוועקגעזעצט מיט איהם בעזונדער אין צווייען אין א ווינקעלע שמועסען א ביסעל מכח דעם ענין, וואס יענער איז צוליעב דעם געקומען.

— ווילט איהר, הייסט דאס, אפנים, אז יוסילע זאל טאקי פאהרען מיט אייך? — האט איהם שמואליק א פרעג געטהאן, פערקוקענדיג איהם אין די אויגען אריין.

— וואס הייסט, איך וויל? — האט איהם גדליה באס געענט־פערט, גלעטענדיג זיך די בארד. — ער איז ביי מיר איינער, וואס?

איך פאָהר, ברוך־השם, מיט זיבעצעהן פּאַרשוין; מע באַדאַרף אויסשטעהן אזא חברה, קיין עין־הרע, איז אויך ניט קיין קליינינ־קייט, ווי מיינט איהר, רב שמואליק? איהר זענט דאָך יאָ, ווי זאָגט ער...

— אודאי, וואָס שמועסט מען דאָ? — האָט איהם שמואליק געענטפערט, ווי אַ מענש, וואָס איז געניט אין אַזעלכע זאַכען. — איך מיין אָבער דאָס, וועגען מיין יוסילען שמועס איך; למשל, וואָס קאָן זיך האָבען דערפון, אשטייגער?

— וואָס הייסט האָבען? — האָט איהם גדליה געענטפערט, וויעדער פערפאָהרענדיג אין אַ זייט. — האָבען צו האָבען איז דען גלייך? אַמאָל מאַכט זיך, מע קומט אין אַ שטעדטעל און מע פאָהרט אוועק צוריק מיט וואָס מען איז געקומען, ווי זאָגט ער, בגפו יבוא בגפו יצא, און אַמאָל מאַכט זיך פאַרקעהרט, מע חאַפּט דעם טאַטער. הכלל, רב שמואליק, הוצאות שלאָגט מען זיך אויס יאַקאָס; אַט־אַזוי־אַ דרעהט מען זיך; איהר פאַרשטעהט אַיין עסק? אייך באַדאַרף מען דאָך נישט דערצעהלען.

— יאָ, וואָס איז שייך. עס רעדט זיך אַזוי. — מאַכט שמואליק. — איך שמועס אָבער אָקעגען דעם, יעדער מענטש וויל דאָך וויסען, וואו ער האַלט, צי עס טראָגט איהם, צי ניין. איהר פאַרשטעהט?

— וואָס הייסט טראָגען? קאָן מען זאָגען אויף אַ חזן: עס לוינט, צי עס לוינט איהם ניט? איך פרעג אייך, רב שמואליק, איהר זענט דאָך אַליין עפּיס, ווי זאָגט ער, ניט פון יענע חזנים. אַ חזן איז תמיד ווי אַ מיהלנער; כל זמן... איהר פאַרשטעהט? גאָר ניט, עס דרעהט זיך.

— יאָ, טאַקי, איהר זענט, כלעבען, גערעכט; איך באַדאַרף דאָך מיר אָבער וויסען מיינס, איהר פאַרשטעהט? עלעהיי איהר זענט דער קונה און איך בין דער סוחר; וואָס איז שייך, איהר

באַט־אַן אַ פּרייז, און איך וועל מיך שוין איבערלעגען און באַטראַכטען אַקוראַט. איהר פאַרשטעהט?

— שייך זאָגען דערביי אַ פּרייז? — מאַכט גדליה, צענעמענדיג די הענד און שמייכלענדיג דערביי זעהר אַנגענעהם. — עס ווענדט זיך שוין אין גליק און אַ ביסעל אין דעם, אויב מע נעמט־אוים ביי'ם עולם. אונזערע אידען, ווייסט איהר דען ניט, רב שמואליק? דעם געפעלט און יענעם ניט. אָט נאָט אייך פּ י צ י: שוין, דאַכט זיך, פּ י צ י אַליין, פון דעסטוועגען, לאָמיך האָבען די ברכות, וואָס עס מאַכט זיך איהם... עט!

— ס'איז אויך אמת! איך מיין גאָר ניט אַזוי ווייט; איך וואָלט צופריעדען געווען מגט האלב, מיט אַ דריט־חלק פון פּ י צ י'ן. לעולם איז דאָך מיין יוסילע נישט מעהר, ווי אַ קינד, וואָס איז שייך?

— אָ, איהר זאָגט אַ קינד, רב שמואליק? ביי אייך קומט־אוים, אַז אַ קינד באַדאַרף נישט קיין זאַך; די זייטיגע זאַכען זענען דאָ, פאַרשטעהט איהר מיך, צעהן מאָל אַזוי פיעל, ווי איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען.

— ניין, איך שמועס ניט פון דעם! — זאָגט שמואליק, פיהלענדיג, אַז ער איז פערקראָכען קיין בויבעריק. — איך האָב געוואָלט זאָגען גאָר איין אנדער זאַך.

— וואָס־זשע? איהר מיינט אודאי די הנהגה ויינע? מעגט איהר מיר גלויבען, רב שמואליק, אַז...

— חלילה! — שרייט שמואליק. — ניט דאָס מיין איך! איך רעד גאָר פון עפּים אנדערש!

— ע! לאָזט זשע זיך דיענען, מיין ליעבער איד. איך וויל אייך אויספיהרען אַקעגען דעם טאַקי, וואָס איהר אַליין זאָגט דאָס... איך מיין אַקעגען קינדער...

אָט אַזוי האָט מען זיך געפּלוידערט ביידע ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, און שמואליק האָט זיך געלעגט שלאָפען מיט גאָר־

ניט. אויף מאָרגען האָט גדליה באָס אָנגעהויבען אונטערטרייבען יוסילען אין וועג אריין; ער האָט איהם אונטערגעגעבען היץ און איז איהם נאָכגעגאַנגען פיס־טריט. יוסילע פון זיין זייט, האָטש עס איז געווען זעהר אַנגענעהם צו פערברענגען מיט זיינע ליעבע און גוטע פריינד, נאָר עס האָט איהם געצויגען אַהין, אין דער גרויסער, פרייער וועלט אַריין. ער האָט געזעהן, אַז ס'איז פאַר איהם קיין תכלית נישט צו בלייבען אין מאַזעפּעווקע, צו זיין געבונדען און געצוואונגען. זיין ציעל האָט ער נאָך נישט דערגרייכט; יענע שענע מעשיות מיט יענע זיסע חלומות וועגען דעם „יונגעלע“, „בעל־הבית'על“, „קאַנאַריק“ וכדומה אַזעלכע האָבען זיך איהם ווידער פאָרגעשטעלט מיט זייער גאַנצען גלאַנץ און מיט אַלע זייערע אַנטיקלעך, און עס האָט איהם אַלץ געצויגען אַהין... ער האָט זיך נאָר אָפּגעבעטען ביי גדליה באָס אויף צוויי טעג, ניט מעהר, צו פערברענגען מיט זייניגע, אָפּצוגעזעגענען זיך מיט זיי פאַר זיין אָוועקפאָהרען אין אַזאַ ווייטער נסיעה אַריין.

— ווען זשע, קלערט איהר, זאָל ער קומען צוריק אַהיים? — האָט שמואליק אינ'ם טאָג פון יוסילע'ס אָוועקפאָהרען אַ פרעג געטהאָן ביי גדליה באָס, און עס האָט זיך געלאָזט הערען אין זיין קול אַ מין ציטערניש, ווי אַ מענש, וואָס וויל וויינען.

— וואָס הייסט אַהיים? — האָט איהם דערויף גדליה באָס געענטפערט, ווי זיין שטייגער איז, אָפּקערעווענדיג אין אַ זייט. — אַפּנים, מיר פאָהרען דען ערגיץ אין איין אָרט אַריין? מיר זענען דאָך וועלט־מענטשען: היינט זענען מיר דאָ, און מאָרגען דאָרטען, פונקט ווי די יריד־לייט; מע ווייסט, צי מע וועט מאַכען גוט, צי ניין? גאָר ניט, מע פאָהרט — פאָהרט מען זיך.

שמואליק האָט מיט אַ מאָל אָנגעוואוירען דעם קוראַזש; ער איז יענעם טאָג געווען צערודערט, שטאַרק לאַ־עליכמ'דיג. דער געדאַנק: „ווער איז אָט דער גדליה באָס, און וואָס איז מיט איהם דער מעהר?“ — איז שמואליקען געקומען אויפ'ן קאָפּ שוין צו

שפּעטליך. דערצו האָט איהם זלאַטע געפּיקט אין קאָפּ אריין, בעוויזען איהם, אַז ער איז, משטיינס געזאָגט, אַ צאַפּ, ניט קיין מאַמע: אַ טאַטע זאָל זיך ניט צעפּרעגען פריהער, ווי ביי לייטען...

און יוסילע האָט זיך געקלויבען אין וועג אריין. עס איז געוואָרען ביי שמואליק דעם חזן אין שטוב אַ סומאַטאָכע — יוסילע פאָהרט אוועק! מע האָט איהם צוגעגרייט עסענוואַרג אין וועג אריין, אָנגעבאַקען קיכלעך, קאָרזשעם און צוקערלעקאַך. זינט יוסילע איז געקומען פון טעטרעוועץ איז צו איהם די שטיפמאַמע גאָר איבערגעביטען געוואָרען; זי האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף איהם מיט דרך־ארץ, און אַז זי איז געוואָרען גוט, איז שוין צו איהר גוטסקייט נישט געווען קיין ברעג. דעם גאַנצען פריהמאָרגען איז זי ניט אָפּגעטראָטען פון׳ם אויווען, אַלץ געקאָכט און געבאַקט, געבראָטען און געפּרעגעלט, אַלץ יוסילען אין וועג אריין. דאָס פּנים האָט איהר געפלאַמט, דאָס טיכעל האָט זי פערבונדען מיט די עקען ארונטער, און האָט אַליין מיט איהרע הענד איינגע־פּאַקעוועט יוסילען דאָס פּעקעל אין וועג אריין. צוזעהענדיג פון איהר אַזוי פיעל געטריישאַפט, האָט איהר יוסילע מוחל געווען במחילה גמורה אַלע יסורים, מיט די צרות, מיט די פּעטש, וואָס ער האָט פון איהר אַמאָל געליטען. ער איז אין דער צייט גרייט געווען ארומנעמען זי, ווי איין אייגענע מאַמע. יוסילע׳ס האַרץ איז פאַר זיין אוועקפאָהרען געווען ווייך, אָפען און געטריי צו אַלעמען, עס האָט איהם אויסגעוויזען יעדע זאַך יום־טוב׳דיג. אַלע מענשען מיט די גאַסען מיט די הייזער האָבען אויסגעוויזען ביי איהם פיין, ליכטיג און פריילעך. מאַזעפּעווקע, מיט איהרע בלאָטיגע, פינסטערע געסלעך, מיט איהרע פינסטערע, איינגע־הויקערטע הייזלעך און מיט איהרע פער׳חושכ׳טע, פערזאָרגטע לייט, האָט אויסגעזעהען ביי איהם אין די אויגען טאַקי נאָר ווי אַ גן־עדן, וואו אַלעדינג בליהט און שיינט, וואו אַלעדינג לעבט און פרעהט זיך, און ער איז גרייט ארומנעמען און אויסקושען יעדען

בעזונדער. זיינע געדאנקען האבען איהם אזוי געטראגען, עס איז איהם געווען אזוי גרינג אויף דער נשמה, אז עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, ער האט פליגעל; ער איז נישט געגאנגען, נאר ער האט געטאנצט; ער האט נישט געקוקט, נאר געשיינט און געלייכט; ער האט נישט גערעדט, נאר געזונגען. הכלל, יוסילע איז די גאנצע צייט אין מאזעפעווקע געווען אויפ'ן הימעל — ער פאהרט! יוסילע האט גענומען דאס תפילין-זעקעלע מיט'ן שטעקעלע און איז אוועקגעגאנגען אין בית-המדרש אריין דאוונען. נאר פארבייגעהענדיג האט ער זיך אריינגעחאפט צו זלאטען אין שטוב אריין, בכדי צו געזעגענען זיך מיט אסתר'ען.

XV.

ווי יוסילע געזעגענט זיך מיט אסתר'ען עטליכע מאל.

איין טאג א ליכטיגען האט אסתר געהאט אין איהר לעבען, א גוטען, א גליקליכען טאג; דאס איז געווען יענער טאג, ווען יוסילע האט זיך געקליבען אין וועג אריין. עס איז נאך געווען גאר פריה, בשעת יוסילע איז מיט'ן תפילין-זעקעל אונטער'ן ארעם אריינגעקומען צו זלאטען אין שטוב אריין זיך געזעגענען. זלאטע איז געווען אין קלייט, די קינדער מנשה און אפרים זענען נאך געשלאפען און אין שטוב איז געוועזען נאר איין אסתר. זי איז געשטאנען בייס פריפעטשיק, צעלעגט א פייער און געקאכט ציקאריע אויף אנבייסען. דערזעהענדיג יוסילען, האט זי אראפ-געלאזט די ארבעל, וואס זענען איהר געווען פערקאטשעט ביז די עלענבויגענס, ארויסבעוויזענדיג איהרע שענע, ווייסע הענד, און

דאָס פּנים איז איהר געווען פערפלאַמט פונ'ם פייער. די האָר זענען איהר געווען צעפלאָכטען, צעוואָרפען אויף די אַכסלען און ווי עס איז צוגויפגענומען פון אונטען און אונטערגעשטעקט מיט א האָר-נאָדעל, און דאָס האָט איהר צוגעגעבען נאָך מעהר חן. דאָס ווייסע פּאַרטיכעל האָט אויף איהר געשעמערירט, צוגעבענדיג נאָך מעהר ליכטיגקייט צו איהר ליכטיג שיינענדיג פּנים. די הענד האָט זי צונויפגעלעגט אויפ'ן האַרצען, און קוקענדיג אַזוי פערטראַכט אויפ'ן פייער, האָט זי אויסגעהערט יוסילע'ס רעד, וואָס ער האָט גערעדט איבער איהר גאָר אָהן איין אויפהער. אָנגעהויבען האָט ער פון דעם, וואָס ער פאָהרט אַוועק אין אַזאַ ווייטען וועג אַריין, ער וועט זיך דאָס אָנזעהען א וועלט — טאַטעניו! ער וועט זיין אומעטום: אין מאַקאַרעווקע, אין קאַשפּערעוו, אין גנילאָפּיאַטעווקע, אין גלופּסק, אין דנעפּרעוועץ און אין טונעיאַדרעווקע — און וואו ניט? גדליה באַס זאָגט איהם צו, אַז ער וועט מיט איהם זיין אין חמעלניצק און אין גאָנטאַיאַרסק אויך, איהם ווייזען דאָס טהעאַטער דאָרטען, וואו פּיצי'ס טענאָר איז היינט משורר, דאָס הייסט, ער זינגט אַלע נאַכט אין טהעאַטער, און מע זאָגט, ער איז דאָרטען גליקליך, ווי די גאַנצע וועלט: ער שיקט איבער זיין טאַטען געלד אָהן א שיעור. זיין טאַטע איז חזן אין דער מאַקאַרעווקער קצב'ישער קלויז, איין עני ואביון געוועז, און היינט, זינט זיין זוהן איז אַזוי גרויס און געהויבען געוואָרען, איז איהם גוט ווי די וועלט... יוסילע האָט געזאָגט, ווען גאָט העלפט איהם חאָטש נאָר האַלב ווי פּיצי'ן טענאָר, חאָטש א צעהנט-חלק, וואָלט ער, נישקשה, בעוואָהרעגט זיין טאַטען אויף די עלטערע יאָהרען און נישט געלאָזט איהם. ער זאָל זיך איינרייסען דאָס געזונד ביי'ם עמוד איינער אַליין: „גענוג געהאָרעוועט; ער מעג זיך שוין אָפּרוהען, בלעבען".

ביי ר' ווערטער האָט זיך יוסילע שטאַרק צעהיצט; די אויגען האָבען איהם געברענט, דאָס פּנים האָט איהם געשיינט. יוסילע איז געווען נאָך גאָר א קינד, קאָן מען זאָגען, א יונגעל פון א יאָהר

זיעבּעצעהן, ניט מעהר, נאָר אַ גרויס יונגעל, איינער פון די אידישע יונגלעך, וואָס וואַכסען־אויס און ווערען צייטיג פאַר דער צייט, פאַרטיגע אידעלעך. אַ דאַנק די צרות, וואָס ער האָט געטראָגען פון קליינווייז־אויף, האָט זיך יוסילע אויסגעאַרבּייט, געוואָרען אַ קליין פאַרטיג אידעל, געגאַנגען ווי איין אַלטער, גערעדט ווי אַ בר־דעת, געפיהרט זיך ווי אַ איד. צוהערענדיג זיינע רעד, האָט זיך אסתר גע'חידוש'ט אויף איהם: עס האָט זיך אַרום אויס־געוויזן, אַז ער איז עלטער געוואָרען ניט מיט דריי יאָהר, נאָר מיט צעהן יאָהר, און קוקענדיג אויף איהם, אויף זיין „אָסאָבּע", האָט זי זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען, זי זאָל זיך ניט צעלאַכען. אסתר איז עלטער געוועזען פון איהם מיט אַ יאָהר אָנדערהאַלבּען און האָט תמיד געקוקט אויף איהם, און אויך איצט, ווי אויף אַ קינד, אַ יונגעל. דערהערענדיג פון איהר אַזעלכע ווערטער האָט זי איהם גענומען בעטראַכטען און האָט איהם געלאָזט רעדען, נישט איבּערגעשלאָגען איהם, ביז ער וועט נישט אויסלאָזען ביז'ן סוף. און יוסילע האָט גערעדט גאָר אָהן איין אויפהער, וואָס ווייטער אַלץ מיט מעהר היץ, פאַרגעלעגט גילדענע פּלאַנען און געקעהרט די וועלט. אַז יוסילע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט, האָט איהם אסתר אַ זאָג געטהאָן מיט זעהר אַ פריינדליכען שמייכעלע:

— זעה־נאָר, זאָלסט נאָכדעם נישט פאַרגעסען, וואָס דו זאָגסט אַצינד, אַזוי ווי זלמן־הערש, מיין מוהמע פריידע'ס עלטערער זוהן, געדענקסט איהם? פריהער, בשעת ער האָט בּאַדאַרפט אַוועק־פאָהרען קיין בּראָד, האָט ער איהר צוגעזאָגט גילדענע בערג, און וויבּאַלד ער איז געקומען אויפ'ן אָרט, האָט ער געשיקט עפּיס צוויי בּריוולעך, און נאָכדעם האָט ער אויפגעהערט צו שרייבּען בּיז היינטיגען טאָג. איך זאָג עס אָקעגען דעם, וואָס צוזאָגען איז קיין מלאכה ניט...

פון די דאָזיגע ווערטער האָט מען געקאָנט אַרויסזעהן, אַז אסתר איז אויך ניט שטאַרק צופריעדען געוועזען פון יוסילע'ס

װעקפאַהרען; עפּיס איז איהר דאָס האַרץ ניט גרינג געװען. איהם האָבּען די עטליכע װערטער, אַפּנים, גוט דערלאַנגט; ער האָט זיך נאָך מעהר צעהיצט און געזאָגט:

— דו גלייכסט מיך, אסתר, צו יענעם שאַרלאַטאַן, צו זלמן־הערשען? זלמן־הערש איז פון תמיד אָן געװען אַ שייגעץ, איין עזות־פּנים. עס איז נישט געװען דער טאָג, מע זאָל איהם ניט קאַטעװען פאַר זיינע מיאוס׳ע תנועות... װאָס גלייכסט דו מיך צו איהם? — האָבּ קיין מורא ניט, איך װעל מיין טאַטען נישט פאַרגעסען קיינמאָל. איך װעל זיין דאָרט, און מיין נשמה װעט זיין דאָ, ביי מיינע ליעבּע און געטרייע. איך װעל שיקען אָפּטע בּריװעלעך. איך װעל דיר שרייבּען, אסתר, אַלע װאָך. װעסט מיר ענטפערען?

אסתר האָט געפּיהלט, אַז עס בּרענט איהר דאָס פּנים, און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען. שפּעטער, אַז זייערע אויגען האָבּען זיך בּעגעגענט, האָבּען זיי זיך בּיידע גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, שוין פאַרשפּאָרט איבּעריגע רעד. זיי האָבּען נישט בּעדאַרפט פרעגען איינס ביי׳ם אַנדערען קיין הסכּמה. קיין ראָמאַנען האָבּען זיי בּיידע נישט געלייענט. זיי האָבּען נישט געװאוסט, װי אַזוי מען איז זיך נוהג אין אַזעלכע ענינים, און האָבּען דאָס נישט בּעדאַרפט װיסען: די נאַטור װייסט נישט פון קיין ראָמאַנען. יוסילע מיט אסתר׳ען זענען פון קינדװייז אָן געװען אינאיינעם, און עס װאָלט זיי בּיידען אַ גרויס חידוש געװען, װען זיי זאָלען זיך בּעדאַרפען צעשיידען אויף תמיד, אויף אייביג. ביז אַהער האָבּען זיי דעם דאָזיגען געדאַנק געטראָגען ביי זיך אין האַרצען פאַרבּאָרגען; אַצינד, אַז עס האָט זיך געמאַכט, אַז זיי האָבּען זיך אויסגערעדט, נישט מיט׳ן מויל, נאָר מיט די אויגען, מיט׳ן קוק, איז דאָס שוין פאַר זיי בּיידע קיין סוד נישט געװען, נאָר רעדען װעגען דעם איז פון דעסטװעגען געװען איין איבּעריגע זאַך, און טאַקי נישט אַזוי גרינג אויך. נישקשה, עס איז געװען צװישען זיי װי אָפּגערעדט:

חתן־כלה, וואס איז דא פארהאן וואס צו שמועסן? זיי זענען נאך ביידע יונגע קינדער. יוסילע וועט פריהער ארויספאהרען אויף דער וועלט; נאכדעם וועט ער קומען, וועט ער... וועט זי... עס וועט שוין זיין רעכט!

— נו, דערווייל לאמיר זיך, אסתר, געזעגענען. — האט יוסילע א זאג געטהאן, אויסציהענדיג אסתר'ען זיין האנד, ווי א מענש, וואס קומט־אן פון א גרויסער שטאדט און ווייסט די דארטיגע מנהגים. — זיי געזונט, אסתר!

— פאהר געזונטערהייד! — האט איהם אסתר געענטפערט, אויסציהענדיג איהם איהר האנד דאס ערשטע מאל אויף איהר לעבען. אסתר האט געפיהלט, ווי יוסילע קוועטשט איהר די האנד שטארק, שטארק, און האט איהר האנד ביי איהם נישט ארויס־גענומען. ווער ווייסט נישט דעם טעם פון אזא מין האנד־קוועטשען? ווער ווייסט ניט דעם פשט פון אזא מין שלום־עליכם אפנעמען?... יוסילע מיט אסתר'ען זענען געווען אויפ'ן זיעבעטען הימעל. זיי האבען זיך ביידע אויף א מינוט פערגעסען און זענען געווען איבערגעגעבען איינס דעם אנדערען מיט'ן גאנצען לעבען. זייערע אויגען האבען זיך נאך א מאל בעגעגענט און גערעדט צווישען זיך אויף זייער שפראך, אויף שטום־לשון, אויף יענעם לשון, וואס איז בעקאנט אלע יונגע מענשען אין דער מינוט, ווען עס הויבט זיך אן ביי זיי אין הארצען זייער וועסנע־צייט, די גליקליכסטע צייט פון דער ערשטער ווארעמער, אמת'ער געטליכער ליעבע...

שטעהענדיג אויף דער שוועל, האט זיך יוסילע נאך א מאל אומגעקעהרט מיט'ן פנים צו אסתר'ען און האט איהר געזאגט נאך א מאל „זיי געזונט". אסתר האט איהם געענטפערט „פאהר געזונט", און יוסילע זאגט ווידער א מאל „זיי געזונט", און וויל שוין אנהויבען ארויסצוגעהן; פלוצים קומט אן זלאטע פון הינטער זיינע פלייצעס און מאכט אזוי:

— שאַ־שאַ, קוק איהם אָן! וואָס פאַר אַ „זיי געזונט“ אַזוי פּריה? האַר אוים אַ קאַפּעלע, ביז לייזער בעל־עגלה וועט זיך אַמאָל אויסקראַצען קומען מיט זיינע דריי פּגירות, וועסט דו זיך נאָך קאָנען אַפּגעזעגענען זעכס מאָל. געה נאָר, יוסילע, דאַווען־אָפּ און קום צו אונז אויף אָנבייסען. דעם לעצטען וואַרמעס באַ־דאַרפסט דו עסען ביי אונז; דאָס וועט דיר זאָגען יעדער מענטש מיט יושר, אַז עס באַדאַרף אַזוי צו זיין! הערסט דו, אסתר? האָט מיר פרומע־בלומע געבראַכט אין קלייט אַריין פיש, וואָס זאָל איך דיר זאָגען?! געה דערווייל אַרוים אין קלייט אַריין, איך האָב דאַרט געלאָזט דאָס משרת'על אַליין. די כּדיונות זענען, ברוך־השם, אַזוי גרוים, האָטש נעם פּאַרשלים די קראָם. שונאי ציון, צו אַלדי גוטע יאָהר! זיץ־אוים אַזא טאָג און פרעגעל זיך אויף דער זון, טאַמער ווייסט דו וואָס? געדענק זשע, יוסילע, אויף וואַרמעס, למען־השם, אויף וואַרמעס! דעם טאַטען מיט דער מוהמע וועל איך רופען אַליין: ס'איז ראש־חודש, אַ האַלבער יום־טוב. זיי מעגען קומען.

יענער טאָג, קאָן מען זאָגען, איז געוועזען דער בעסטער, דער ליכטיגסטער, דער גליקליכסטער טאָג אין אסתר'ס לעבען. אויף אַלץ איז אַ צייט; עס קומט אַ צייט אויך אויף דעם איינציגען בלומעלע, וואָס וואַכסט אין וואַלד ערגיץ אין אַ ווינקעלע, פאַר־וואָרפען, פערשטעלט, עלענד און וויסט. עס קומט אויפ'ן עלענדען בלומעלע די גוטע צייט. עס קוקט־אַראָפּ אויף דעם איין שטראַהל פון דער ליכטיגער זון, דאָס אויפגעלעבטע, דערפרישטע בלומעלע הויבט־אויף דאָס קעפּעל אויף אַ מינוט, צעלאָזט די בלעטעלעך, שיינט און בליהט, קוקט איז לויטערען הימעל אַריין און גיט־אָפּ אַ ליעבליכען גרוס דער מילדער נאַטור, וואָס האָט נישט פער־געסען אין איהר אויך, עלענדע אָרעמע בלום...

XVI.

ער פאָהרט אוועק און פערגעסט דעם „זיי געזונד“.

ווי א ליכטיגער שטערן, וואָס פליהט דורך אויף דעם טונקעלען הימעל, טהוט א בלישטשע אין די אויגען, לאָזט איבער נאָך זיך א לאַנגען ליכטיגען פאַס און ווערד פערשוואונדען, אַזוי איז אויך געוועזן יוסילע סאָלאָוויי אין דער אידישער מוזיקאַלישער, דאָס הייסט, חזנ'ישער וועלט. אַט איז ער געקומען אין אַ שטאָדט אַריין, געמאַכט אַ רעש צווישען די אידען, זיך בעוויזען און פערחידוש'ט, פער'כישופ'ט דעם עולם מיט זיין וואונדערליך משונהדיגען קול, מיט זיין געטליך דאַוונען און זינגען, — און אַט איז ער פערשוואונדען געוואָרען, איבערלאָזענדיג די שטאָדט פערגאַפט און פערוואונדערט, זיי זאָלען רעדען פון איהם, דערצעהלען חידושים, איינלעגען נאָך איהם די וועלט און געדענקען איהם מיט זיין דאַוונען ווייל זיי וועלען לעבען. נאָך איידער ער איז געקומען צו פאָהרען ערגיץ אין אַ שטאָדט אַריין, פלעגט שוין ווערען, מיט אַ וואָך פריהער, אַ רעש: „ער פאָהרט! יוסילע סאָלאָוויי פאָהרט צו אונז אויף שבת!“ און אַז יוסילע סאָלאָוויי איז געקומען, איז געוואָרען אין שטאָדט ערדטרעטעניש — אַלע האָבען געוואָלט הערען דעם מאַזעפּעווקער סאָלאָוויי. צום מיינסטען פלעגט יוסילע סאָלאָוויי דאַוונען אויף בילעטען, וועלכע דער עולם האָט צעחאַפּט, נאָך פריהער איידער מע האָט זיך אומגעקוקט. מעהר ווי איין שבת האָט יוסילע סאָלאָוויי נישט פערבראַכט אין קיין שטאָדט, מע זאָל איהם אפילו אָפּגילטען, מחמת שטענדיג איז דאָ אַ סך, און מע דאַרף זיין אומעטום. ערשט נאָך זיין אוועקפאָהרען פלעגט אָנהויבען צו קאָכען מיט איהם די

שטאָרט, איינער האָט איבערגעגעבן דעם אַנדערען זיינע געפּיהלען מיט גרויס התפלות: „וואָס זאָגט איהר עפּיס אויפ'ן סאַלאָוויי?!... וואָס זאָגט איהר אויף זיין שטימע?... האָט איהר איהם חאָטש אָנגעקוקט רעכט אין פּנים אריין?... וואָס זאָגט איהר אויף זיינע משוררים?... נו, מאַזעפּעווקע! ננו, סאַלאָווייטשיקעל!!"... עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע ליעב־האָבער, וואָס זענען איהם נאָכגעפאָהרען אין דער אַנדערער שטאָדט אריין, בכדי זיי זאָלען איהם קאָנען הערכען נאָך אַ מאָל. אויף דער גאַס, אַז יוסילע האָט זיך בעוויזען, זענען איהם נאָכגעלאָפען אַ גאַנצע חאָפּטע יונגלעך, ווייסע־חברה'ניקעס, מיט אַ געשריי: „דער סאַלאָוויי! דער סאַלאָוויי!" און ניט נאָר קליינע קינדער, נאָר אויך אידען מיט בערד האָבען זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק טהון אויפ'ן מאַזעפּעווקער סאַלאָוויי. דאַכט זיך, וואָס איז געווען צו זעהען דאָרטען? אַ בחור'על פון אַ יאָהר זעכצעהן־זיעבעצעהן, מיט רויטע בעקלעך און מיט צוגעגלעטע פּאה'לעך, מיט אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע, ביז דער ערד, און מיט אַ האָזען קאַפּעלישעל — אָט דאָס איז איינגאַנצען געווען יוסילע סאַלאָוויי; נאָר זיין נאָמען איז געווען אַזוי גרויס, זיין קול איז געווען אַזוי וואונדערליך, זיין דאַוונען איז געווען אַזוי געטליך־זיס, אַז זיין פּנים האָט אויס־געוויזען מיט אַ בעזונדער חן, און אַ זכיה איז געווען ווער עס האָט איהם אָנגעקוקט.

ווי פון יעדען גרויסען מענשען, האָט מען זיך אָנדערצעהלט פון יוסילע סאַלאָוויי מעשיות גענוג, און עס זענען געגאַנגען צווישן אידען לעגענדען וועגען איהם אָהן אַ שיעור. למשל, מע האָט דערצעהלט, אַז ער טראָגט ביי זיך אין האַלז אַזאַ מין איג־סטרומענט, אַ האַרמאָנקעלע אָדער אַ פּייפעלע, מיט וועלכען ער מאַכט אַזעלכע קונצען; און עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין, דען אַזוי צו זינגען איז גאָר ניט קיין מענשליכער כח. אַנדערע האָבען דערצעהלט, אַז ס'איז ניט קיין האַרמאָנקעלע, ניט קיין פּייפעלע, נאָר אַזאַ האַלז פון געבוירען־אָן, וואָרום בשעת ער איז נאָך געווען

אַ קינד בײַ דער מאַמע אויף די הענט, האָט ער זיך איינמאָל אַזוי צעזונגען, אַז מע האָט פֿאַר איהם מורא געהאַט און אָפּגעפיהרט איהם צום רבי'ן; דער רבי האָט איהם אַ קוק געטהאָן אין האַלז אַריין און האָט איהם געבענשט, ער זאָל אַזוי נושא חן זײַן בײַ דער וועלט, ווי ער האָט נושא חן געווען בײַ איהם אין די אויגען. אויך האָט מען דערצעהלט, אַז יאָסעלע עסט נישט קיין שום זאַך: קיין ברויט, קיין פֿלייש און קיין פּירות, אחוץ הייסע מילך מיט גאָגעלמאָגעלס — און פֿון דעם לעבט ער; ער טרינקט אויס אַ שאָק אייער יעדען טאָג און דערפֿאַר איז איהם דאָס קול אַזוי ריין און געלייטערט. „פֿרום איז ער, — אַזוי האָט מען געזאָגט אויף איהם — ווי די וועלט, און לערענט אויסגעצייכענט". חאָטש קיינער האָט איהם נישט פֿערהערט, נאָר מע האָט געקאָנט אַרויסזעהן נאָך זײַן פּנים, אַז ער בעדאַרף זײַן איין איידעל קינד; „שען איז ער — אַזוי האָט די וועלט געשמועסט — אַזוי, אַז ס'איז איהם נישט אין פּנים אַריינצוקוקען. פּריצים, שררות, גראַפֿען און קניאַזען פֿלעגען זיך שפּיעגלען אין זײַן ליכטיגער צורה".

די אַלע מעשיות האָבען, געוועהנליך, געגרייכט ביז מאַזעפּעווקע און זענען געווען פֿאַר שמואליקען, פֿאַר זלאַטען און פֿאַר אסתר'ן אַ גוטער באַלזאַם, אַ רפֿואה צו זייערע יסורים. וואָס זיי האָבען געהאַט פֿון איהם: עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז אויף סוכות זאָל ער קומען אהיים זיך אָפּרוהען אַ ביסעל און פֿאָהרען ווייטער; צום סוף איז אוועקגעגאַנגען אי סוכות, אי פּסח, אי שבועות — און יאָסעלע איז נישטאָ; עס איז אוועקגעגאַנגען נאָך אַ סוכות — און יאָסעלע איז נישטאָ; עס איז אוועקגעגאַנגען נאָך אַ סוכות — און יאָסעלע איז אַלץ נישטאָ! ער שרייבט: „אָט קום איך, אָט קום איך" — און קומט ניט. מע זאָל וויסען וואו איהם צו געפינען, וואָלט מען איהם געשריבען, זיך דורכגעפאָהרען צו איהם; אָבער אַז ער פֿליהט־אַרום איבער דער וועלט, היינט דאָ, מאָרגען דאָרט — געה זוך איהם. אַ שטיקעל גליק, וואָס ער שרייבט חאָטש בריוולעך. שפּעטער האָט זיך אָבער דאָס גליק

זיך אויסגעלאָזט; דאָס ערשטע האַלבע יאָהר האָבען זיי געהאַט ין איהם גוטע פרייליכע בריוולעך; תחילת גאַנץ אָפטליך, און נאָכדעם וואָס ווייטער שוין נישט אזוי אָפט, ווי פריהער. נאָר דאָך האָבען זיי געהאַט פון איהם גוטע ידיעות, אז ער פאָהרט ארום איבער דער וועלט, ער מאַכט אַ רעש, געפעלט דעם עולם, מאַכט געלד און פאָהרט ווייטער. שמואליק האָט עטליכע מאָל מקבל געווען פון יוסילען אַ פּאַקעט מיט גראָבע עטליכע קערבלעך, און מאַזעפּעווקע איז געגאַנגען מיט דעם האַראַראָם. „וואָס זאָגט איהר אויף אונזער שמואליק דעם חזן? זיין יוסילע שיקט איהם איבער אַהערצו געלט גוזמאות! ער וועט ווערען אַ נגיד אויף דער עלטער!“... שפּעטער, אויפ׳ן אַנדערען יאָהר, האָט יוסילע אויפ־געהערט ניט נאָר געלד צו שיקען, נאָר אפילו אזוי אַ בריוועל פלעגט ער צושיקען איין מאָל אין דריי חדשים, אי דאָס — עטליכע שורות: „ראשית קום איך דיר מעלדען, אז איך בין, ברוך השם, אין בעסטען געזונט, גיב גאָט דאָס נעמליכע פון אייך צו הערען אָמן סלה!“... און ווייטער כמעט גאָרניט. נאָר שפּעטער האָבען זיך די דאָזיגע בריוולעך אויך אויסגעלאָזט, און יוסילע איז פערפאַלען געוואָרען, פערפאַלען, ווי אין וואַסער אריין. ניטאָ יוסילע! שמואליק דער חזן נעבאַך איז אַראָפּגעפאַלען מיט אַ מאָל פונ׳ם הימעל אויף דער ערד. ער האָט געקלאָגט אויף זיין טייערען זוהן, זיין אויג אין קאָפּ, זיין שטיצע אויף די עלטערע יאָהרען — פערוויסט און פערפינסטערט איז ער געוואָרען! ער איז אַרומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ, גאָר נישט וויסענדיג וואָס מע טהוט אַצינד „און וואָס הויבט מען אָן צו טהון?“ גענוג וואָס דער אומגליק איז אזוי גרויס, איז דער בזיון נאָך גרעסער. שמואליק האָט זיך ניט איין מאָל אויסגערעדט זיין ביטער הארץ פאַר זיין גוטען פריינד, זלאַטע די צעלניקערין, זיך געהאַלטען מיט איהר איין עצה. „וואָס טהוט מען און וואָס הויבט מען אָן צו טהון?“ נאָר וואָס פאַר איין עצה האָט איהם געקאָנט געבען זלאַטע, אַ אידינע און איין אַלמנה דערצו? זי האָט, ווי גע־

וועהנליך, איגנאנצען ארויסגעווארפען די שולד אויף איהם, געזייפט איהם, ווי אלע מאל, זאגענדיג, אז ווען זי זאל זיין א טאטע, וואלט זי זיך אנדערש נוהג געווען מיט איהר קינד, און ווען זעלדע, עליה־השלום, זאל אצינד לעבען, וואלט אלסדינג געווען גאר אנדערש!... די אלע שמועסען צווישען שמואליקען מיט זלאטען זענען פארגעקומען פאר אסתר'ען, און עס האט זי נעבאך גוט געקרענקט, נישט קאנענדיג ארויסזאגען פאר קיינעם איהרע פערבארגענע יסורים מיט איהר הארצוועהטיג.

שווארצע וואלקענס האבען זיך אנגערוקט אויף אסתר'ס לויטערען הימעל, און די וועלט, וואס איז איהר אויף א מינוט געווען ליכטיג און ליעב, איז איהר ווידער געווארען פער'חושכ'ט און פערוויסט, נאך ערגער ווי פריהער. פריהער איז זיך אסתר געווען אין איהר ספערע, צווישען איהריגע, ווי דאס קליינע בעשעפענישעל אין דעם אייעלע, גאר נישט וויסענדיג וואס אויף יענער זייט טהוט זיך. אסתר וואלט זיך געוויס געקריגען איהר גלייכען, איהר אמת'ען זיווג, זי וואלט חתונה געהאט אין א מזל־דינער שעה; צי זי וואלט געלעבט גליקליך, צי אפשר ניט אזוי גליקליך, נאר קיין טענות וואלט זי נישט געהאט צו קיינעם, אזוי ווי אלע אנדערע מאזעפעווקער מיידלעך. אצינד אבער, אז איהר הארץ האט פערזוכט יענעם הייליגען געפיהל, אצינד, אז זי האט זיך אויף א מינוט געדעכענט אזוי גליקליך מיט איהר יוסילען, מיט איהר חתן, וואס קיינער האט ביי איהר נישט געוואוסט און אויף וועלכען זי האט ארויסגעקוקט אזא צייט, — אצינד בעדארף זי זיך אפגעזעגנען מיט דעם געדאנק און נאך בעגראבען זיך, בעהאלטען זיך, טראגען די צרות אינוועניג! אסתר האט ביי זיך לאנג נישט געקאנט פועל'ען, אז יוסילע זאל אזעלכעס טהון — אוועקווארפען, פערגעסען דעם זיי־געזונד, פערגעסען אויף אייביג! סטייטש, סטייטש! ער זאל אזעלכעס טהון? וואו זענען זיינע רעד? וואו איז זיין נעטריישאפט צום טאטען? וואו זענען אלע זיינע שבועות און צוזאגעכצען? „אז יוסילע קאן אזעלכעס

טהון, — אזוי האט אסתר געזאגט צו זיך אליין — איז שוין עק וועלט!" נאר דאס, וואס אסתר האט געליטען אצינד, איז נאך געווען גאלד אקעגען דעם, וואס ס'איז איהר פירגעשטאנען ווייטער אין איהר לעבען...

XVII.

יוסילע סאלאוויי איז מרעיש עולם און ווערד א חברה־מאן.

צווייערליי מינים נע־ונד איז פאראן אויף דער וועלט: איינעם טראגען די צרות זיינע, רייסען איהם אפ פון דער היים, פון זיינע ליעבע, פערוואגלען איהם, און איינעם איז דאס נע־ונד זיינס אנגענעהם, און מחמת גרוים פערגעניגען פערדרעהט עס און פער'שיכור'ט איהם דעם קאפ, און ער ווערד געפלעפט. אט אזא מין נע־ונד איז געווען אונזער יוסילע. ארומפאהרענדיג פון איין שטאדט אין דער אנדערער, האט ער אליין נישט געוואוסט, וואו ער איז אין דער וועלט. יוסילע האט נישט בעדארפט טראגען אויפ'ן קאפ קיין שום דאגות, וואוהין צו פאהרען און ווי אזוי צו פאהרען. דאס איז שוין געווען ניט זיין זאך; דערויף איז געווען א גדליה באס, וואס האט איהם שוין אליין פערזארגט מיט אלס־דינג, ווי איין איינענער טאטע. גדליה באס האט נאר געטראגען דעם נאמען „באס" פון אמאל; נאר זינט ער האט אנגעהויבען ארויספאהרען אויף דער וועלט מיט יוסילע סאלאוויי, האט ער דעם באס פערבויגען אין א זייט און האט זיך גענומען צו אנדערע מלאכות: פאהרען פון איין שטאדט אין דער אנדערער — „בעשטעלען שבתים". בשעת יוסילע סאלאוויי האט אין א

שטאָדט ערגיץ געדאַוועגט שבת, איז שוין גדליה באַס געווען אין דער אַנדערער שטאָדט, זיך געדונגען דאָרטען מיט די גבאים ביז'ן ביין אריין, בעשטעלט פאַר יוסילען אַ שבת, אָפּגענומען די עטליכע קערבלעך פריהער, און אַז יוסילע איז אָנגעקומען, איז גדליה אַוועקגעפאָהרען אין דער דריטער שטאָדט בעשטעלען אַ שבת, און אַזוי ווייטער און ווייטער. גדליה איז געווען געניטער אין דעם ענין. יוסילע האָט זיך, נישקשה, געמענט פערלאָזען אויף איהם מיט אַלסדינגג; ער האָט שוין אַליין געפיהרט דאָס גאַנצע רעדעל, געדונגען משוררים, געפיהרט די הוצאה, אַליין זיך גערעכענט אומעטום — אַלץ אַליין. יוסילע'ס עסק איז געווען נאָר קומען, אָפּדאַווגען אַ שבת און פאָהרען ווייטער. ביי גדליה'ן איז יוסילע געווען פערגעכענט, ווי איין אייגען קינד. ער האָט איהם אָפּ־געהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פונ'ם אויג. עס איז יוסילען געווען ביי איהם, אָהן עין־הרע, גאַנץ גוט, — אַזוי האָט יוסילע די ערשטע צייט אַליין געשריבען צו זיינע ליעבע און געטרייע. די גוטסקייט זיינע האָט אָבער יוסילע דעמאָלט אַליין נישט פער־שטאַנען. די חברה משוררים, בעדאַרף מען וויסען, זענען אַ גוטע חברה. צום מיינסטען איז דאָס לעבעדיגע, פרייליכע יונגען, נאָר־וואָס בעפרייטע פונ'ם ענגען פינסטערען חדר און פונ'ם ביטערען רבינ'ס קאַנטשיק אָדער פונ'ם בעל־הבית'ס רשות. אַרויס־פאָהרענדיג אויף דער גרויסער פרייער וועלט, זענען די דאָזיגע חברה־לייט, ווי די ווילדע לאָשעקלעך; זיי ווייסען נים, וואָס זיי זאָלען טהון פריהער. דאָס זענען צום מייגסטען אַזעלכע יונגלעך, וואָס זענען ביז אהער זשעדנע געווען אַ שטיקעל ברויט, געווען תלמוד־תורה'ניקעס, שניידער־יונגלעך אָדער משרתים'לעך. ווער זיי זאָלען נים זיין, נעהט מען זיך באַלד צונויף אַלע אינאייגעם, און עס ווערד ביי זיי יד־אחת, איין דעה, איין שיסעל, און אַ לעבען ווי אין גן־עדן. פון אידישקייט, געוועהנליך, ווערד מען פטור, מע טהוט וואָס דאָס האַרץ גלוסט. קומענדיג אין אַ שטאָדט, נעמט מען זיך באַלד צום עסען; דאָס עסען איז ביי זיי טייערער

פון אַלץ אויף דער וועלט: ווי הונגעריגע וועלף, ווי היישעריקען, בעפאַלט מען דעם בעל־הבית פון דער אכסניה און מע גיט איהם צו לייזען געלד. אין אַ פרייער צייט געהט מען אַרום איבער דער שטאָדט, מע רויכערט ציגאַרען, מע שטיפט און מע אַרבייט — הכלל, עס איז חי־געלעבט!

בשעת יוסילע איז געווען ביי מיצי'ן אין טעטרעוועץ, האָט ער נאָך פאָרט געהאַט אויף זיך איין עול און איז געווען פערנומען מיט'ן זינגען; דערצו האָבען איהם אונטערגעהאַלטען די בריוולעך פונ'ם טאַטען, וואָס פלעגט איהם אָפטליך דער־מאָנען, אַז מע בעדאַרף זיין אַ איד, נישט פערגעסען חס־ושלום לעגען תפילין אַלע טאָג, אָפּהיטען אַלע דינים, נישט אין זינען האָבען קיין נאַרישקייטען און געדענקען, אַז ער איז ניט גלייך צו אַלע אַנדערע משוררים, אַז ער איז אַ טאַטענ'ס אַ קינד... די דאָזיגע בריוולעך, וואָס יוסילע פלעגט מקבל זיין פון זיין טאַטען, זענען פאַר איהם געווען דער בעסטער מוסר, און ער האָט געפאָלגט דעם טאַטען, אָפּגעהיט אידישקייט, און מיט דער חברה זינגערס געהאַט ווינציג־וואָס מגע־ומשא, דען ער האָט דערויף קיין צייט נישט געהאַט: דעמאָלט, ווען ער איז געווען פריי פון זינגען, האָט ער אויף זיך געהאַט אַנדערע אַרבייט — וויעגען מיציכען דאָס קינד, טראָגען איהר דעם קאָשיק פונ'ם מאַרק, שייערען דאָס מעש, וכדומה; יוסילע האָט דאָס אָבער אַלסדינג אָנגענומען פאַר ליעב, אַבי זינגען ביי מיצי'ן. שפּעטער אָבער, אַז יוסילע דאָס זינגערל איז געוואָרען „יוסילע סאָלאָוויי", אַ מענש פאַר זיך, און איז אַריין צווישען איין אַנדער חברה, אַ קאָמפּאַניע פון לעבעדיגע פרייליכע יונגען, דורכגעטריבענע, פער־שלעפּטע קרענק, יונגען, וואָס זענען אויסגעווען אַ וועלט און ווייסען וואָס בעדייט לעבען, האָט זיך יוסילע'ס טבע איבער־געביטען. לכתחילה, אַז ער האָט געזעהען זייערע תנועות, האָט ער דאָס נישט געקאָנט סובל זיין, און האָט זיך די ערשטע צייט געקלאָגט פאַר גדליה באַס. גדליה האָט איהם אויסגעהערט און

געענטפערט מיט א שמייכעלע: „ביזט נאך גאר א קינד, יוסילע. מע באדארף קענען די חברה! זיי זענען פונ'ם לעבעדיגען לאנד"... שפעטער האט יוסילע בעמערקט, אז גדליה אליין היפערט אמאל אויך ביי'ם דאוונען, פערפעהלט א מנחה, און דעסגלייכען. „א מנחה איז ניט קיין ציעג, זי געהט נישט אין שאדען" — פלעגט גדליה זאגען מיט א ווערטעל, בעמערקענדיג, אז יוסילע חידוש'ט זיך דערויף. אויך דאס האט יוסילען שטארק געוואונדערט און א ביסעל פערדראסען אויך, וואס אזא פיינער מענש, אזא לייטישער איד, א איד מיט א טלית־קטן, ווי גדליה באס איז, זאל זיך פערגינען אוועקזעצען שפיעלען מיט דער חברה משוררים אין „אקע" אויף א גאנצער נאכט, אויסהערען זייערע ווערטלעך און צוזעהן אלע זייערע מיאוס'ע גענג. וואס ווייטער האט זיך אבער יוסילע איינגעוועהנט מיט דער חברה, געווארען מיט זיי חבר און נאכגעטהאן זיי אלע זייערע חפציות. ער האט אנגעהויבען, ווי זיי, גאנץ אפטליך פערבויגען דאס דאוונען און חאפען גלייך מיט זיי א קערטעל, שפיעלען אין אקע, נאשען קאנפעקטען און אמאל מאכען בקאמפאניע א כוסה אויך. דאס קאפאטקעלע האט ער אונטערגעשניטען, די פאות פערקירצט און פערשארט ארונטער די אויהערען, די האר געשמירט מיט פאמאדע, זיך שטענדיג געפוצט און איז געווארען צולעצט א גאנצער שטשאגאל. אויף געלד איז יוסילע סאלאוויי נישט געוועז אזא געטרייער בעל־הבית; ארום איהם האבען זיך פאזשיוועט אלע משוררים, נאר מעהר פון אלע האט אפגעלעקט א ביינדעל גדליה באס. געפיהרט האט זיך יוסילע, ווי א גרויסער, חאטש ער איז מעהר ניט אלט געוועזן ווי זיעבעצעהן יאהר. יוסילען איז זעהר געפעלען געוועזן, וואס קומענדיג אין א שטאדט אריין, איז מען איהם נאכגעלאפען, געטייט אויף איהם מיט די פינגער, זיך גע'חידוש'ט אויף זיין שענקייט, ארויסזאגענדיג דאס איהם אין די אויגען, און צום מיינסטען מיידלעך און ווייבלעך. יוסילע סאלאוויי האט געהאט א שם צווישען זיי פאר א „פארשוין", און

ער האָט זיך געמעגט בעריהמען נאָכדעם, אַז מע פלעגט איהם נאָכלויפען, קושען די טריט זיינע און װאַרפען זיך איהם אויפ'ן האַלז. אַ שען פּנימ'על איז אַמאָל אַ װילדער חסרון. עס קאָן זעהר זיין, אַז װען ניט דאָס, עס הייסט, װען יוסילע סאָלאָװיי זאָל ניט געװען זיין קיין שען יונגעל, װאָלט ער אפשר נישט אַזוי גיך קאַלי געװאָרען. זיין שען פּנימ'על, קאָן מען זאָגען, האָט איהם אַװעקגעקוילעט. אַ סך גלייכער און געזינדער װאָלט געװען פאַר איהם, פאַר זיין טאַטען און פאַר אַלעמען, ער זאָל ניט געװען זיין אַזאַ פּאַרשוין און מע זאָל ניט געװען טייטען אויף איהם מיט די פינגער און מע זאָל איהם נישט געװען פערדרעהען דעם קאָפּ מיט נאַרישע יונגעלשע זאַכען... צוליעב דעם האָט יוסילע פער־לאָרען זיין תמימות, זיין עהרליכקייט, זיין געטריישאַפט צו דער היים מיט אַלע זיינע פריהעריגע גוטע פּאַסטעמקעס, און ער האָט מיט דער צייט אָנגעװאָהרען דעם גאַנצען גלאַנץ, דעם בּרען, דעם כבוד, דעם חן בּיי גאָט און בּיי לייט.

אַ חזן איז ניט קיין אַקטיאָר. דער איד האָט אודאי ליעב, מע זאָל איהם זינגען, בעװייזען בּריה'שאַפט, מאַכען קונצען בּיי'ם עמוד וכדומה; דער חזן טאָר אָבער ניט פערגעסען דאָס אויך, אַז ער הייסט „שליח־צבור", דאָס הייסט, אַ געשיקטער פון קהל, אַ מליץ־יושר, אַ דעפּוטאַט, און דעריבּער פאָדערט פון איהם דער עולם, ער זאָל זיין אַ מענש פון גוטע מדות, אַ לייטישער איד, ניט קיין הפקר־יונג, װאָרום אַ בּית־המדרש איז ניט גלייך צו טהעאַטער. דעמאָלט, אַז יוסילע סאָלאָװיי האָט זיך געפיהרט אידישליך, עהרליך און פרום, װי עס געהער צו זיין, האָט זיין דאַװנען בּיי'ם עמוד געהאַט נאָר איין אַנדער מתיקות, און ער אַליין האָט געהאַט בּיי יעדען דעם זיעבּעטען חן. שפּעטער אָבער, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבּען פיהרען אַנדערש, האָט ער אָנגעהויבּען בּיסלעכװייז נמאס צו װערען דעם עולם, פּסול און מיאוס: „אַ שענער בּעל־תפלה, — האָט מען אויף איהם געזאָגט — אַז ער שפּיעלט גאָר אין קאָרטען, עסט קאַלבּאַסען און שפּאַצירט אַרום

מיט מיידלעך; אַ ליטווישער בעל־תפלה!"... אַזוי ווי ביי אַלע מענשען אויף דער וועלט, פיהרט זיך אויך ביי אידען: כל זמן מע האַלט פון איינעם, איז מען נישט קאַרג אויף קיין שבחים, מע פאַרגעטערט איהם און מע שרייט וועגען איהם אויף אַלע גאַסען; ווייבאַלד אַבער ער ווערד נמאס דעם עולם, אַזוי הויבט מען אָן צו זוכען אויף איהם חסרונות, מע לעגט אַרויף אויף איהם די באַד און מע ווערד פּלוצים געוואַהר וועגען איהם אַזעלכע זאַכען, וואָס די האָר שטעלען זיך קאַפּויר. דאָס אייגענע איז געווען מיט יוסילע סאָלאָוויי: אַז ער איז געווען גוט, איז ער געווען גוט אָהן אַ שיעור און אָהן איין ערך; קוים אַבער האָט מען איהם אַריינגענומען אין מויל אַריין, האָט מען באַלד אָנ־געהויבען דערצעהלען וועגען איהם זעהר מיאוס'ע מעשיות. דער האָט דערצעהלט, אַז ער האָט אַליין געזעהען מיט זיינע אויגען, ווי יוסילע סאָלאָוויי איז אַרומגעגאַנגען אויף דער סטאַנציע אָהן אַ היטעל, געזונגען סאָלדאַטסקע ליעדלעך, געפיהרט אַ „פּערליע־בעניש" ערגיץ דאָרטען... און דער אַנדערער האָט דערצעהלט, אַז מע זאָגט, אַז יוסילע האָט אום יום־כפור געגעסען אַ חזיר'על, פריש געפּרעגעלט אין פּוטער. אַ דריטער האָט דערצעהלט, אַז ער האָט געהערט, אַז מע האָט יוסילען אַראָפּגעפיהרט ערגיץ אין אַ שטאָדט פונ'ם עמוד עפּיס פאַר זעהר אַ מיאוס'ע מעשה... הכלל, יוסילע סאָלאָוויי האָט זיך צולעצט פערדיענט אַזאַ נאָמען, אַז ער וואָלט טאַקי געמוזט אַפּטרעטען פונ'ם עמוד און פערלאָזען דאָס חזנות, נישט קוקענדיג אויף גדליה באַס, וואָס האָט איהם געוואָלט איינ־רעדען, ער זאָל זיך נישט צוהערען צו די רעד, וואָס מע רעדט אויף איהם. „לאָזען אונזערע אידעלעך רעדען צעזעצטערהייד, אַבי געלט!" — האָט גדליה באַס געזאָגט.

דאָס נאָכגעבען, וואָס גדליה באַס האָט אַזוי נאָכגעגעבען יוסילען, איז געווען נישט אומזיסט. יוסילע סאָלאָוויי איז פאַר איהם געווען אַ גוטע אַרענדע, פון וואַנען ער האָט זיך געצויגען זיין „חיונה", געהאַט דורך איהם פּרנסה בכבוד. חוץ דעם האָט

גדליה געהאט א קוק זעהר א וויטען; דער קוק איז געווען — א שידוך. גדליה האט געהאט א טאכטער, אפילו ניט אזא פארשוין, נאר זעהר א קלוג מיידעל, איין אונטערדערוואכסענע, שוין רעכט אין די יאהרען, אריבער צוואנציג, דאס הייסט, כמעט דרייסיג יאהר אלט. „נישטא קיין גליק!" — האט זיך גדליה אפטליך געקלאגט פאר די משוררים און יוסילען אויך בתוכם. — „נישטא קיין מזל און גענוג! אזא געראטען מיידעל, ווי ביי מיר איז, און ס'איז שווער צו געפינען דאס גלייכען איהרם; ווארום אבי וועמען וויל זי נישט, און דאס וואס זי וויל, איז נישט צו געפינען, ווי געוועהנליך, היינטיגע מיידלעך"... אט אזוי פלעגט גדליה באס אפט אונטערשמועסען פערשטעלט, ווי זיין שטייגער איז געווען, תמיד רעדען האלבע ווערטער, אויפ'ן וואונק, יענער זאל זיך אנשטויסען. מע האט בעדארפט זיין שוין גאר א גראבער נאר, מע זאל זיך נישט אנשטויסען, וואס גדליה האט געמיינט, רעדענדיג פאר יוסילען מכח זיין טאכטער. ער האט דאס גאנץ גוט פערשטאנען און האט זיך געמאכט נישט וויסענדיג. יוסילע איז שוין געוועהנט געווארען צו אזעלכע זאכען. אין איטליכער שטאדט, וואוהין ער איז אנגעקומען און האט אפגעדאווענט א שבת, האבען נאכדעם די שדכנים איהם אפגעשלאגען די טירען; מע האט איהם גערעדט שידוכים איינעם גרעסער פונ'ם אנדערען, מיט צעהן טויזענד, פופצעהן טויזענד, צוואנציג טויזענד... עס האבען זיך געפונען צווישען נגידים א סך בעלנים, וואס האבען געוואלט שען בעצאהלען, אפי צו בעקומען יוסילע סאלאוויי פאר איין איידעם, ובפרט נאך אין יענער צייט, ווען יוסילע האט נאך ניט אנגעוואהרען דעם גלאנץ און האט זיך געפיהרט אידישליך. געוועהנליך, האט מען זיך געווענדט ניט צו איהם גלייך, נאר צו גדליה באס, ווי צו איין עלטערען מענשען. גדליה פון זיין זייט, רעדענדיג האלבע ווערטער, אויפ'ן וואונק, האט געזעהען מיט אלע מעגליכקייטען אפצושלאגען, צערייבען, אוועקמאכען מיט דער האנד, דען עס האט איהם זעהר נישט געפאסט אקעגען יענעם קוק,

וואס ער האט אליין געהאט אויף יוסילען. עס איז אבער געקומען די צייט, ווען גדליה האט ארויסגעזעהען, אז זיין קוק איז קיין קוק נישט, פוסטע חלומות, וואס מע דארף זיי ארויסשלאגען פון קאפ און פערגעסען, נישט לעבען מיט קיין נארישע מחשבות. יוסילע האט איהם בפירוש געזאגט, אז ער האט אפילו נישט אין זינען א חתן צו ווערען. ער וויל שוין פאהרען אהיים, זיין בעשערטע וועט ער זיך געפינען דארטען, צווישען זייניגע. גדליה האט ארויסגעזעהען, אז די שפיעל איז פאר'ן טייוועל... דערצו האט זיך אונטערגעווארפען א זייטיגער ענין, וואס האט גדליה'ן פרי־טשמעליט דעם קאפ, געפלעפט דעם מוח און פערבלענדעט די אויגען מיט היבשע עטליכע קערבלעך, אויף וועלכע גדליה איז תמיד געווען א גרויסער בעלן. ומעשה שהיה כך היה:

XVIII.

פערעלע די דאמע האלט ביי אוועקפאהרען פון דער שטאדט סטרישטש, נאר צוליעב יוסילען בלייבט זי איבער.

צווישען יאמפעלע און צווישען מאקארעווקע, פונקט אויף דעם מיט־וועג, געפינט זיך דאס געוויסע שטעדטעל סטרישטש, וואס איז בעקאנט אין דער וועלט מיט איהרע מיוחסים, אייניקלעך, מקובלים און גלאט אזוי שענע אידען, ארעמע לייט, וואס פאהרען ארום אויף דער וועלט, איטליכער מיט א יחוס־בריוועל, אז כפי ער איז דעם זיידענ'ס איין אייניקעל, קומט איהם דעריבער א שענע נדבה... פון וואס די אידען לעבען דארטען — איז שווער

זאָגען: אַז מע טהוט אַ חאַפּ אַ סטרישטשער בעל־הבית און מע פרעגט איהם, ווי אַזוי און פון וואַנען דער איד שלאָגט זיך דאָרטען דורך, ענטפערט ער: „אַט אַזוי, ווי איהר זעהט“... און מיינט, אַז דערמיט איז ער שוין יוצא לכל הדעות. זייער הויפּט־מסחר איז דאָרטען מעקלעריי; דער פרעמדער, אַז ער קומט אַהין צו פאָהרען, ווערד ער נבהל ונשתומם, זעהענדיג פאַר זיך אַזאַ מחנה פון מעקלערם: מעקלערם פון תבואָה, מעקלערם פון געלד פערלייהען, מעקלערם פון הייזער, מעקלערם פון דיענ־סטען, מעקלערם פון חזנים, — כמעט אַלע סטרישטשער בעלי־בתים זענען מעקלערס. עס געפינען זיך דאָרטען אַ גוזמא בטלנים און חברות אַלערליי: אַ „חברה משניות“, אַ „חברה תהלים“, אַ „חברה שומרים־לבוקר“, און נאָך און נאָך חברות אָהן אַ שיעור. אויך געפינען זיך דאָרט עטליכע בתי־מדרשים, אַ חוץ קלייזלעך און מנינים, אַ באָד איין אייגענע, און צוויי בית־עלמינ׳ס, איינער איין אַלטער און איינער אַ נייער, און ס׳איז אַ סברה, אַז מע שמועסט שוין מכח פערנעמען אָרט אויף אַ דריטען בית־עולם... נגידים איז פאַרהאַן דאָרט געצעהלטע; מע רופט זיי „די סטרישטשער אַקציזניקעס“. אַפּנים, עס איז זיי פערבליבען דער דאָזיגער נאָמען נאָך פונ׳ם אָטקופּ, פונ׳ם אַקציז. די דאָזיגע ברידער, די אַקציזניקעס, לאָזען זיך הערען אויף דער וועלט נישט אַזוי מיט זייער צדקה, ווי מיט זייער גרוים עשירות: „זיי זענען רייך ממון־קורח, — אַזוי זאָגט מען אין סטרישטש — מע לעבט ווי די שררות, נאָר יענעם גיט מען ניט אַ גראָשען אפילו. גאָט־ברוך־הוא טיילט איין איינעם גאָר און דעם אַנדערען גאָרנישט“... פון דעסטוועגען, אַז איינער פון די ברידער איז געשטאָרבען, זענען יענעם טאָג געווען צוגעמאַכט די קלייטען, און די גאַנצע שטאָדט האָט בעוויינט רב משה־וואָלף דעם אַקציזניק, ווי עס געהער צו זיין, אַז עס שטאַרבט דער נגיד פון שטאָדט. געשטאָרבען איז רב משה־וואָלף אָהן קינדער און האָט זיין גאַנץ פערמעגען איבערגעלאָזט זיינע יונגערע צוויי ברידער, מאיר־הערש

און פסח־ליב. און אויך א היבשע סומע געלד האט ער אפ־געשריבען זיין דריט ווייב, א יונגע אלמנה, וואס ער האט נאר־וואס געבראכט פון בארדיטשעוו, א פאר יאהר פאר'ן טויט. אחוץ דעם האט זיך אט די יונגע אלמנה נאך פאר'ן מאנ'ס לעבען אראפגעשארט היבשע עטליכע גראשענס — אזוי זאגט מען — און האט געזאלט ארויספיהרען פון סטרישטש, ווי מע האט געשמועסט, א צוויי הונדערט טויזענד קערבלעך, אוועקפאהרען צוריק קיין בארדיטשעוו און ערשט דארט קריגען איהר זיווג, דאס הייסט, א מאן א יונגען, נישט קיין זקן, ווי משה־וואלף איז געווען. האט זיך אבער פונקט אין יענער צייט אונטערגעחאפט יוסילע סאלאוויי, און משה־וואלפ'ס ווייבעל, די יונגע אלמנה, פערעלע די דאמע, איז געבליבען לעת־עתה א דארטיגע.

„פערעלע די דאמע" האט מען זי אין סטרישטש גערופען דער־פאר, ווייל זי איז געווען דארטען כמעט די איינציגע, וואס איז געגאנגען אנגעטהאן ווי א פריצה, ארויסגעפאהרען אין א קארעטע, געהאט ביי זיך אין שטוב א הונד און געשפיעלט „אויפ'ן פארטא־פיאן". נאך בשעת משה־וואלף איז געזעסען שבעה, האט מען שוין אין סטרישטש געשמועסט, אז אצינד וועט ער חתונה האבען פאר א יונגער, וואס זאל זיין פון היינטיגער וועלט. ווארום פאר וואס ניט? געלד האט ער — מעג ער זיך פערגינען אלסדינג... און דאס שטעדטעל האט טאקי געטראפען: משה־וואלף, איבער־ווארטענדיג שלשים, איז זיך אוועקגעפאהרען ערגיץ, פערשטעהט זיך, קיין בארדיטשעוו, און האט אין גיכען געבראכט צו פיהרען מיט זיך א „דאמע"... ווארום זינט סטרישטש איז א שטאדט, געדענקט מען נאך ניט, אז א אידינע זאל האדעווען א הונד און זאל שפיעלען אויפ'ן פארטעפיאן. געוועהנליך, האט מען, דאס ערשטע מאל דערהערענדיג זי שפיעלען, בעלענגערט די גאס, וואו משה־וואלף איז געזעסען: „א אידינע א כלי־זמר'טע נאר!" און עס האבען אנגעהויבען צו פליהען ווערטלעך אויף אלע זייטען וועגען דעם הונד מיט'ן פארטאפיאן. „די דאמע", אדער „פערעלע

די דאַמע" — אַזוי איז פֿערבליבען איהר נאָמען שוין אויף תמיד. אַ סך מענשען האָבען זיך געשאַרפֿט די צייהן, געניהט זיך אַ ביטעלע: „סטייטש, אַזאַ דאַמע! עס וועט איהר דען אָנשטעהן צו דינגען זיך? אַ נדבה — שמועסט מען ניט; די לייט האַלטען פֿון דעם!"... מע האָט אָבער גיך דערזעהען, אַז מע האָט זיך אָפּגענאַרט פֿון אויבען ביז אַראָפּ: פֿערעלע די דאַמע, וואָס איז אויסגעוואַכסען אין אַזאַ מסחר־שטאָדט, ווי באַרדיטשעוו, האָט זיך געקאָנט דינגען שענער פֿון אַלע סטרישטשער ווייבער די מאַכ־ליאַרקעס, און אַ נדבה געבען האָט זי נאָך ערגער פֿיינט געהאַט, ווי איהר מאַן. „אודאי באַדאַרף מען קאָנען צימבלען אויפֿ'ן טופּטשאַן, — האָבען איהר די סטרישטשער ווייבער געזאָגט מיט אַ שטאָך — אודאי באַדאַרף מען נאָך זיין אַ צעדאַמטע, אַז מע זאָל אַזוי קאָנען יענעם אויסקאָכען דאָס וואַסער"... אָדער: „פֿערעלע, זאָלט איהר געזונט זיין! שענקט אונז אַ ברויט; לאָז זיך אייך דאַכטען, עלעהיי איהר גיט דאָס אַוועק אייער הונט"...

נאָך בשעת יוסילע איז געווען אין מאַקאַרעווקע, האָט מען איהם איינגעלאַדען קיין סטרישטש אויף אַ שבת. יוסילע האָט זיך אפילו געקנייטשט, זעהר נישט געוואָלט פֿאָהרען אין אַזאַ העק, אַ שטעדטעל פֿון סאַמע קבצנים. אויסערדעם האָט ער גערעכענט פֿון מאַקאַרעווקע זיך אַריבערחאַפּען קיין קאַשפּערעוו און פֿון דאָרטען אַראָפּחאַפּען זיך אַהיים, קיין מאַזעפּעווקע. עס איז איהם שוין, קאָן מען זאָגען, נמאס געוואָרען דאָס אַרומפֿאָהרען, נע־ונד זיין, אָפּגעריסען פֿון דער היים; ער האָט זיך שוין אפילו געגרייט אָנשרייבען אַהיים עטליכע ווערטער (שוין אַזאַ צייט קיין בריוועל נישט געשיקט!) — איז אַריינגעקומען גדליה, ימח־שמו, מיט זיינע גוטע רעד און האָט איהם איבערגערעדט, אַז ס'איז פֿיעל גלייכער צו מאַכען דעם מאַרשרוט פֿריהער קיין סטרישטש אויף „שבת־חזון", פֿון דאָרטען קיין פֿליאַסקעדריגעווקע, און ערשט פֿון דאָרטען גלייך קיין מאַזעפּעווקע, אַזוי אַז מע קאָן אויסמיידען

קאַשפּערעוו. פּערבויגען דאָס אין אַ זייט. — „וואָרום ווערליג קאַשפּערעוו איז זעהר אַ ליטיש אָרט אויף חזנים, מעג דאָס פּריהער דריי מאָל פּאַר'שרפ'עט ווערען, צו־ן־אַלדי שווארצע יאָהר!" — אזוי האָט גדליה גע'עצה'ט און אזוי איז דאָס געבליבען, אָהן טענות.

אָנקומענדיג קיין סטרישטש אויף שבת, האָט יוסילע סאָלאָוויי מיט דער קאָמפּאַניע זיינער אַנידערגעלעגט אַ דאַוונען, אזוי אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל איז נעגאַנגען חאָדאָראָם, און מע האָט בעלעגערט די אכסניה, וואו יוסילע איז געשטאַנען, אָנצוקוקען חאָטש פון דערווייטענס דעם מאַזעפּעווקער סאָלאָוויי. צווישען די אַלע נייגיעריגע צו זעהען יוסילען איז געווען אויך רב משה־וואָלפ'ס יונגע אלמנה, פּערעלע די דאַמע, וואָס האָט איהם געהערט ראַוונען און איז געקומען פון שוהל אַהיים אַ צעקאָכטע, אַ צעשרויפטע, גאָר אַ געפּלעפּטע. „איך וואָלט איהם אַ בעלנ'טע געווען אָנקוקען אין פּנים", — האָט פּערעלע די דאַמע געזאָגט צו איהרע נאָהענטע לייט. זי האָט זיך שבת בייטאָג אָנגעטהאָן אין איהרע זיידענע מלבושים און בעהאַנגען זיך מיט איהר טייערער ציערונג, מיט די פּערעל, דימענטען און בריליאַנטען, און איז אַרויסגעגאַנגען מיט איהר פּאַקאָיאָווע שפּאַציערען איבער דער שטאָדט, און פּונקט פאַרביי דער אכסניה, וואו עס זענען געשטאַנען יוסילע מיט זיינע לייט. זומער־לעב, די פענסטער פון דער אכסניה זענען אָפען; אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענד, שטעהט יוסילע סאָלאָוויי ביי'ם אָפענעם פענסטער און בעטראַכט די שטאָדט סטרישטש מיט איהרע לייט. אויפ'ן קאָפּ טראָגט ער אַ יאַרמעל־קעלע, מיט גאָלד געשטעפּט און מיט אַ זילבערנעם קאָטעם; די לאַנגע, רוסיאַווע האָר פערשאַרט אַרונטער און צעוואָרפען איבער די אַכסלען; דאָס פּנים איז איהם לויטער־ווייס; די קאַרע אויגען, גרויסע, גלאַנצענדיגע, קוקען־אַרויס שמייכלענדיג פון די נעדיכטע ברעמען. אַרום איהם שטעהען די חברה משוררים און מע שפּעט און מע לאַכט אויס די שטאָדט סטרישטש מיט איהרע לייט.

— וואָס זאָגסט דו אויף דעם דאָזיגען „טרישטש“? — שמועסען די חברה־לייט צווישען זיך. — דאָס שטעדטעל איז פאַרבליבען פון'ם אלטען עפּוש.

— ווער איז אָט אַ יענעם ווייבעל, באַהאָנגען מיט בריליאַנטען פון קאָפּ ביז די פיס? — פרעגט יוסילע, בעטראַכטענדיג פּערעלע די דאַמע און בעגעגנענדיג זיך מיט איהרע שענע אויגען. פּערעלע איז נישט קיין מיאוס ווייבעל, אַ דיקע, נאָך גאָר אַ יונגע, ווייס, ווי אַ געראָטענע בולקע, מיט אַ ווייסען, פעטען גיידער, בעהאָנגען מיט גרויסע פּערעל, מיט אַ סך בריליאַנטענע פינגערלעך, מיט בראַסלעטען, קייטעלעך, פּליטערלעך אָהן אַ שיעור, אָנגעטהאָן זעהר רייך, איינגעטונקען אין זייד און אין סאַמעט נאָך דער לעצטער באַרדיטשעווער מאָדע, און טרעט־ארוים ווי אַ פּאַווע. דורכגעהענדיג עטליכע מאָל פאַרביי דער אכסניה, חאַפּט זי אַ קוק אויף יוסילען, און קומענדיג אהיים, דערפיהלט פּערעלע, ווי עס ציהט איהר דאָס הארץ און עס געהט איהר אוים דאָס חיות. נאָך בשעת משה־וואָלף האָט געלעבט, האָט זי ניט איין מאָל געקלערט ביי זיך אין הארצען, אז זי וועט בלייבען איין אלמנה, וועט זי נעמען אַ בחור אָדער אזוי אַ יונגען מאַן, וואָס זאָל זיין אַ שענער, אַ בלאָנדין... און איין אלמנה וועט זי דאָך מוזען אַמאָל בלייבען, דען משה־וואָלף איז געוועזען אלט און קראַנק. גענומען האָט ער זי, געוועהנליך, נאָר פאַר איהר שענקייט אליין. ער האָט זי גאָר גליקליך געמאַכט; אַ כתובה האָט ער איהר געשריבען אויף מאָה אלף קערבלעך, און צוגעזאָגט איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר זי בעפריעדיגען, נישט פערגעסען זי בשעת דער צוואָה... פּערעלע איז געוועזען נאָך זעהר אַ יונג מיידעל דעמאָלט. נאָר זי האָט ליעב געהאַט זיך שען אָנטהון, ווי אלע באַרדיטשעווער מיידלעך, געהאלטען פון דער מאָדע, תמיד ארוים־געקוקט אויף אַ רייכען חתן. געוועהנליך, איז איהר משה־וואָלף נישט געוועזען צום הארצען, נאָר די „מאָה־אלף“ מיט זיין קארעטע, מיט זיין שען מעבעל מיט אלעם מיט אנאַנדער האָבען איהר אזוי

פערדרעהט דעם קאפ, אז ס'איז ביי איהר גיך געווארען רעכט
אלסדינג. נאר איין זאך האט זי נישט געקאנט איבערטראגען —
דאס, וואס די שטאדט הייסט „סטרישטש": „נא דיר גאר
ס ט ר י ש ט ש ! א שענער נאמען ! פע, חלשות!"... אזוי האט
זיך פערעלע געקלערט. און עס האט זי גוט געקרענקט. משה־
וואלף האט איהר אבער א טובה געטהאן — ער האט תיכף נאך
דער חתונה אנגעהויבען צו קרענקען, און האט אזוי אוועקגעקרענקט
א פאר יאהר, ביז ער איז געשטארבען, און פערעלע די דאמע
איז אויפגעבונדען געווארען. פון דעסטוועגען האט זי זיך בע־
גאנגען, ווי איין עהרליך ווייבעל, א אידישע טאכטער, דהיינו:
זי איז אפגעזעסען שבעה, איבערגעווארט שלשים, ווי עס געהער־
צו זיין, און ערשט נאכדעם זיך גענומען מיט איהר שטובמיידעל,
לאה'צי די פאקאיאווע, זיך צונויפלעגען די מלבושים, זיך קלויבען
אין וועג אריין. געוועהנליך, האבען זיך צו איהר געלאזט שדכנים
פון דער וועלט, אנשלאגענדיג איהר גרויסע שידוכים; פערעלע
די דאמע האט אבער נישט געוואלט הערען און זעהען — זי וויל
ניט קענען דאס וויסטע סטרישטש, זי וואלט שוין געהרען גיכער
פון דאנען פטור ווערען. זי האט שוין אפילו אוועקגעשריבען אהיים
צו איהר טאטע־מאמע, אז נאך שבת, אם־ירצה־השם, פאהרט זי
אהיים קיין בארדיטשעוו. צום סוף האט זיך אויסגעלאזט, אז זי
איז פארט געבליבען אין סטרישטש. און איבער וועמען? איבער
יוסילע סאלאוויי!

— וואס זאגסט דו אויף דעם יוסילען? — מאכט פערעלע די
דאמע צו לאה'צי דער פאקאיאווע, שפאציערענדיג פארביי דער
אכסניה מיט איהר און ווארפענדיג אהינצו א קוק.

— וואס זאל איך זאגען? — ענטפערט לאה'צי די פאקא־
יאווע. — ער איז אוודאי שען, אזוי ווי דער מארגענשטערן איז
שען, פונקט אזוי ווי יענער ס א ל א מ א ן, וואס שטעהט בא־
שריבען אינ'ם ראמאנס: הויך געוואכסען, שען געבויט און מיט
בלאנדע האר...

לאה׳צי די פּאָקאָיאָווע האָט ליעב געהאַט צו לייענען ביכלעך, פון יענע מעשה־ביכלעך, וואָס אויפ׳ן ערשטען בלעטעל שטעהט אָנגעצייכענט: „אַ העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן, נאָכדרוק פערבאָטען". די דאָזיגע מעשיות פלעגט לאה׳צי די פּאָקאָיאָווע לייענען הויך אויף אַ קול פאַר פערעלע דער דאַמע, בשעת משה־וואָלף איז געלעגען אויפ׳ן קראַנקען־בעט. פערעלע פלעגט זי כלומרשט אויסלאַכען מיט איהרע מעשה׳לעך און טאַקי בשעת מעשה האָבען פון זיי הנאה... געבראַכט האָט פערעלע די דאָזיגע פּאָקאָיאָווע מיט זיך פון באַרדיטשעוו; איהר אַרבייט איז געווען נאָר אָנטהון די מאַדאַם, געהן מיט איהר שפּאַציערען, זיין שטענדיג נעבען דער מאַדאַם; זי איז געווען ביי איהר דער גאַנצער בעל־סוד און האָט גלייך מיט דער מאַדאַם אַרויסגעקוקט ביי זיך אין האַרצען, אַז דער בעל־הבית זאָל זיך שוין גיכער אָפּטראָגען, חאָטש אַרויכרעדען דאָס אָפּענטליך האָבען זיי זיך ביידע געשעמט. מע האָט זיך גוט פערשטאַנען איינס דאָס אַנדערע אָהן ווערטער און מע האָט גוט געוואָלט דערלעבען שוין פאָהרען אַהיים... לאה׳צי, חאָטש זי איז געווען אַ מיאוס׳ע מויד און אַ געשטופּעלטע, פון דעסטוועגען האָט זי זיך געהאַט איהר חתן אין באַרדיטשעוו. געהייסען האָט ער לוי־מאָטעל און איז געווען „ביי אַ טיטין־געשעפט", דאָס הייסט, ער איז געווען אַ פּאַפּיראָסניק. ביי אַנדערע האָט לוי־מאָטעל געמעגט הייסען וואָס ער וויל זיך, ער האָט זיך געמעגט זיין איין אַלטער פרישטשעוואַטער בחור מיט געלע האָר, — נאָר ביי איהר אין די אויגען האָט ער אויסגעזעהן, ווי „איין ענגעל, הויך געוואַכסען, שעהן געבויט", און דערפאַר האָט זי זיך מיט איהם „געליעבט", פונקט אזוי ווי עס שטעהט בע־שריבען אין יענע „ראָמאַנסען", וואָס זי לייענט. לאה׳צי האָט ליעב געהאַט איהר חתן, זי איז איהם געווען אמת געטריי, לעצט איבערגעגעבען. וואו זי האָט נאָר ערגיץ געהאַט אַ קערבעל, האָט זי דאָס איבערגעשיקט צו לוי־מאָטלען; דאָס גאַנצע דאָברע־מזל איז ביי איהר אריין צו איהם; זי האָט זיך נישט פערגונען מאַכען

קיין איבעריג קלייד, קיין בורנוסעל, קיין שטיוועלע: „מע באדארף דאס אוועקשיקען לוי־מאטלען, ער קעהר אודאי באדארפען האבען געלט!“ דערפאר האט איהר לוי־מאטעל געשיקט גוטע בריוולעך אלע וואך, און איין בריוועל מיט'ן אנדערען זענען געווען ווי א צווילינג, גלייך ווי איין מאמע האט זיי געהאט.

„און איך גרים דיר“ — פלעגט איהר לוי־מאטעל שרייבען אלע וואך — „און איך דאנק דיר מיין ליבע כלה פאר דער מתנה און איך האב זיך געמאכט נייע שטיוויל מיט גאליאשען און איך בעט דיך שרייב מיר וואס מאכסטו אין דיין געזונט און צי דיין בעל־הבית לעבט נאך און איך בין דאנקען גאט געזונט און קיין ארבייט מאכט זיך נים גילזים קאסט היינט וואלוועל און קיין געלט פארדינט זיך נים און שיק מיר מיין ליבע כלה אויף א נייעם גארניטער און יענער גארניטער איז שוין אלט געווארען און שרייב מיר וואס מאכסטו אין דיין געזונט און צי דיין בעל־הבית לעבט נאך...“ די דאזיגע בריוולעך זענען געווען ביי לאה'צין טייערער ווי דאס שווארצאפעל פונ'ם אויג. זי האט געלעבט מיט דעם חיות, אז לוי־מאטעל טהוט זיך אן וואוילטאג פאר איהר געלד און געהט אין איהר „גארניטער“ מיט איהרע „שטיוועל מיט גאליאשען“.

— נאר, נאר! — פלעגט איהר פערעלע די דאמע זאגען. — נארישע מויד! ער וועט דיר מסתמא שטעלען א גילדענע מצבה, דער חתן דיינער! ווי מיינסט דו?

לאה'צי די פאקאיאווע האט דערויף נישט געהאט וואס צו ענטפערען; זי האט זיך געוואוסט איהרס: זי האט געצעהלט די מינוט, די רגע, זי זאל שוין דערלעבען קומען אהיים קיין בארדי־טשעוו און שטעלען חופה מיט לוי־מאטלען. „ווייס איך וואס זי זאגט דארטען, די מאדאם. וואס איהר קומט אוים! איך זאל איהר קאנען ארויסנעמען מיין הארץ און בעווייזען, וואלט זי געוואוסט, ווי אזוי צו חוזק מאכען פון אזעלכע זאכען“...

עס איז אָבער געקומען די צייט, ווען פערעלע די דאַמע האָט אַנדערש גערעדט; עס איז געקומען די צייט, ווען זי איז געוואָהר געוואָרען, אַז „ליעבע איז ניט קיין מעלקשעפּעל", ווי לאה׳צי זאָגט, אַז מע מאַכט דאָס אוועק מיט דער האַנד, ווי זי האָט געמיינט פריהער. קומענדיג אַהיים פונ׳ם שפּאַציערען-געהן, האָט זיך פערעלע אַ וואָרף געטהאָן אין אַ פאָטעל אריין, האָט צוגערופען לאה׳צי די פּאָקאָיאָווע און האָט איהר געהייסען צולעגען איהר האַנד צום קאָפּ.

— דער קאָפּ טהוט איך, אַפּנים, וועה, מאַדאַם? אַ מכה איז מיר אַ גרויסע! — האָט לאה׳צי אַ זאָג געטהאָן.

— דער קאָפּ, זאָגסט דו? דאָס האַרץ, נאַרעלע, דאָס האַרץ טהוט מיר וועה. איך בין אויס מענטש, עס ברענט מיך, עס ציהט מיך, איך געה אויס, זאָגט זי גאָר דאָס!

— וואָס-זשע איז אייך, מאַדאַם? דערצעהלט מיר אויך, לאָמיך אויך וויסען.

— אוי וועה, לאה׳צי, וואָס קאָן איך דיר זאָגען? ס׳איז מיר שלעכט, ס׳איז איין עק פון מיין לעבען! אָט דאָ ברענט מיר אַ פייער, אָט-דאָ-אָ, אין האַרצען ביי מיר! פון דער ערשטער שעה אָן, וואָס איך האָב איהם דערהערט זינגען, און זינט איך האָב איהם דערזעהען, איז איין עק פון מיין לעבען!

פערעלע די דאַמע האָט זיך אַזש צעוויינט פאַר גרויס האַרצ-וועהטיג. לאה׳צי איז געבליבען שטעהן פערטיעפט אין איהרע מחשבות, צוקלערענדיג אַ פּלאַן, וואָס טהוט מען דאָ? לאַנג טראַכטען האָט זי נישט באַדאַרפט, און קיין חכמות האָט זי נישט געוואוסט, האָט זי זיך מיישב געווען און האָט אַזוי געזאָגט:

— ווייסט איהר וואָס, מאַדאַם? ווּעמען הערט איהר? איהר זענט היינט, דאַנקען גאָט, איין אויפגעבונדענע, און דערצו אַ גביר׳טע, אָהן עין-הרע, חוץ אייער שאָדען אויף מיר געזאָגט געוואָרען. אָט פאָלגט מיך, נעמט האָט פאַר איהם חתונה.

פערעלע די דאַמע איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פון׳ם פּאַטעל פאַר גרויס התפעלות און האָט זיך צעלאַכט מיט טרערן אויף די אויגען.

— נאַרישע מויד! וואָס הייסט „נעמט איהם״? מע דאַרף דאָך איהם אויך פרעגען, צי ניין?!

— נו, וואָס זשע האָט איהר מורא? ער וועט ניט וועלען אפשר? וואָס איז? איהר זענט אפשר אַ מיאוס ווייבעל? צי איהר זענט חלילה געמיין? אי וואָס, איהר זענט איין אַלמנה? אַ שענע כפרה! אַ סך ווייבלעך וואָלטען זיך געוואונשען זיין אויף אייער אָרט, כלעבען! אָדער ס׳איז אפשר איין עולה, וואָס איהר נעמט אַ בחור? דאָס וועט, דאַכט זיך, אַ משוגע׳נער אויך ניט זאָגען! וואָס איז? די שענע וועלט, וואָס איהר האָט געהאַט פאַר אייער מאַן? אָפּגעוואַלגערט זיך דריטהאַלבען יאָהר אין דעם וויסטען סטרישטש, טאָמער ווייסט איהר וואָס? די גרויסע גליקען, וואָס מע האָט געהאַט? דאַכט זיך, אָפּזיין מיט אַ קראַנקען מאַן אין איין שטוב איז אויך עפּיס ווערטה... קיינער ווייסט ניט וועמען דער שוך קוועטשט, און גיה דערצעהל איטליכען אַ מעשה!...

— אַך, לאַה׳צי! נשמה מיינע! האַרץ מיינס! — האָט פערעלע די דאַמע געזאָגט און האָט זיך אַריינגעוואָרפען צו לאַה׳צין אין די הענד אַריין.

אין אַ גרויס וואַסער געפינען זיך אַלערליי פיש; אין אַזאַ גרויסער שטאָדט, ווי באַרדיטשעוו, איז פאַראַן אַלערליי מענשען. דאָס אָרט, פון וואַנען פערעלע די דאַמע האָט געשטאַמט, איז געוועזען ניט אַזאַ געהויבען אָרט: איהר פאַטער, מאיר זייטשיק, איז געוועזען דאָס, וואָס מע רופט ביי אונז אַ „קונה־הכל״. אויף אַלץ אין דער וועלט איז ער אייך געוועזען אַ קונה, און קיין

בעזונדער געשעפט האָט ער נישט געהאַט קיינמאָל. האָט זיך געמאַכט, ערגיץ פערקויפט זיך איין אַלטער זאַוואָד, אַ פאַבריק, אַ שטוב „אויף-סנאָס", אַ פאַסעסיע, אַ שלאַק, אַ צרה — איז אַהין מאיר זייטשיק אַ קונה; איין אַלטע קאַרעטע האָט עמיצער אַרויסגעפיהרט, אַלט מעבעל וכדומה — איז מאיר זייטשיק געווען דער ערשטער בעלן דערויף, אַבי אַ קערבעל צו פערדיענען. ביי מאיר זייטשיק האָט איהר געקאָנט געפינען אַלסדינג, וואָס אייער הארץ געלוסט; ווילט איהר אייזען — איז אייזען; מעש — איז מעש; פעדערען — איז פעדערען. אַז מע שמועסט אַלץ — איז אַלץ! קיין קאַפּיטאַלען איינגענע האָט ער נישט געהאַט קיינמאָל, זיך געדרעהט שטענדיג מיט פרעמדס; אַמאָל געווען פון אויבען און אַמאָל דערונטער, ווי, געוועהנליך, אַ סוחר. נאָר געפיהרט האָט ער זיך מעשה-מענש, אויפ'ן בעל-הבתישען אופן: געבאַרגט, געהאַפּט, געגעבען, גענומען און — געלעבט. די קינדער האָט ער געפיהרט אויפ'ן אידישען אופן און האָט אפילו נישט אין זינען געהאַט זיי צו בילדען, לערנען שפּיעלען פּיאַנע און נאָך אַזעלכע לערנעכצען, ווי דער שטייגער איז היינט ביי אידען. „צו מיינע טעכטער — האָט מאיר געזאָגט — באַדאַרף איך נאָר האָבען נדן, צו וואָס טויגען די חכמות?" עס האָט זיך אָבער געמאַכט „על-פּי סלוטשאי", עס איז אַרויסגעפאַהרען אַ פּריץ, און מאיר זייטשיק האָט אָפּגעהאַנדעלט ביי איהם איין אַלטען פּאָר-טאָפּיאַן, וואָלוועל, אַ מציאה גדולה. עס האָט זיך אָבער אויף איהם אַזוי גיך קיין קונה נישט געפונען, און דער פּאָרטאָפּיאַן איז אויף אַ היבשע צייט פערבליבען שטעהן, איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך, ביז מאיר'ען איז איינמאָל איינגעפאַלען אין קאָפּ אַזאַ מין געדאַנק: „אַ פּאָרטאָפּיאַן שטעהט; פּערעלע וואַכסט-אונטער; שען איז זי אַזוי ווי גאָלד; — פּאַר וואָס זאָל זי זיך נים צו-לערנען ברומקען? אַ קשיא היינטיגע צייטען — אפשר דורך דעם קאָן זי קומען צו אַ פיינערען שידוך? ווי זאָגסט דו, מלכה? האַ?" מאיר'ס ווייב מלכה האָט אויך מסכים געווען דערצו, און

ס'איז געבליבען נאָר איין זאַך: וואו קריגט מען דערצו אַ לעהרער, וואָס זאָל קאָסטען אין גלייכען געלד?

ביסלעכוויי, ביסלעכוויז האָט פּערעלע אָנגעהויבען צו לערנען זיך שפּיעלען און האָט דוקא אַרויסבעוויזען גרויס בריה'שאַפט צום פּאָרטאָפּיאַן, כאָטש צו אַנדערע זאַכען האָט זי געהאַט אפילו זעהר אַ פּלאַטשיג קעפּעל. איהר שפּיעלען פּיאַנע האָט אָנגעמאַכט ביי מאיר'ען אין שטוב אַ גאַנץ איבערקעהרעניש: „דאָרט שפּיעלט מען פּיאַנע!“ — האָבען שכנים געזאָגט. צוליעב דעם האָט שוין פּערעלע פּערנומען אין שטוב גאָר איין אַנדער אָרט. אין דער צייט, ווען איהרע קלענערע שוועסטער זענען געווען פּערנומען מיט שטוב־אַרבייט, פלעגט פּערעלע זיצען צונויפגעלעגט די הענד, אָדער אָנטהון זיך שבת'דיג און אַרויסגעהן שפּאַציערען „אין מיטען מיטוואָך שבת־צו־נאַכטס“. אַלע האָבען איהר בע־דאַרפט אונטערטראָגען דאָס גרייטע, האָבען פאַר איהר דרך־ארץ: „זי שפּיעלט פּיאַנע — אַ קלייניגקייט?“ אפילו מאיר מיט מלכה'ן האָבען אויף איהר געלעגט כבוד, און פּערעלע האָט אויף זיי געקוקט מיט גרויס גדלות, גערעכענט זיך העכער פון זיי אַלעמען. פאַר פרעמדע האָבען זיך די „זייטשיקעס“ (אַזוי האָט מען גערופען מאיר'ען מיט מלכה'ן אין שטאָדט) שטענדיג בערימט נאָר מיט זייער פּערעלע'ס שפּיעלען.

— שפּיעל אונז אַ ביסעל, פּערעלע, אויפ'ן פּאָרטאָפּיאַן! — פלעגען זיי זי בעטען, בשעת עס איז געזעסען אַ פרעמדער מענש, און בעת מעשה אָנקוועלען, ווערען ברייטער ווי לענגער: „פּערעלע שפּיעלט פּיאַנע!“

שפּעטער אָבער, אַז פּערעלע איז געוואָרען אַ ביסעל עלטער, איז זיי איהר שפּיעלען פּיאַנע אויסגעפאַלען בּאָקאָם: זי איז דאָך נישט גלייך צו קיין אַבי וואָסער אַ מיידעל; זי מוז דאָך שוין אַרויסגעהן פיין אָנגעטהאָן, זי מוז האָבען אַ שען היטעלע, אַ זאָנטיקעל, הענטשקעלעך און די אַלע איבעריגע שאַלעמויזען.

וואָס אַ „מאַמזעל“ בעדאַרף האָבען. נו, אין טהעאַטער אַריין מוז זי דאָך געהן; ווי געשיקט זיך דאָס, אַז אַ מיידעל, וואָס שפּיעלט פּיאַנע, זאָל ניט געהן אין טהעאַטער אַריין? נאָר דאָס איז נאָך געוועזן גאָרניט אַקעגען דעם, וואָס איהרע עלטערען האָבען זיך אָנגעליטען, בשעת עס איז געקומען די צייט איהר אַ שידוך רעדען. דעמאָלט ערשט זענען זיי געוואָהר געוואָרען, ווי טייער לעבערלעך. דעם חתן, וואָס זיי האָבען איהר געקאָנט געבען, — האָט אויף איהם פּערעלע געשפּיגען קלעק, און דעם חתן, וואָס איהר האָט זיך געוואָלט, — האָבען זיי איהם, אוי־וועה, נישט געקאָנט גרייכען; וואָרום די חתנים, וואָס פּערעלע האָט געוואָלט, האָבען געשמועסט מכח געלד... אָט דעמאָלט ערשט האָבען מאיר מיט מלכה'ן געוואוסט, וואָס פאר אַ גאָט מיר האָבען! די טאָכטער האָט זיך מיט זיי געגרעבענט זעהר מיאוס, עפּיס נישט ווי אַ מאַמזעל, וואָס שפּיעלט פּיאַנע, נאָר ווי אַ פּשוט באַרדיטשעווער מיידעל, וואָס קאָן עפּענען אַ מויל אַקעגען דעם טאַטען מיט דער מאַמע. גאָט ווייסט, וואָס זיי וואָלטען געטהאָן מיט איהר, ווען עס זאָל זיך ניט געוועזן אונטערחאַפּען דער שידוך פון סטרישטש. אַזאַ גליקליכער, גילדענער שידוך! מאיר האָט אויפגעהויבען ביידע הענד צו גאָט און האָט געזאָגט „ברוך שפּטרני“, פערזאָגענדיג שוין אויף קינדס־קינדער מעהר קיין פאָרטאָפּיאַן אין שטוב ניט האַלטען.

אַרויסבעגלייטענדיג די טאָכטער קיין סטרישטש אין אַזאַ גוטען אופן, האָבען זיך איהרע עלטערען פון איהר נישט פּאָזשיוועט אפילו אויף אַ גראָשען; און אויך פון דאָרטען, שרייבענדיג זיי גוטע פּריוויליבע בריוולעך, האָט זיי פּערעלע נישט אונטערגעהאַלטען אפילו מיט אַזוי פיעל, וויפיעל אַ טרונק־וואַסער איז ווערטה. זי האָט זיך אַקעגען איהרע אייגענע זעהר נישט פיין אויסגעשטעלט. אָט אַזאַ מין סאָרט „מאַדאַם“ איז געוועזן פּערעלע די דאַמע.

XIX.

א נייער פארשוין בעוויזט זיך — בערעל־אייזיק הייסט ער — און יוסילע פאהרט אין א קארעטע.

דער נגיד האט גליק צו אלסדינג; לא־די וואס ער איז רייך און קאן זיך אנטהון „כל הפערגעניגען“ אין דער וועלט, איז ער תמיד צווישען א מחנה משרתים, וואס זענען גרייט איהם צו בעדיענען אומזיסט, מיינענדיג, טאמער וועט זיי עפּיס ארויס־קומען א טובה דורך דעם. די נגידים, זעהענדיג פאר זיך אזוי פיעל משרתים, מיינען, אז עס קומט זיי, מע זאל זיי בעדיענען איטליכער בעזונדער, מסתמא זענען זיי דאס ווערטה, און דער־פאר קוקען זיי אויף דעם גאנצען עולם א ביסעל פון דער הויך, אזוי ווי עס בעדארף צו קוקען א פריץ אויף זיינע קנעכט. אט אזעלכע מיני פריצים זענען ביי זיך געווען די סטרישטשער נגידים, די אקציזניקעס, ווי מע האט זיי דאדט אנגערופען. יעדערער פון די דריי ברידער האט געהאט ארום זיך זיין מנין אידען, זיינע חסידים, דאס הייסט, זיינע אומזיסטיגע משרתים. איטליכער משרת האט זיך געפלייסט זיין וואס נעהענטער צו זיין נגיד. און אז דער נגיד האט עמיצען בעוויזען א ביסעל מעהר התקרבות, פלעגט זיך יענער שמעלצען, איינבויגען זיך אין דרייען און קריכען אין דער ערד אריין. איינער פון די גע־טרייעסטע און נעהענטעסטע אומזיסטיגע משרתים ביי משה־וואלף, זאל האבען א ליכטיגען גן־עדן, איז געווען בערעל־אייזיק. ווער איז געווען דער דאזיגער בערעל־אייזיק און וואס איז ער געווען — איז שווערליך צו זאגען אקוראט, מחמת קיין טהועכטס עפּיס האט

ער נישט געהאַט גאָרניט; ער האָט זיך געדרעהט אַרום משה־וואָלפען, זיך געריבען דאָרט און געהאַט זיך ווי עס איז זיין אויסקומעניש. ער האָט זיך גערעכענט אפילו מיט משה־וואָלפען שטיקלעך קרובים דאָרטען, געשוועסטערקינדער; נאָר ער האָט אַרויסגעזעהען, אַז משה־וואָלף וויל דאָס נישט לײַדען, האָט ער די קרובה׳שאַפט פערבויגען אין אַ זייט — אַ דאַגה אַ ביסעל, איז ניט קיין קרוב, אַבי אַ נגיד... אַ טבע האָט בערעל־אייזיק געהאַט געהן פּאַוואָלי, קוקען אין אַ זייט, רעדען שטיל, בנעימות׳דיג, געצעהלטע ווערטער, נישט דעקוטשען יענעם, ווי אַנדערע האָבען ליעב, און תמיד אויסוואַכסען נאָר דעמאָלט, ווען מע האָט איהם בעדאַרפט. דערפאַר האָט ער זיך טאַקי ביי משה־וואָלפען איינגעקויפט מעהר פון אַלע אין שטוב אַריין. אַז עס פלעגט זיך מאַכען, ווען מע האָט איהם געגעבען אַ פּסק, אויסגעזידעלט, פלעגט דאָס בערעל־אייזיק צונעמען, אַריינלעגען אין קעשענע אַריין — און שאַ. „אַלע נגידים זיינען אַזוי“, — פלעגט נאָכדעם בערעל־אייזיק זאָגען. — „עס קומט די צייט, ווען זיי באַדאַרפען שרייען, מוז מען זיי לאָזען זיך אויסשרייען“...

אין דער גאַנצער צייט, ווען משה־וואָלף איז געלעגען קראַנק, איז בערעל־אייזיק נישט אַרויסגעקראָכען פון׳ם הויף; ווי אַ געטרייער הונד, האָט ער געהיט די שטוב, אַכטונג געגעבען, נאָכגעשמעקט און נאָכגעקוקט איטליכס ברעקעלע שטילערהייד, געהענדיג פּאַמעליך און אויסקוקענדיג איטליכס ווינקעלע. ער האָט געהאַט אַ שטיקעל אָנזאָג פון משה־וואָלפ׳ס צוויי ברידער, אַז באַם, חלילה, משה־וואָלף וועט האַלטען שלעכט, זאָל ער תיכף ומיד זיי געבען אַ ידיעה, מחמת אַלט און קראַנק איז ער דאָך, און קיין קינדער האָט ער ניט, און פערלאָזען זיך אויף איהר, אויף דער בהור׳טע, איז ניט קיין פּלאַן... בערעל־אייזיק פערשטעהט איין עסק, קיין פינגער אין מויל בעדאַרף מען איהם נישט לעגען. ער האָט זיך זיינס, וואו ער האָט געקאָנט, אָפּגעטהאָן, אַזוי אַז בשעת משה־וואָלף האָט נאָך געהאַלטען ביי דער גסיסה,

זענען שוין ביידע ברידער געווען אין שטוב. נו, געוועהנליך, האט בערעל־אייזיק דערצו נישט דערלעגט גארנישט. פון דעסטוועגן, אז משה־וואלף איז געשטארבען, איז זיך בערעל־אייזיק געבליבען ביי זיינעם: אז דער נגיד איז ניטא, איז די נגידית א נגיד — וואס פערשטעהט מען דא ניט? די גאנצע צייט פון שבעה און פון שלשים האט זיך בערעל־אייזיק שטענדיג געפונען אין הויף, נישט ארויסגעטראטען פון דארטען אויף קיין מינוט, טאמער וועט מען איהם בעדארפען. פערעלע די דאמע האט איהם אבער בעדארפט אויף כפרות: יעדער סטרישטשער איד איז ביי איהר געווען טריף, נמאס ומאוס. אויך לאה'צי די פאקאיאווע האט איהם פיינט געהאט שנאת־מות. „אט דער יונגערמאן — פלעגט זי זאגען — מיט זיינע שטילע רעדעלעך און מיט זיין קוקען אין א זייט זיצט מיר אין הארצען, איך קאן איהם ניט אנקוקען!“ בערעל־אייזיק האט דאס גאנץ גוט געוואוסט, און ער האט זיך געפלייסט, ווי ווייט מעגליך, איהר צו געפעלען, טרעפען איהר משוגעת: „ניט היינט איז מארגען, — האט ער זיך געטרייסט — עס וועט קומען א צייט, — פריידע קאזא דא וואזא, — ווי זאגט זיך דאס“... און עס איז געקומען די צייט.

יענעם שבת פארנאכט, ווען פערעלע די דאמע האט אנטפלעקט איהר הארץ פאר איהר פאקאיאווע, האט זיך לאה'צי גראד בעדארפט בעגעגענען מיט בערעל־אייזיקען, ווי ער געהט זיך אזוי ארום איבער'ן הויף שבת'דיג, מיט דער פאטשיילע אויפ'ן האלז, אונטערזינגענדיג שטיל א ליעדעלע, ווי דער שטייגער איז, אז עס קומט שבת פארנאכט.

— ווען רעכענט איהר, הייסט דאס, פאהרען? — מאכט בערעל־אייזיק צו לאה'צין, פער'גנב'ענדיג זיך צו איהר מיט א זייטיגען קוק.

— פאהרען? — ענטפערט לאה'צי, אנגע'ברוגז'ט ווי תמיד. — איהר זענט שוין פארטיג מיט'ן פאהרען!

— וואָס זשע? נאָך ניט אינגאַנצען צונויפגעלעגט? — פרעגט ער מיט אַ זיס שמייכעלע און דאָס גאַנצע פּנים ווערד איהם אין קנייטשען.

— וואָסער צונויפגעלעגט? — מאַכט לאַה'צי מיט כעס. — עס געהט איהם דערינגען! ס'איז דאָ נויטיגערס דערפון!... הערט נאָר אויס, בערעל־אייזיק! איהר זענט דאָך אַ גוטער באַריהמער, איך קען אייך דען ניט? איך וועל אייך עפּיס פרעגען אַ זאַך, איך וועל אייך עפּיס דערצעהלען. נאָר איהר זאָלט מיר פריהער שווערען בּיי אייער ווייב און קינדער, אַז צווישען אונז וועט דאָס בּלייבען.

בערעל־אייזיק'ס פּנים, וואָס האָט ביז אַהער געשמייכעלט, איז מיט אַ מאָל געוואָרען ערנסט. לאַה'צי האָט בּיסלעכווייז, שטיקלעכווייז איהם אויסדערצעהלט די גאַנצע מעשה און איהם נאָך אַ מאָל בּעשוואָרען, אַז קיין פויגעל זאָל דערפון ניט וויסען. בערעל־אייזיק האָט אויסגעהערט, אַ בּיסעלע אַ טראַכט געטהאָן, ווארפענדיג מיט די קאָסע אויגעלעך זיינע אויף אַלע זייטען, און האָט אַ זאָג געטהאָן צו לאַה'צין: „ס'איז רעכט; חיינט, נאָך הבדלה, איז ער דאָ".

— געדענקט זשע, בּערעל־אייזיק, איהר האָט מיר געשוואָרען בּיי ווייב און קינדער, אַז ס'איז אַ סוד.

— אַ סוד, אַ סוד! — האָט איהר בּערעל־אייזיק אַ זאָג געטהאָן און איז פּאַוואָלינקע אוועקגעגאַנגען אויף דער אַכסניה, וואו יוסילע סאָלאָוויי האָט געהאַלטען סטאַנציע מיט דער גאַנצער חברה משוררים.

דער שמועס, וואָס איז דאָרטען פאָרגעקומען צווישען בּערעל־אייזיקען און גדליה בּאַס, איז געווען טיעף דיפּלאָמאַטיש. מע האָט זיך בּיידע גוט געהיט איינס פאַר דאָס אַנדערע, געבּויגען זיך אויף אַלע זייטען, ווי צוויי געלערענטע, געניטע גבּורים, אַזוי לאַנג, ביז מע האָט זיך צונויפגעשמועסט, אויסגעגלייכט און בּיידע איינ־

איינעם צוגעקלערט א רעכטען פלאן, ווי אזוי דעם ענין דורכצו־פיהרען, ווי געהעריג איז.

לכתחילת האט גדליה געזעהען, אז יוסילע זאל זיך בעקענען מיט פערעלע דער דאמע און זאל גאר נישט אנהויבען צו וויסען צוליעב וואס: „גלאט, מהיכא־תיתי, — אזוי האט איהם גדליה געזאגט שבת־צו־נאכטס נאך הבדלה, — ס'איז דא א נגידית, פערעלע די דאמע רופט מען זי, זי איז א בעלנ'טע זיך בעקענען מיט דיר. זי קען זיך מיט אלע גרויסע חזנים פון דער וועלט און האלט זעהר פון זינגען, שפיעלט אליין אויך פיאנע. וואס קאן עס דיך אהרען, אז דו וועסט זיך דורכגעהן אהינצו?"... יוסילע האט איהם געפאלגט. זיי זענען ביידע, ער און גדליה באס, ארויפגעגאנגען צו פערעלען אהיים און דערזעהן פאר זיך א גרויס, ליכטיג הויז, גאנץ רייך געמעבלירט, שען אויסגעפוצט, מיט סאמעטענע דיוואנעס, ווייכע פאטעלען, קרישטאלענע און בראנ־זענע הענגלייכטער, הויכע מורא'דיגע שפיעגלען, וואזאנעס פער־שיעדענע מיט בילדער אלערליי אין גאלדענע ראהמען. בעטראכ־טענדיג דאס אלסדינג במעט דאס ערשטע מאל אויף זיין לעבען, האט זיך יוסילען דער קאפ פערדרעהט. „ווען דו זאלסט זיין א מענטש, — האט איהם גדליה איינגערוימט א סוד אין אויהער, — קאן אט דאס אלסדינג זיין דיינס"... יוסילע האט א קוק געטהאן פערוואונדערט אויף גדליה'ן, און האט זיך אנגעשטויסען, אז עס האנדעלט זיך דא מכח א שידוך — און יוסילע איז אין דער ערשטער מינוט גרייט געווען פערקערעווען דעם דישעל צוריק און אנטלויפען פון דאנען; ער האט געמיינט, אז ער וועט אין דער ערד אריין פאר פחד און פאר בושה... „אנטלויף, יוסילע, פון דאנען, — האט ער זיך געטראכט, — אנטלויף כל זמן די פיס טראגען דיך, אנטלויף אהיים, אנטלויף וואו דער שווארצער פעפער וואכסט, אבי ניכער!" נאר עס איז שוין געווען צו שפעט: עס איז איהם געקומען אקעגען פערעלע די דאמע, א שען ווייבעל, איינגעטונקען אין גאלד און בעהאנגען מיט א סך ציערונג.

בעטראכטענדיג די דאָזיגע „דאַמע", איז איהם געקומען אויף די געדאַנקען אסתר, די טייערע געטרייע אסתר, מיט וועלכער ער וועט זיך זעהען, אם־ירצה־השם, גאָר איין גיכען, און פערגלייכענדיג זי מיט אסתר'ען, האָט ער אינוועניג בּיי זיך געלאַכט: „וויים איך? איך וועל אַזעלכעס טהון? איך וועל נעמען און וועל פערפּייטען אסתר'ען אויף דער דאָזיגער? ס'אַ משל! אַ פער־גלייכעניש אַ בּיסעל!"... פּערעלע די דאַמע האָט איהם געגעבּען די האַנד, אַ קליין ווייס הענטעל און אַ קאַלטס, און ער האָט דערפיהלט, אַז דאָס קאַלטע הענטעל בּריהט איהם, און פאַר זיינע אויגען איז איהם עפּיס ווי אַ טומאַן איבּערגעצויגען געוואָרען, אין די אויהערען האָט איהם געקלונגען, דער קאָפּ האָט זיך איהם ווי געשפּאָלטען, און ער האָט זיך גיך פערלאָרען.

במעט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבּען איז יוסילען אויס־געקומען צו הערען שפּיעלען פּיאַנע. הערען פון דער וויַיטען האָט ער געהערט ניט איין מאָל; נאָר זיצען בּשעת שפּיעלען אַזוי נאָהענט נעבּען אַ שען וויַיבּעל און ־קוקען, ווי מיט די קליינע ווייסע פינגערלעך ציהט זי אַרויס פון דאָרטען אַזעלכע ווייכע קולות, אַזעלכע שענע מעלאָדיען — דאָס האָט ער זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלען. עס איז געוואָרען פאַר איהם פול די גאַנצע זאַל מיט די דאָזיגע קולות, און פּערעלע האָט בּעקומען אין זיינע אויגען נאָך מעהר חן, ווי פריהער. עס בּעקומט בּיי איהם גיך, ווי אַלע מאָל, אינגאַנצען גאָר איין אַנדער פּנים: די שטוּב זעהט בּיי איהם אויס ווי אַ פּאַלאַץ, און פּערעלע — אַ פּרינצעסין; ער קומט אַריין אַהער עפּיס מיט חידושים, מיט נסים ונפלאות, און הערט די געטליכע קולות, וואָס שמירען איהם דאָס האַרץ, ווי מיט בּוימעהל, וואָס גלעטען איהם די נשמה, געבּען איהם אַריין אַ נייעם מין חיות, און עס ווילט זיך איהם מיט־העלפען, עס ווילט זיך איהם זינגען גלייך מיט די קולות אינ־איינעם. יוסילע סאָלאָוויי הויבּט אָן צו זינגען, אונטערהאַלטען נאָכ'ן טאַקט, צעגיסענדיג זיך אויף זיין האַלז, אויף זיין זעלטענעם

קונציגען האלז, אין אזעלכע זיסע, צארטע געזאנגען, אז פערעלע די דאמע הערט אויף צו שפּיעלען און הערט זיך איין אין זיין זינגען. נאר יוסילע בעט זי, אז זי זאל איהם שפּיעלען נאך און נאך. זי שפּיעלט און ער זינגט, פאנטאזיערט, צעגיסט זיך, פער־געהט זיך, צעשיט זיך און קנאקט ווי א סאלאוויי...

גדליה באס, וואס איז געזעסען צעלעגט אין א ווייכען פאטעל אין דער זייט, האט שוין לאנג נישט געהערט פון יוסילען אזא מין זינגען, ווי יענעם שבת־צו־נאכטס ביי פערעלע די דאמע. גדליה'ס פערדארבענע נשמה, וואס האט געוואוסט נאר געלד, האט זיך אויך אין דער צייט, ווען יוסילע האט זיך דא צעזונגען, געפריידט, ממש מחיה געווען. פון דעסטוועגען האט ער זיך בעטראכט, אז ס'איז א סך געזינדער פאר איהם אין אלע אופנים, ער זאל זיך בעסער אוועקגעהן אויף דער אכסניה, און יוסילע לאז בלייבען דא דערווייל אליין, אהן איהם. לאה'צי די פאקאיאווע האט איהם אפילו מיט גרוים גדלות צוגעטראגען אויף א זילבערנער טאץ א פיינע גלאז טיי, נאר גדליה האט זיך פון דער טיי אפּ־געזאגט, האט א מורקע געטהאן, אז ער בעדארף ערגיץ געהן, און האט זיך פאוואלינקע פון דארטען ארויסגערוקט.

ערשט ארום האלבע נאכט, שוין קלויבענדיג זיך געהן אהיים, האט זיך יוסילע ארומגעקוקט, אז גדליה איז ניטא. פערעלע, יוסילע און לאה'צי האבען זיך אלע דריי צעלאכט, און ס'איז געבליבען, מע זאל אויפוועקען דעם קוטשער, איינשפּאנען די קארעטע, און אפּפיהרען איהם אהיים. מע האט אבער דעם קוטשער פערשפּארט שוין וועקען; ער איז געשטאנען גרייט מיט דער קארעטע ביי דער טיר; אויף דער שוועל איז געזעסען און האט געדרימעלט בערעל־אייזיק. לאה'צי האט א קוק געטהאן אויף זיין פערשלאפען־וואכענדיג פנים און האט צו איהם פריינדליך א זאג געטהאן: „דאס האט איהר, רב בערעל־אייזיק, צוגעגרייט די קארעטע? ע, איהר זענט דאך עפּיס גאר...!"

— נו, ווי מיינסט דו, לאה'צי, ער איז מיינער? — האָט פּערעלע די דאַמע אַ פרעג געטהאָן ביי איהר פּאָקאָיאָווע, שטעהענדיג שוין כמעט אַ נאַקעטע און אַ וואָרף טהוענדיג זיך אין בעט אריין.

— נאָך אַ מין אייערער! — האָט איהר לאה'צי דערויף גע־ענטפערט, איבערדעקענדיג די „מאַדאַם" מיט אַ ווייכער אַטלעסע־נער קאָלדרע. — נאָך אַ מין אייערער! איהר האָט דען נישט ארויסגעזעהען נאָך זיינע גלאַנצענדיגע אויגען, אַז ער איז שוין אָפּגעקאָכט?

— לאה'צי, הארץ מיינס, נשמה מיינע! — האָט איהר פּערעלע געענטפערט, ארומחאַפּענדיג די פּאָקאָיאָווע און צוקוועטשענדיג זי צום הארצען שטאַרק־שטאַרק!

און יוסילע סאָלאָוויי, פאַחרענדיג פון פּערעלען צו זיך אויף דער אכסניה און זיצענדיג צעלעגט אין דער ווייכער קאַרעטע, פּיהלט עפּיס אַ ניי מין לעבען אין זיך, און פּערעלע'ס געשטאַלט שוועבט איהם פאַר די אויגען: ער פערגעסט זיך, וואו ער איז אין דער וועלט; ער קלערט נאַר וועגען איין זאַך: מאָרגען ווידער קומען, ווידער זעהען פּערעלען און ווידער הערען זי שפּיעלען... אויך איין אנדער מחשבה פליהט איהם דורך אין קאָפּ: עס שטעלט זיך איהם פאָר די „ר י " ש א ל פ י ם". וואָס גדליה האָט איהם פאַרביינעהענדיג אַ זאָג געטהאָן... עס פּיקט זיך איהם אין קאָפּ עפּיס אַ פּלאַן. עס שטעלט זיך איהם פאָר, אַז ער פאָהרט דאָס אריין קיין מאַזעפּעווקע מיט אַ קאַרעטע און מיט פיער ברענענדיגע פערדלעך. די שטאָדט שטעהט, קוקט און חידוש'ט זיך. דער טאַטע לויפט־ארויס אַקעגען: „ברוך הבא, יוסילע!" ער חאַפּט ארויס אַ פּאַק אַסיגנאַציעס און מאַכט צום טאַטען: „נאַ דיר, טאַטע, צעהן טויזענד... צוואַנציג טויזענד... וואַרף אָוועק דאָס חזנות, שוין צייט, כלעבען!"...

און אסתר? אין דער מינוט פערגעסט גאר יוסילע, אז ס'איז דא איין אסתר אויף דער וועלט, וואס קוקט־ארוים אויף איהם אזוי לאנג! און ווען אסתר קומט איהם שוין יא ארויף אויפ'ן זינען, וויל זיך גאר יוסילע נישט קיין פרעג טהון: „וואס איז דא קשה?“...

XX.

ער פאלט אריין אין דער נעץ אריין און קוקט זיך ארום שוין א ביסעל צו שפעטליך.

א סך שווערער איז פאר יוסילען געווען אריינצוקומען דאס ערשטע מאל צו פערעלען אין שטוב אריין, ווי איידער צו שרייבען תנאים און געהן מיט איהר צו דער חופה... גדליה באס האט שוין אליין גענומען אויף זיך אלסדינג. אפגעשמועסט מיט די רבנים, חזנים, שמשים. ער איז אליין געלאפען אומעטום, אליין בעקומען וואס מע בעדארף און אלסדינג פארטיג געמאכט צו דער חתונה. א ביסעל האט איהם צוגעהאלפען, געוועהנליך, בערעל־אייזיק זיין שותף. א גוט שטיקעל ארבייט האט אויף זיך גענומען גדליה; ער האט בעדארפט אויסשטעהן א מלחמה מיט פערעל'ס צוויי שוואגערס די אפציזניקעס. זיי האבען זיך געשטעלט אקעגען שטאהל־און־אייזען און האבען געזאגט: איין מאל פאר אלע מאל, בלוט זאל זיך גיסען אין די גאסען, זיי וועלען נים דערלאזען ביי זיך אין סטרישטש אזעלכע בזיונות. „לאז זי פאהרען געזונטערהייד קיין בארדיטשעוו — האבען זיי געזאגט — און דארט אויפהענגען זיך אויף וועמען איהר איז ליעב. מיר וועלען נאך נים דערלאזען צוא בזיון פאר אונזער געשטארבענעם ברודער, וואס דער ארט

זיינער איז נאָך נישט אָפּגעקיהלט געוואָרען. וואָס הייסט דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות געוואָרען? !"

גדליה פון זיין זייט האָט אָבער אויך נישט געשוויגען. ער האָט געהאַט אַ כח, מיט האַלבע ווערטער, ווי זיין שטייגער איז, איבעררעדען אַ האַלבע וועלט מיט מענשען. ער האָט זיי בעוויזען, אַז, ערשטענס, איז דאָס פאַר זייער ברודער, עליו־השלום, גאָר אַ כבוד, נישט קיין בזיון חלילה, מחמת ווער ווייסט, צו וועמען די אַלמנה קאָן אַריינפאַלען מיט אַזאַ גוטס הייַנטיגע יאָהרען? יוסילע איז פאָרט אַ טאַטענ'ס אַ קינד; ער קומט־אַרויס פון רבנים און האָט היינט אויך צוויי רבנים מיט דריי דיינים אין דער משפחה. והשנית, מיינט ער דאָ חלילה נישט דאָס געלד איהרס, מחמת ער איז אַליין אויך גענוג רייך, אָהן עין־הרע, ער האַלט געלד אויף פּריצענט. אַ קליינינגקייט, אַזאַ גאָלדשפּינער? און אַ קערבעל איז ביי איהם טייער, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון'ם אויג!...

גדליה, נישקשה, האָט געוואוסט מיט וואָס מע קאָן נעמען אַ סטרישטשער גביר. דערצו איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז די אַקציזניקעס האָבען אַ טענה צו דער אַלמנה עפּיס מכח אַ בשותפות'דיגען קאָנטראַקט אויף אַ פּריץ, — האָט זיך גדליה אַריינגעלעגט און נע'פּועל'ט ביי איהר, זי זאָל זיי דעם קאָנטראַקט אָוועקגעבען, האַפּט זיי דער וואַטענמאַכער! — פּערעלע האָט זיך אפילו גוט געקנייטשט דערביי, נאָר זי איז געווען אַזוי פערקאָכט אינ'ם שידוך, אַז זי האָט מיט אַ שווער האַרץ דעם קאָנטראַקט אָוועקגעגעבען, און אויפ'ן דריטען טאָג נאָך די תנאים האָט מען געשטעלט אַ חופּה, און דער עולם איז זיך צעפאָהרען איטליכער אין זיין רוח אַריין. גדליה האָט זיך צערעכענט מיט זיין חברת משוררים און איז אָוועקגעפאָהרען אַהיים מיט אַ היבשער „אַפּותיקי", וואָס וועט איהם קלעקען אַי אויף חתונה מאַכען די טאָכטער, אַי איבערלאָזען זיך אויך עטליכע קערבלעך. איהם איז דאָס אָפּגעראָטען אין אַלע אופנים אַרום און אַרום. די לעצטע צייט האָט גדליה באַס געהאַט יסורים פון דעם, וואָס יוסילע'ס

שטימע הויבט־אָן צו פאַלשעווען אַ ביסעל, און אָט־אָט וועט ער זי אָנוועהרען אינגאַנצען, ווייל ס'איז געקומען די צייט. וואָס „דאָס קול בייט זיך", און ביז ער וועט בעקומען די רעכטע שטימע, קאָן אַוועקגעהן אַ יאָהר און צוויי. „אצינד — האָט זיך גדליה נעַ־קלערט — מעג ער שוין בעקומען אַ קול פון אַ בת־היענה און זינגען ווי אַ שלייען, וועל איך מיך אויך נישט זעצען וויינען"... נאָר געזעגענט האָט ער זיך מיט יוסילען ווי מיט איין אייגען קינד, צוגעוואונשען איהם, ער זאָל זיך „מיט איהר" עלטערען אין עושר און אין כבוד, און שוין מעהר נישט בעדאַרפען אָנקומען צום עמוד ווייל ער וועט לעבען.

און פערעלע די דאַמע האָט זיך אויפגעהאָנגען יוסילען אויפ'ן האַלז, נישט אָפּצוטרעטען פון איהם אויף קיין מינוט. לאה'צי די פאַקאַיאָווע האָט זינגענדיג איינגעלעגט די קלומקעס אין וועג אַריין. דאָס האַרץ האָט איהר געצאַפּעלט פאַר שמחה, דער־מאַנענדיג זיך, אַז אין עטליכע טעג אַרום וועט זי זיך קאָנען זעהען מיט לוי־מאָטלען. בערעל־אייזיק האָט איהר צוגעהאָלפען פאַקעווען, געלאָפען, געטהאָן, געהאָרעוועט, גלייך ווי ער געהער זיך עפּיס היינט אָן מיט פערעלען. „אויף די נגידים — אַזוי האָט זיך בערעל־אייזיק געקלערט — ווערד קיין זאַך ניט פאַרפאַלען; איך זאָג מיר מיינס: פריידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ — צולעגען לעגט מען צו זיי נישט צו"... בערעל־אייזיק האָט אָבער, אוי־וועה, אַ גראָבען טעות געהאַט. צום געזעגענען זיך האָט איהם פערעלע די דאַמע „אפילו אויף דער האַנט ניט אָנגעשפּיגען!"... ווי אַ קעצעלע, ווי אַ נעבאַכעל, איז זיך בערעל־אייזיק געשטאַנען, דעם קאָפּ אויף אַ זייט, אַ ביסעלע צוגעשמייכעלט און אַלץ געהאָלפען, אַלץ בעדיענט איטליכען בעזונדער און צוגעווינשעוועט שטיל מיט אַ רחמנות־פּנים: „פאָהרט געזונטערהייד! פאָהרט געזונט!" און אין האַרצען האָט איהם געברענט אַ פייער: „אַזאַ כלב'טע, אַזאַ געשלייערטע האַנדזי — האַלז און נאַקען זאָל זי זיך ברעכען אויפ'ן גלייכען וועג, רבונו־של־עולם!"... „פאָהרט געזונטערהייד!

פאָהרט געזונט!“ — האָט בערעל־אייזיק געזאָגט צום לעצטען מאָל, אונטערהויבענדיג דאָס היטעל און איינבויגענדיג זיך אין דרייען, און די מחשבות האָבען איהם אוועקגעטראָגען צום פּעקעל אַסיגנאַציעס, וואָס גדליה האָט איהם געגעבען חלק פונ׳ם שדכנות־געלד און וועלכעס האָט איהם געוואַרעמט דעם בוזעם און געגלעט, ווי עפּיס אַ טייערע־טייערע זאַך... און אַזוי זענען אונזערע דריי פּאַרשוינען, פּערעלע, יוסילע און לאה׳צי די פּאָקאָיאָווע, געזעסען אין אַ גרויסען, ווייכען טאַראַנטאַס, מיט פיער פערד געשפּאַנט, און מען איז געפאָהרען פון סטרישטש קיין באַרדיטשעוו מיט פרייליכע הערצער. לאה׳צי האָט דעם גאַנצען וועג כלומרשט געדרימעלט, זי זאָל ניט זעהען, ווי די „מאַדאַם“ הענגט ביי יוסילען אויפ׳ן האַלז און מע לאַכט און מע קושט זיך און מע האַליובעט זיך, ווי די טייבעלעך... „קוים דערלעבט! — האָט זיך לאה׳צי געקלערט אין האַרצען. — קיין בינטעל גראָז אויפ׳ן קבר נאָך נישט אויסגעוואַכסען, די נשמה נאָך נישט אויסגעלייטערט אויף יענער וועלט, און זי הענגט זיך שוין! און אָפּגעזוכט — טאַטעניו! ניט געקאָנט צוואַרטען אַ ביסעל, ניט אויפהענגען זיך אויף אַ חזן גאָר, חי־חי־חי! מיין לוי־מאָטעל זאָל דאָ זיין, וואָלט ער עס געקאָנט לאַכען אַ ביסעל! די נגידים ווייסען שוין דען וואָס אויסצוטראַכטען פאַר גרויס ראָסקאָש?... מאָהל דיר, מיין מאַדאַם איז אויך אַ גוטע שטוקע, נישקשה, מיט די גוטע רערעלעך: נשמה׳ניו, האַרצעניו, ליובעניו — ביז דער קעשענע. איך לעג־צונויף דאָס גרעט איהרס, ליעבער גאָט, חאָטש האַלב אויף מיר געזאָגט געוואָרען; האָב חאָטש אַ ברעקעל סאָוועסט, נעם־אַרוים אַ פּאָר זאָקען, פון יוצא וועגען, צי אַ העמד, צי אַ קליידעל איין אַלטס, צי וועלכע גוטע יאָהר, און זאָג: נאַ, לאה׳צי, האָב פון מיר אַ געדעכעניש... ווער, וואָס? איין אַנדערע אויף מיין אָרט וואָלט מסתמא געוואָרט אויף כבוד, יאָ־נו? זי וואָלט איהר צעטראַסקעט די ביינער, קיין פאָדעם נישט איבערגעלאָזט. וואָס דען? אַזוי ווי איך בין אַ דורנאַ איז גוט? פון מיינעט־

וועגען לאז זי זיך אנצינדען מיט איהר גאנץ פערמעגען, מיט אלע איהרע שמאטעס, און איך — לאז מיר גאט העלפען קומען אהיים בשלום און קלערען מכח א חופה שטעלען"...

אזעלכע רעיונות שוועבען־ארום ביי לאה'צין אין קאפ, בשעת פערעלע און יוסילע קושען זיך, האלזען זיך, האליובען זיך, און די פערד טראגען דעם טאראנטאס מיט די דריי פארשווינען, דורכ־לאזענדיג פארביי פעלדער און וועלדער, דערפער און שטעדטלעך. קיינער פון זיי בעמערקט נישט, וואוהין די צייט געהט אוועק. איטליכער איז זיך פערנומען מיט זיינע מחשבות, יעדער האט זיך זיינע השגות, זיין פערגעניגען. פערעלע איז נאך קיינמאל אין איהר לעבען נישט געווען אזוי גליקליך, ווי אצינד, פאהרענדיג מיט איהר שענעם „העלד", איהר „ענגעל". ער איז איהרער, איהרער! פון דעם איינציגען געדאנק, אז אזא „העלד", וואס נאר אין א ראמאן טרעפט זיך אזעלכען צו בעגעגענען, אז אזא „ענגעל" איז איהרער, — ווערד איהר דער קאפ פערדרעהט, זי ווערד ווי פער'שיכור'ט און זיס פערשלאפען...

און יוסילע סאלאוויי?

* * *

יוסילע סאלאוויי, אז ער האט זיך נאכדעם ארומגעקוקט, וואו ער איז אין דער וועלט, וואלט ער געמעגט שווערען, אז ער געדענקט לחלוטין נים, וואס מיט איהם האט זיך געטהאן אין יענער צייט. ווען, וואו, ווי אזוי האט ער חתונה געהאט פאר פערעלע דער דאמע, — געדענקט ער נישט. ער געדענקט נאר, ווי א געדיכטער טומאן האט איהם ארומגענומען ארום און ארום, ווי עס האבען איהם געשעמערירט פאר די אויגען גאלד און דימענטען און בריליאנטען, ווי אזוי עס האבען זיך אוועקגעצויגען פאר איהם עטליכע ליכטיגע, פרייליכע, יום־טוב'דיגע טעג, ווי אזוי מענשען האבען איהם בעדיענט, גלייך ווי ער וואלט זיין

א פרינץ, א בן־מלך, און זי, די בת־מלכה, פּערעלע, ביי דער זייט, זי טרעט נישט אָפּ פון איהם אויף קיין מינוט, הענגט איבער איהם, האַלזט איהם, קושט איהם, האַליובעט איהם: „יוסילע, יוסילע מיין זיס לעבען, נשמה מיינע, מיין העלד, מיין ענגעל!" און נאָך אַזעלכע זיסע ווערטער... און עס דרעהט זיך איהם דער קאָפּ. ער פיהלט, ווי ער איז אין א טשאַד, ווי פערטומעלט, פערשמעליעט. און ער געפינט זיך אין א מין גן־עדן התחתון, דאָרטען וואו בשמים מיט אַלערליי געווירצען שמעקען, וואו עס רינט וויין און בוימעהל און מאַנדלען וואַכסען, וואו פויגעלעך זינגען און מענשען געהען ארום פראַנק און פריי. און עס זינגט זיך איהם אַזוי געשמאַק און אַזוי זיס, נאָר אָהן איין אויפהער. פּערעלע שפּיעלט פּיאַנאָ און ער זינגט, און די גאַנצע וועלט איז איהם פול מיט קולות, מיט געזאַנגען. ער וואָלט אייביג־אייביג אַזוי אַרומגעהן פראַנק און פריי אין'ם דאָזיגען גן־עדן און וואָלט נאָר געזונגען און געזונגען... אויך דאָס פאַהרען זיינס פון סטריטשט קיין באַרדיטשעוו, אין'ם ווייכען טאַראַנטאַס, אויף דער וואַרעמער, שמעקענדיגער לופט, מיט פּערעלען ביי דער זייט, האָט אויסגעוויזען יוסילען ווי א זיסער חלום. ער האָט זיך גאָר נישט געוואָלט אָפּגעבען קיין דין־וחשבון, וואוהין ער פאָהרט און צו וואָס ער פאָהרט; ער האָט נאָר געוואָלט, אַז דער חלום זאָל געדויערען לאַנג־לאַנג, אָהן איין אויפהער, אָהן א סוף. א חלום אָבער דאָ אויף דער וועלט, וואו דאָס לעבען איז נאָר א מינוט, א רגע, קאָן אייביג נים געדויערען; א חלום מוז האָבען אַמאָל א סוף; עס קומט די צייט, מוז מען זיך אויפחאַפּען, עס העלפט נים קיין וועלען דערצו... און אַז ער האָט זיך אויפגעחאַפּט, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקען, וואו ער איז אין דער וועלט, ווי א שיכור, אַז ער חאַפּט זיך אויף דעם אַנדערען טאָג אין אויס־געניכטערטער, און האָט אָנגעהויבען זיך אַרומצוקוקען אויף אַלע זייטען. „רבונו של עולם! — טראַכט ער זיך, — וואו בין איך דאָס?"

ער דערזעהט פאַר זיך אַ גרויסע שטאָדט, נאָר אַ פינסטערע, אַ וויסטע, אַ בלאָטיגע. אידען און ווייבער שיטען זיך אויף־און־אָפּ. ער הערט אַ געשריי פון בעלי־עגלות, אַ גערעדעריי פון קרעמערינס, אַ געשעלטעריי פון סערעבעס. די בלאָטע מיט איהרע ריחות לאָזט זיך הערען אַזוי שטאַרק, אַז מע מוז פער־שטעלען די נאָז. וואו איז ער דאָס ? — אין באַרדיטשעוו. דער טאַראַנטאַס שטעלט זיך אָפּ ביי אַ גרויסען בלאָטיגען פיער־גאָרענדיגען מויער, און דורך אַ פינסטערען קאָרידאָר מיט בלאָטיגע טרעפּ קומט מען אַריין אין אַ שטוב אַריין. יאָסילע דערזעהט פאַר זיך אַ לאַנגען טרוקענעם אידען מיט אַ קאַפּעליש און אַ נידעריגע גראָבע אידינע מיט אַ „מושקע“ און מיט אַ שטערנטיכעל; דער לאַנגער איד גיט איהם אָפּ שלום, צעקושט זיך מיט איהם, און די גראָבע אידינע זאָגט איהם „דו“, גיט איהם אָפּ „מזל־טוב“, און מע קוקט אויף איהם אַ ביסעל פון דער זייט... דאָס זענען זיינע שוועהר־און־שוויגער, וועמען פערעלע האָט שוין דורך אַ בריוועל מודיע געווען, אַז זי פאָהרט אַהיים מיט אַ פיינער ירושה און מיט נאָך אַ מעהר פיינעם מאַן... אַ שמחה, אַ פרייד: די טאָכטער איז געקומען, דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט ! חוץ איהר שאָדען אויף אַלע אידישע טעכטער געזאָגט געוואָרען !... עס קומען זיך צונויף צו פערעלע'ס עלטערען אַלע זייערע פריינד; מע גיט זיך אָפּ מזל־טוב און מע קוקט אויף יאָסילען, קיין אויג נישט אַראָפּצולאָזען פון איהם. ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, ווי אַ קליין קינד בשעת מע ברענגט דאָס דעם ערשטען מאָל אין חדר אַריין. עס ציטערט אויף איהם דאָס הייטעל, עס זעהט איהם אוים אַלסדינג עפּיס זעהר נייַ און זעהר פריקרע. ער טהוט אַ קוק אויף זיין בת־מלכה, אויף פערעלען — גאָר ניט די פערעלע, וואָס אין סטרישטש; גאָר איין אַנדער ווייבעל ! דאָרט האָט זי אויסגעוויזען ביי איהם מיט אַזוי פיעל חן, איהרע אויגען האָבען דאָרטען געהאַט גאָר איין אַנדער מין גלאַנץ, און גערעדט האָט זי מיט איהם דאָרט גאָר מיט איין אַנדער מין שפּראַך; און

דאָ איז די פריהערינגע פערעלע ווי פערשוואונדען געוואָרען, און גאָר איין אַנדערע האָט זיך בעוויזען פאַר זיינע אויגען. הייסט דאָס לעבען אין באַרדיטשעוו! ער איז גאָר נישט געוועהנט צו אַזאַ מין לעבען, צו אַזעלכע שמועסען מיט אַזעלכע ענינים. — אַלץ, אַלץ איז איהם געוועזען פרעמד, און ער אַליין ביי זיך האָט עפּיס אויך אויסגעוויזען ווי אַ ווילד־פרעמדער. וואָס טהוט ער דאָ און וועלכע גוטע יאָהר האָבען איהם אהער אַראָפּגעבראַכט? וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט מאיר זייטשיק און וואָס געהער זיך אָן מיט איהם זיין מסחר? וואָס פאַר אַ שייכות האָבען צו איהם פערעלע׳ס הלואות מיט די וועכסלען מיט׳ן פּראָצענט און מיט אַלע זייערע געשעפטען דאָרטען (פערעלע, קומענדיג אהיים, האָט זיך באַלד גענומען פערטהון איהר קאַפּיטאַל אין „רעכטע הענד“...), אַז איהם ווילט זיך גאָר אַ ה י ן, אויף דער פרייער וועלט? אַך, רבונו־של־עולם! צי דען אַזוי האָט ער געקלערט בשעת חתונה האָבען פאַר פערעלען, אַז ער וועט בעדאַרפען נאָכ־דעם ליגען ערגיץ אין אַ לאָך, צווישען ווילד־פרעמדע, נישט אַנצוקוקען די ליכטיגע שיין, נישט צו וויסען פון אַ וועלט צו זאָגען? ווער רעדט נאָר פון זינגען, צי פון שפּיעלען? אויפ־געשטאַנען אין דער פריה — געטרונקען קאַווע. אַ קוק געטהאָן אין דרויסען דורכ׳ן פענסטער — חושך, וויסט, אַ בלאָטע — זאָל נאָט שומר ומציל זיין. נאָכדעם אויסגעהערט אַ לאַנגען שמועס פון מסחר — ווייעדער מסחר, ווייעדער פּראָצענט, ווייעדער געלד. אָפּגעגעסען מיטאָג — פערעלע געהט אַוועק מיט דער מאַמע איבער די קלייטען אָפּנאַרען די קרעמער, האַנדלען מציאות. יוסילע קוקט זיך צו און ווערד נבהל ונשתומם, צוהערענדיג, ווי פערעלע שמועסט זיך אוים מיט די ווייבער אויף זייער לשון, שוועהרט זיך און זידעלט זיך, ווי אַ געניטע סטרעכע. טאָג ווי נאַכט קולות, שבועות, קללות: פערעלע קריעגט זיך מיט די שוועסטער, קוילעט זיך מיט זיי, נעמט־צו און טראָגט־אָפּ ספּלעטנים. טאַטע און מאַמע געבען איהר תמיד גערעכט — פאָרט די נגידית אין

דער משפחה! וואס ווייטער ווערד יוסילע אלץ מעהר אויס־געניכטערט און דערקענט זיין ווייבעל, וואס זי איז. קוקענדיג אויף איהר, ווי זי ציטערט איבער א גראשען, בעמערקענדיג אלע איהרע מיאוס׳ע תנועות, קלערט ער ביי זיך: „שוין זשע איז דאס יענע פערעלע, וואס האט זיך מיר פארגעשטעלט דארט פאר אזא וואוילע און א גוטע, אזא איידעלע, אזא טייערע — צום סוף!“... ער פרובט זיך נאך א מאל א רעד טהון מיט איהר מכח זיינע פריהעריגע פלאנען: פאהרען קיין אויסלאנד... שטודירען... זינגען... שפיעלען... ווער, וואס? „א חזן ווילסט דו זיין? — זאגט זי צו איהם און הענגט זיך אויף ביי איהם אויפ׳ן האלז. — וואס טויג עס דיר, נארעלע? האר אויס א ביסעל, איך וועל „פארטהון“ מיין געלד אין „רעכטע הענט“, וועלען מיר זיך ביידע דורכפאהרען בעסער אין די „בעדער“ אויף טרויבען, „אויף דער קור“, פארשטעהסט דו מיך, אהין פאהרען אלע גבירים, נארעלע, — און דו זאגסט גאר חזנות, שטודירען! פע, נשמה מיינע, פאר־געס, מיין זיס לעבען, פארגעס און געב, לאמיך דיך בעסער א קוש טהון אין דיינע בריליאנטענע אויגען מיט דיינע שענע בלאנדע האר, מיין ענגעל, טייערער העלד מיינער!“...

וואס ווייטער זעהט יוסילע אלץ מעהר ארויס, וואס ער האט דא געטהאן, ווי אזוי ער האט זיך גענומען אליין און האט זיך געבונדען, געפענטעט אויף תמיד, אויף אייביג. ער פרובט זיך א ווארף טהון אהער — אהין, ווי דאס פויגעלע, וואס זיצט פער־שפארט אין שטייגעל, און זעהט, אז די שפיעל איז פאר׳ן טייוועל... יענע אלע זיסע חלומות, וואס ער האט געזעהען פריהער, ווערען ביסלעכווייז, ווי א טומאן, פערשוואונדען, יענע גילדענע רייכע מחשבות ווערען, ווי רויך, צעטריבען, און אויף זייער ארט קומען־אן אנדערע מחשבות, אנדערע געדאנקען. ניטא יענע זיסע קולות וואס פריהער; ניטא יענע שענע בילדער, וואס ער האט זיך פארגעשטעלט פריהער! די קארעטע, דאס אריינפאהרען קיין מאזעפעווקע, דאס פערוואונדערען זיך פון זיינע בעקאנטע און

גוטע פריינד, דאָס גליקליך מאַכען דעם טאַטען — אַוועק, אַוועק! אַנדערע בילדער זעהט ער. איין אַנדער לעבען לעבט ער. און אויפ'ן אָרט פונ'ם פריהעריגען שמעקענדיגען גן־עדן שטעהט פאַר איהם די באַרדיטשעווער מורא'דיגע בלאָטע. אויפ'ן אָרט פון פּאַלאַצען — אַ בלאָטיגע שטוב מיט בלאָטיגע מענשען. אויפ'ן אָרט פון זינגען הערט ער טאָג ווי נאַכט: „וועכסעל, פּראָצענט, פּרנסה, געלט, הוצאה"... אויפ'ן אָרט פון אַ שען, ווייס ווייבעל — אַ גראָבע אידינע, וואָס הענגט איהם שטענדיג אויפ'ן האַלז, האַלזט איהם און קושט איהם און לאָזט איהם ניט אָפּ פון זיך. און אַלץ איז אַזוי וואָכעדיג! אַזוי געמיין! עס ווערד איהם נמאס, נמאס ומאוס די וועלט און דאָס לעבען. און הינטער די פּלייצעס הערט ער רעדען וועגען זיך: „אָט דאָס איז ער, דער יוסילע, וואָס האָט גענומען די רייכע אַלמנה"... און עס טהוט איהם אַ שטאָך אין הארצען. און אַזוי, קוקענדיג אויף פּערעלען, דערמאַנט זיך יוסילע אין אסתר'ען, און ער הויבט זיך אָן צו בערעכענען און גוט בער־קלערען, אַז ער האָט דאָ אָפּגעטהאָן זעהר אַ מיאוס'ע מעשה, זיך אַליין אָפּגעשפּיעלט אַ חתונה און אויסגעהאַנדעלט זיך אַזוי ניט לייטיש, אי פאַר אסתר'ען, אי פאַר זיין טאַטען, אי פאַר זיך אַליין. ער געהט אַרום פערזאָרגט, בעטריעבט, פינסטער, ווי די ערד.

— יוסילע, נשמה מיינע, הארץ מיינס, מיין טייער סאָלאָוויי־טשיקעל! — זאָגט צו איהם פּערעלע זיין ווייב, ווען זי בלייבט מיט איהם אַליין, שפּיעלענדיג זיך מיט זיינע שענע, לאַנגע האָר. — וואָס איז דיר? וואָס ביזט דו אַזוי צעטראָגען? געהסט אַרום פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט? זאָג מיר, וואָס פעהלט דיר? שוין־זשע האָב איך ביי דיר ניט פאַרדיענט, דו זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת, וואָס דיר איז? איך בין דיר שווער, איבעריג, נמאס? נמאס?...

„נמאס? — קלערט זיך יוסילע. — נמאס ומאוס!" נאָר ער האַלט זיך איין, ער שטאַרקט זיך און זאָגט איהר אַ גראָבען ליגען:

— נמאס זאגסט דו? חס ושלום! וואס הייסט נמאס? —
און זיינע מחשבות, זיין קאפ און זיין הארץ און אלע זיינע געפיהלען זענען ווייט פון דאנען; זיי זענען איהם דארטען — אין מאזעפעווקע.

XXI.

מאזעפעווקע רעדט — און אסתר נעבאך האט צרות.

קלוגע מענשען האבען זיך שוין וויפיעל מאל געבראכען דעם מוח צו טרעפען, ווי אזוי ווערד דאס מאזעפעווקע געוואהר פון אלע נייעסען, וואס אויף דער וועלט טהוט זיך? חאטש פון גאזעטען — דאס ווייסען אלע — האלט מען דארט וועניג־וואס, נאר לאז ווערען א שמועס דארט ערגיץ, אין די הויכע פענסטער, וועגען מלחמה, — אזוי ווייסט מען דאס באלד אין מאזעפעווקע. א נייער זאקאן, נאך איידער ער ווערד געבוירען, קומט ער אראפ אהין, און אידען לערנען דעם פשט, קנייטשען איהם אהער און אהין, איטליכער מיט זיין גאנג. זיי האבען א זעלטענעם חוש הריח, די מאזעפעווקער, און א סך זאכען קומט ביי זיי אויס על־פי דרך הטבע, אז עס בעדארף אזוי צו זיין, ווארום דער שכל איז מחייב.

מע ווייסט ניט, פון וואנען עס האט זיך גענומען דער קלאנג, אז יוסילע סאלאוויי האט ערגיץ חתונה געהאט, גענומען מאח־אלף גדן און איז געווארען אוים חזן. דער האט געזאגט, אז א גרויסער גביר האט איהם געהארכט דאוונען, האט ער איהם פעררופען צו זיך און האט איהם געגעבען די טאכטער פאר א ווייב. און דער

האָט געזאָגט, אַז יוסילע האָט חתונה געהאַט פאַר אַ רייכע אַלמנה פון פופציג יאָהר. אַנדערע האָבען געדרונגען פערקעהרט, אַז ניט קיין אַלמנה, אַ גרושה האָט ער גענומען, און דערביי דערצעהלט זעהר אַ שענע מעשה, ווי אַזוי יוסילע איז געוועזן איינגעלאַדען צו אַ גביר אויף אַ מלוה־מלכה; האָט דער גביר געהאַט דאָס אַנדערע ווייב פון היינטיגער וועלט, אַ גאַנצע מלומדת, אַ „צעדראַמטע"; בקיצור, אַז זי האָט איהם דערהערט זינגען, האָט זי זיך אין איהם פערקאָכט און האָט געוואָלט מיט איהם אַנטלויפען אין עק וועלט; האָט זיך מיישב געווען דער גביר און זאָגט צום ווייב: „וואָס טויג דיר נאָך אַנטלויפען און מיר אָנטהון בזיונות? נאַ דיר גט און נעמט דיר איהם"... וואָס טהוט זי? זי איז דאָך אָבער אויך נישט קיין נאַר, מאַכט זי צו איהם אַזוי: „וועסט דו מיר געבען די מאָה־אַלף, איז רעכט, אלא ניט — וועסט דו מיך האָבען צו געדענקען!" הכלל, אַהער, אַהין, עס האָבען זיך אַריינגעלעגט מענשען און מען איז מושוה געוואָרען פאַר אַכציג טויזענד. בקיצור, ווי אַזוי די מעשה איז שוין דאָרט, אונזער יוסילע איז אַ לייט. נאָר פאַר וואָס ער שיקט נישט דעם טאַטען קיין געלד — איז איין עולה!...

אַז דער קלאַנג איז אַרוים אויף דער שטאָדט, האָבען אַלע געזאָגט, אַז על־פּי דרך הטבע בעדאַרף עס אַזוי זיין, וואָרום דער שכל איז מחייב, אַז יוסילע האָט בעדאַרפט גרייכען אַ גרויסען שידוך; דאָס האָט איטליכער אַרויסגעזעהען נאָך פריהער. און ווי האָט דאָס דען געקאָנט אַנדערש זיין?

— עס קומט אייך מזל־טוב? — האָט מען זיך געווענדט צו שמואליק דעם חזן אין שוהל. — מע זאָגט, אַז אייער יוסילע האָט חתונה געהאַט? וואָס, איהר ווייסט גאָר נישט? געשיקט זיך עס? אודאי, אודאי דערצעהלט מען, אַז ער איז גאָר גליקליך, מאָה־אַלף, זאָגט מען, ריש־אַלפים! ווי קומט עס? אַ סברה, אַז ער שרייבט אייך גאָר קיין בריוועל ניט, רב שמואליק? היינטיגע

קינדער! גער, ווער פארשווארצט צוליעב א קינד, זיי זיך מפקיר! מע דאנקט נאכדעם אפ מיט שטיינער. א שענע וועלט היינט געווארען, ניטא וואס צו רעדען, א לייטיש וועלטעל!

שמואליק, אז ער האט דאס דערהערט, איז ער בײ זיך שטארק אראפגעפאלען. „סטייטש, יוסילע זאל מיר אזעלכעס אפטהון, איין אייגענעם טאטען?!“ עס איז איהם אהן דעם געווען א חרפה, א בושה, פאר לייטען, וואס ער האט כמעט א יאהר נישט געהאט קיין איינגעטונקטע פען פון יוסילען, נישט וויסענדיג, וואס איבערצוטראכטען, און דא — נא דיר גאר אזא נייעס! „א מעשה, א מעשה! חתונה האבען, ווערען א נגיד און פארגעסען א טאטען! עס קאן גאר ניט זיין!“ דאס איז געווען שמואליק'ס איינציגע טרייסט: „עס קאן גאר ניט זיין!“ ווען נישט דער בטחון, אז נישט היינט איז מארגען, וועט יוסילע קומען צו פאהרען, וואלט דאס שמואליק גאר ניט אויסגעהאלטען. ער האט אזוי אויך געהאט געגוג צרות; עס איז איהם די לעצטע צייט, פון א פער־קיהלונג אפנים, די שטימע, משטיינס געזאגט, קאלי געווארען. שמואליק'ס האלז, וואס האט אמאל גע'שמ'ט אויף דער וועלט, איז געווארען געהאפט, און זיין „שאגת־ארי־קול“ איז איהם געווארען משונה פערדומפען מיט א הייזעריגקייט, ווי א קול פון איין אנגעשפאלטענער כלי. דארט, וואו שמואליק פלעגט זיך אמאל פערקאטשען אויף זיין פיסטעל, זינגען טרוילעריש און אראפלאזען זיך אויף זיין בײ־קול ביז דער לעצטער „שפינדע“, — האט זיך היינט מיאוס געלאזט הערען א כארכלען פון א גע־קוילעטען אכס, אדער א קרעה פון א יונגען, נאך נישט אויס־געזונגענעם האהן. שמואליק'ס דאוונען האט אנגעהויבען צו זיין געמוטשעט, מחילה, זעהר גע'מלאכה'ט; וויפיעל ער האט זיך נישט גע'בריה'ט, רייסענדיג זיך אויף די גלייכע ווענד — ניטא די כחות וואס אמאל! אויס האלז, אויס דבור, אויס, אויס שמואליק — ערגער ווי געשטארבען! געהאלטען האט איהם בײ'ם עמוד נאר דאס שטיקעל חזקה. לאזען א געפאלענעם פאלען, צו־

נעמען ביי יענעם דאָס לעצטע שטיקעל ברויט אינגאַנצען, אָפּקוילען איין אָרעמאַן פון פּרנסה — דאָס טהוען נישט אַזוי גרינג די מאַזעפּעווקער אידען, וואָס זענען בטבע ווייכע, באַרעמהערציגע לייט, און איבערהויפּט פרומע, עהרליכע אידען. נאָר זאָגען אויף זיי, אַז זיי זענען גאָר צדיקים, מענשען מיט יושר — דאָס קאָן מען אָבער אויך ניט, דען זיי זענען זיך מיט שמואליק דעם חזן בעגאַנגען ניט אַזוי מענשליך, ניט גאָר על־פּי יושר; מע האָט איהם דערקוטשעט מיט שטעכווערטלעך, געגעבען איהם אָנצוהערענישען, געפּרעגט איהם, וואָס מאַכט עפּים יוסילע, געהאַט צו איהם טענות פאַר זיין דאַוונען, פאַר זיין זינגען. אמת, מע קאָן זיי, די בעלי־בתּים פון דער קאַלטער שוהל, אויך אינגאַנצען ניט שולדיג מאַכען: זיי זענען פּאָרט אין דעם ענין געבאַלעוועט זעהר; זיי זענען פון תמיד אָן געוואָהנט געוואָרען צו רעכטע חזנים, צו שענע בעלי־תּפלות; וואָס־זשע זאָלען זיי טהון? שמואליק׳ס דאַוונען איז פאַר זיי געווען על אפּם ועל חמתם, און פאַר שמואליקען אַליין איז זיין חזנ׳יש לעבען געווען אַ מיאוס געמוטשעט לעבען. נאָר צו די צרות מיט׳ן האַרצוועהטיג, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין דער היים, איז דאָס נאָך נישט געווען קיין משל אפילו, וואָרום פון זינט עס איז אַרוים דער שם אין שטאָדט, אַז יוסילע האָט חתונה געהאַט, האָט שמואליק דעם חזנ׳ס ווייב ווידער אַ מאָל איבערגעביטען איהר מיינונג וועגען יוסילען און האָט גענומען עסען און טאַטשען שמואליקען נעבאַך, שיטען איהם זאַלץ אויף די וואונדען מיט אַ פּה קדוש, ווי זי קאָן.

— פיין אויסגעשטעלט זיך אַקעגען אַ טאַטען, גאַנץ לייטיש! נישט אומזיסט זאָגט די ווערלט אַ ווערטעל: „פון אַ חזיר׳שען ווידעל קאָן מען קיין שטריימעל ניט מאַכען!“ דיין יוסילע איז געווען אַ שאַרלאַטאַן און איז געבליבען אַ שאַרלאַטאַן. היינט פאַרשטעה איך שוין, פאַר וואָס איך האָב איהם פון קינדווייז אָן אַזוי פיינט געהאַט. נישקשה, איך האָב אַ גוטען חוש־הריח, איך שמעק־אָן באַלד אַ מענטשען, וואָס ער איז; מסתמא איז ער

פונ׳ם שורש א דער־רוח־ווייסט־וואס! און איך פארשטעה נאר ניט, וואס זלאטע לעגט־איין די וועלט נאך זיין מאמען און זאגט, אז אזא צדיקות, ווי דיין זעלדע איז געווען, איז גאר אויף דער וועלט ניטא. לאז זי מיר דארטען מוחל זיין, וואו זי איז...

שמואליק האט אויסגעהערט די אלע רעד און אראפגעשלונגען זיי, ווי א ביטערען טראפען. א סך ערגער איז איהם געווען זיך בעגעגענען מיט זיינע גוטע פריינד, מיט זלאטען און מיט אסתר׳ען: וואס קאן ער זיי זאגען, טאמער מאכען זיי מיט איהם א שמועס מכח זיין זוהן? ער האט אבער אין דעם א גרויסען טעות געהאט: זלאטע האט זיך ווידער צעקריעגט מיט דער חזנ׳טע און איז געווען פערנומען מיט איהרע עסקים, געהאט גענוג אייגענע צרות, גענוג אייגענע זארג: מע בעדארף חתונה מאכען א קינה, אסתר איז שוין, קיין עין־הרע, א מיידעל צו לייטען, און ס׳איז ניטא מיט וואס: אהן קיין נדן וויל מען היינטיגע יאהרען קיין מיידעל ניט נעמען; א ליארע בחור׳על, איין אונטערשלאג, הייסט זיך אנידערלעגען עטליכע הונדערט קערבלעך, אחוץ מתנות — און דא דערווייל וואכסט אסתר, עס געהט איהר שוין דאס צוואנציגסטע יאהר, ווער געשריגען! עס דרעהט זיך אפילו א שידוך, ניט אזא גלייכער, נאר א גליק, א פארטיגע זאך, א שמאלץ־גרוב, געה, בינד־צונויף, מאך עפּיס איינע אליין, א וויסטע אלמנה מיט פיצלעך קינדער יתומים!...

און אסתר, אז זי איז געוואהר געווארען, אז יוסילע האט חתונה געהאט, — וואס האט זי געקאנט קלערען בשעת מעשה? ווער קאן זיך פארשטעלען איהר בעלעדיגט, בעטריעבט, פער־וואגעלט, צעבראכען הארץ נעבאך? עס האט זיך איהר געדאכט, אז זי קען יוסילען אויסגעבונדען, און האט איהם פון תמיד גע־גלויבט, און אלץ וואס ער האט געזאגט איז געווען ביי איהר היילינג; צום סוף זאל ער זי אזוי מיאוס אפנארען, אפליגנערען פון קאפ ביז פיס? אסתר׳ען האט זיך אויסגעדאכט, אז אזוי ליעב האבען און אזוי געטריי זיין ווי יוסילע האט ליעב און איז

געטריי דעם טאַטען זיינעם, איז גאָר דער צווייטער צו איהם ניטאָ. נאָך שטעהט ער איהר פאַר די אויגען, ווי ער האָט זיך איהר דעמאָלט געשוואָרען, בשעת אָוועקפאָהרען פון דער היים, אַז ער וועט דעם טאַטען נישט פערגעסען אויף קיין מינוט אפילו, און וועט איהם גאָר גליקליך מאַכען; נאָך קלינגען איהר אין די אויהערען יענע גוטע ווערטער זיינע, יענע זיסע געזאַנגען, אין וועלכע ער האָט פאַר איהר זיין הארץ אויסגעגאָסען, און וואָס האָבען זיך איהר געדאַכט, ווי ער זאָגט איהר צו אייביג בלייבען דער יוסילע, דער אייגענער יוסילע, נישט פערגעסען קיינעם נישט פון זיינע ליעבע און געטרייע. צום סוף געהט אַוועק שוין באַלד אַ יאָהר צייט, און מע הערט ניט און מע זעהט ניט פון איהם, און פּלוצים — נאַ דיר אַזאַ מין ידיעה! יוסילע האָט גאָר חתונה געהאַט! און נאָך אַזוי חתונה געהאַט! גענומען איין אַלמנה, אַ גרושה — צוליעב געלד! און אָפּגעטהאָן דאָס בסוד, זיך בעגראָבען!... „גוואַלד, גוואַלד, יוסילע זאָל אַזעלכעס קאָנען טהון?!“ אסתר האָט דאָס נישט ארויסגעזאָגט קיינעם; זי איז געווען רוהיג, ווי תמיד, פערנומען מיט דער קראָם, אין זינען געהאַט די שטוב, שטיל, פיין. וואָס האָט זיך אָבער געטהאָן ביי איהר אין הארצען אינווייניג? — דאָס האָט נישט געקאָנט וויסען קיינער, אַזוי ווי ס'האָט ביי איהר קיינער נישט געוואוסט פון יענע זיסע גילדענע חלומות, אין וועלכע זי האָט פערבראַכט גאַנצע צוויי יאָהר. זינט יוסילע איז אָפּגעפאָהרען פון דער היים. מע קאָן זאָגען, אַז יענע צוויי יאָהר זענען געווען פאַר אסתר'ען אַ לאַנגער זיסער חלום; יוסילע'ס געשטאַלט איז פון איהר נישט אָפּגעטראָטען אויף קיין מינוט, און וואָס זי האָט נישט פערקלערט, און וואו זי האָט זיך ניט געווענדט, איז געווען נאָר יוסילע און יוסילע. ניט איין מאָל פלעגט זיך מאַכען, אַז זלאַטע האָט איהר בעמערקט, אַז זי איז עפּיס ניט אויף דער וועלט: „וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרען, — פלעגט זי מיט איהר טענה'ן, — וואָס דו ביזט געוואָרען אַזוי צעטראָגען? דו מעסט-

אַפּ דרייצעהן אַרשין און רעכענסט נאָכדעם צוועלף, און גדליה־מאיר דער צעלניקער הייסט בּיי דיר גאָר מאיר־גדליה, פאַרקערט דאָס שלים־מזל?" איין אַנדער מאָל פלעגט אסתר, זיצענדיג איבּער איין אַרבּייט נעבּען דער קראָם אויף אַ בּענקעלע, פאַרטראַכטען זיך און צעזינגען זיך תחילת גאַנץ שטיל, און וואָס ווייטער — אַלץ העכער און שטאַרקער, נאָכמאַכענדיג ווי יאסילע זינגט, און גאָר נישט בּעמערקענדיג, אַז דאָ ניט ווייט זיצען מאַנספּילען... די מחשבות פלעגען זי פערטראָגען אמאָל גאַנץ ווייט אַהין, וואו יאסילע געפינט זיך, און דאָרט אינאיינעם מיט איהם האָט זי זיך אויך געפונען, געקוקט אויף איהם און געהערט זיין זיס קול, זיין געטליך זינגען, פּונקט ווי יענעם שבת בּייטאָג בּיי שמואליק דעם חזן אין שטוב. און אמאָל פלעגט זיך איהר אויסווייזען, אַז אָט קומט מען איהר אָנזאָגען אַ בּשורה: „אסתר, דו ווייסט, ווער ס'איז געקומען? יאסילע שמואליק'ס, יאסילע סאָלאָווייי איז געקומען!" און איין אַנדערס מאָל פלעגט איהר דורכפליהען אין קאָפּ אויך אַ שלעכטע מחשבה; עס געהט־דורך אַ חמאַרע פאַרבּיי דער זון און פערשטעלט אויף אַ מינוט איהר ליכטיגע שיין — אסתר'ס געדאַנקען בּעקומען איין אַנדער מין מראה, און זי הויבּט אָן צו זאָרגען, איבּערטראַכטען, אַרויס־לאָזענדיג אַ זיפץ פון'ם טיעפען, טיעפען האַרצען; נאָר די חמאַרע געהט אַוועק און די זון שיינט ווייטער מיט איהר חן. אַ שלעכטע מחשבה טרייבּט אסתר אַרויס פון'ם קאָפּ, און יענע ליכטיגע געדאַנקען קומען ווידער אָן, און דאָס האַרץ ריהרט זיך ווידער פון פרייד און פון נחת, און יענע זיסע חלומות קומען ווידער אָן, און עס וועבּען זיך איהר גילדענע פאַנטאַזיעס, און זי זינגט שוין ווידער אויף יאסילע'ס שטייגער. „וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרען, טאָכטער? — פלעגט איהר זלאַטע איבּער־שלאָגען די בּעסטע מחשבות אינמיטען. — וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס, איך פרעג דיך, אַוועקזעצען זיך דאָ אין מיטען דרויסען זינגען? און פאַר פרעמדע מענטשען נאָך!"... אסתר פלעגט זיך

אויפֿכאַפּען ווי פֿונ׳ם שלאָף און פֿרעגען פֿערוואונדערט: „זינגען? ווער זינגט דען?“...

דאָס לעצטע יאָהר, וואָס יוסילע האָט אויפֿגעהערט צו שרייבּען בּריעף, האָט אסתר, געוועהנליך, געהאַט יסורים דערפֿון; נאָר זי איז געווען אין איהם אַזוי פֿערגלויבּט, אַז זי האָט גאָר נישט צוגעלאָזט קיין שלעכטע מחשבה. זי האָט איהם אַליין בּיי זיך פֿערענטפֿערט: „אַ מענש פֿאָהרט אַרום כּסדר, איז נעבעך — וואָס איז דאָס חידוש?“... און זי האָט געהאַפּט און געהאָפּט. פּלוצים — נאַ דיר גאָר אַזאַ שלאַק! דערויף האָט זיך אסתר גאָר ניט אָנגעהויבּען צו רעכטען. ווי אַ דונער האָט איהר די דאָזיגע ידיעה דערלאַנגט אין קאָפּ אַריין. זי האָט זיך ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ לאַנגען שלאָף און דערזעהן, אַז אַלע איהרע פֿרייד מיט׳ן גאַנצען גליק איהרס איז אַ חלום, אין וועלכען זי האָט פֿערבּראַכט צוויי יאָהר כּסדר, די בּעסטע צוויי יאָהר אין איהר לעבּען. זי איז מיט אַ מאָל געוואָהר געוואָרען פֿון אַזוי פֿיעל פֿאַלשקייט און שלעכטיגקייט אויף דער וועלט; זי האָט מיט אַ מאָל דערזעהען פֿאַר זיך אַזאַ מיאוס, בּיטער, פֿינסטער לעבּען! נאָר ווער האָט דאָס בּיי איהר געקאָנט וויסען? וועמענ׳ס עסק איז דאָס? ווער קוקט זיך אַרום אין מאַזעפּעווקע אויף איין אָרעם מיידעל, וואָס אָט איז זי געווען גליקליך ווי די גאַנצע וועלט, און אָט איז זי אַראָפּגעפֿאַלען פֿונ׳ם הימעל בּיז צו דער ערד? אסתר האָט זיך בּיינאַכט בּיי זיך אויפ׳ן געלעגער גוט אויסגעוויינט שטילערהייד, ניט איין מאָל, נאָר עטליכע מאָל, געשמאַק אויסגעוויינט. נאָר דאָס וויינען האָט איהר אָבּער נישט פֿערגרינגערט איהר בּיטער הארץ אפילו אויף קיין האָר. דען חוץ דעם, וואָס איהר מזל איז געווען אַזוי וויסט און פֿינסטער, האָט זיך אויף איהר גענומען אַ נייער אומגליק, אַ גאָט׳ס שטראָף, אַ מלאך־המות אויף איהרע יונגע יאָהרען. דער דאָזיגער מלאך־המות איז געווען — הנגיד רב אַלטער פּעסי׳ס!

XXII.

אלטער פעסי'ס זיצט איין אלמן, און רב קלמן שדכן לעגט-איין די וועלט.

אלטער פעסי'ס איז א פיינער בעל־הבית. ער האט זעהר א טייערע, א גרינגע פרנסה אין מאזעפעווקע: ער איז זיך א בעל־הלואה. נאר ער איז נישט גלייך צו אלע אנדערע פראצענטניקעס, וואס ווייסען ניט פון קיין לעבען צו זאגען. א מאזעפעווקער פראצענטניק געהט־ארום שטענדיג אין איין זארג. ער איז אין פחדים, טאמער וועט דער אדער יענער נישט אפגעבען, און שלאפט נישט קיין נעכט. ער ווערד מיט דער צייט א גרויסער מרה־שחורה'ניק. עס שטעלט זיך איהם אלץ פאר, אז יעדער מיינט ביי איהם אויסנארען, צונעמען, אוועקראבעווען, ירשה'נען איהם ביי זיין לעבען. עס דאכט זיך איהם אלץ, אז איטליכער שארפט אויף איהם די צייהן, — און וואס וועט זיין דער תכלית, אז עס וועלען איהם שוין אלע אנזעצען? עס קומט דאך איהם דעמאלט נאר נעמען א טארבע, חלילה, און געהן איבער די הייזער! אזעלכע געדאנקען ברענגען איהם, דעם מאזעפעווקער פראצענטניק, דערצו, אז ער מוז ווערען קארג, א נהרג על פחות משוה פרוטה, געהן קריעה־בליאה, נישט פערגינען זיך דאס שטיקעל ברויט, וואס ער עסט. נייז, אלטער איז נישט פון דעם מין. ער קען זיינע אידעלעך און ווייסט גאנץ גוט, אז ער קאן פון זיי ציהען זיין בעדערפעניש כסדר. חאטש ער ליגט ביי יעדען אין מויל און הינטער די אויגען מאכט מען פון איהם א תל, מע רופט איהם „עשו", „פיאווקע", „המן" און נאך אזעלכע צו־נעמענישען, — אבער אין די אויגען, נישקשה, גיט מען איהם אפ כבוד: „רב אלטער" רופט מען איהם! א ברירה האט מען?

ער האָט פאַרט די קלינגערס, און אַלע דאַרפען צו איהם אָנקומען. דערום לעבט זיך אַלטער אַ גוטען טאָג, קוקט אַריין אין טעפעל אַריין, דאָס עוף זאָל זיין זים און דאָס יאַיכעל פעט, און היט זיך אָפּ דאָס בייכעל זעהר גוט, נישט צולאָזענדיג זיך קיין יסורים פון קיין שום זאַך אויף דער וועלט. ווי דאָס ווערעמעל, אַז עס פערקלויבט זיך אינ׳ם בעסטען עפעל אַריין, ליגט דאָס זיך דאָרטען רוהיג, גאָר נישט אָנזיכטיג, זויגט און נאָגט די זאַפט פאַוואַלינקע, מיט ישוב־הדעת, זאָן ווייל גאָר נים וויסען, וואָס ווייטער, אויף יענער זייט עפעל, טהוט זיך, — פונקט אַזוי לעבט זיך אַלטער אויף זיין געשעפטעל אין מאַזעפעווקע, און וואָס געהט דאָס איהם אָן, וואָס יענער זאָגט, צי וואָס יענער רעדט דאָרטען, וויים איך וואָס? אויפ׳ן הימעל אַ יריד! אַבי איהם איז ווארעם... פערקעהרט, טאָמער וועט איהר איהם זאָגען מוסר: „רב אַלטער, איהר דאַרפט מיר אַוואַזשען, בלעבען, און וואָס וועט אייך שוין אַרויסקומען, אַז איהר וועט שוין ביי מיר אַרויסרייסען נאָך אַ האַלב קערבעל, משטיינס געזאָגט? איהר וועט שוין דאָ גליקליך ווערען? איהר האָט קאָרג, דאָס ווייב מיט די קינדער האָבען אייך באַזעצט?“ — וועט ער אייך אויסהערען גאַנץ קאַלטבלוטיג, און אויך קאַלטבלוטיג, מיט אַ שמייכעלע, ענטפערען: „כ׳קאָן נים, בנאמנות!“ און נאָכדעם מעגט איהר שוין רעדען, וויפיעל איהר ווילט. אָדער פרובט וועלען נעמען ביי איהם אַ נדבה מעהר מיט דריי גראָשען ווי ער גיט, וועט ער אייך נאָר ענטפערען אַזוי בנעימות, אַזוי איינגענעהם: „איך געב נישט מיין, בנאמנות!“ — איז דאָס הייליג, איהר מעגט שוין זיין זיכער. — אָט אַזאַ מין אידעל איז זיך אַלטער.

אַלטער פעסי׳ס איז אַ פיין, אויסגעפוצט אידעל, אַ געפּאַקטס, שוין אין די יאָהרען, נאָר מחמת ער איז זעהר געזונד און געלייטערט אויפ׳ן פנים, און אַ בערדעל האָט ער אַ קליינס, ווייזט ער אויס נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק. ער האָט אַ היבש בייכעל, פון אידיש בלוט — זאָגט מען; דאָס מיילכעל איז ביי איהם

צוגעפּגעצויגען, אײַנגעשנירעוועט, די ליפּען רויט און פעט און מסוגל צום זויגען, ווי בײַ אַ פּיאַווקעלע; די בעקעלעך זענען בײַ איהם תמיד רויטפאַרביג און אָנגעבלאָזען, ווי די פּאַמפּעשקעס. בכלל איז אַלטער אַ גאַנץ פיין אידעל, נאָר אויגען האָט אַלטער נישט קיין שענע: איין אויג האָט ער אַ גרויס און דאָס אַנדערע אַ ביסעל קלענער, און אָט מיט דעם קליינעם אויגעל, אַז ער טהוט אַ קוק אויף עמיצען, ווערד יענעם פערקיהלט אינווענינ. געהן געהט ער פּאַוואָלי, רעדט שטילערהייד, אַ ביסעל מיט אַ קוויטש, שטענדיג מיט אַ שמייכעלע. אַרום זיך האָט אַלטער ליעב צו געהן ריין, זויבער; דאָס זיידענע קאַשקעטעל, דאָס ליוסטרינענע קאַפּאָטקעלע און די גאַנצע הלבשה אויף איהם זיינגט, ס'איז תמיד שפּאָגעל־ניי, די שטיוועל גלאַנצען, קיין שפּריינקעלע לאָזט ער אויף זיך נישט פאַלען. תמיד איז ער פריי, שטענדיג צופריעדען מיט זיך, האָט קיינמאָל קיין עגמת־נפש נית. נאָכ'ן וואַרמעס שלאָפט ער זיך אויס און געהט אַרויס אַ ביסעל אין מאַרק אַריין, גלאָט אַזוי זיך, זעהען זיך מיט דעם און מיט יענעם; אַ ביסעל רעדען, נעמען אַ ציגאַר־טיטון בײַ יענעם. נעמען בײַ יענעם איז בײַ איהם דאָס חיות, און חאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז הינטער די אויגען רופט מען איהם דערפאַר „דבר־אחר“, נאָר ער האָט דערפון אויך קאַרג וואָס עגמת־נפש: „ס'אַ דאגה אַ ביסעל!“ — מאַכט ער מיט אַ שמייכעלע. אַז מע קומט צו איהם אין שטוב אַריין, נעמט ער צו איטליכען בעזונדער בסבר פנים יפות, מיט'ן שענסטען כבוד, ווייסט גאָר נישט, וואו יענעם אַנידערצוזעצען און קאַרגט נישט קיין גוטע, זיסע רעדעלעך קיינ־מאָל און קיינעם נישט. נאָר פון דעסטוועגען האָט מען איהם אין מאַזעפּעווקע נישט ליעב, מע קאָן איהם נים סובל זיין מיט אַלע זיינע זיסע נענג. האָבען האָט מען צו איהם, דאַכט זיך, גאָרנים. ער טשעפּעט נים קיין פליעג אויף דער וואַנד, פון דעסטוועגען האָט מען איהם פיינט אין שטאָדט ערגער, ווי דעם טוידט, אפנים, ער מוז זיי ליגען דאָרטען טיעף אין דער לעבער! נאָר אפשר

מיינט איהר, אז ער ווייסט דאָס ניט, צי עס אהרט איהם? עס זאָל דאָס איהם אפילו אָנהויבען צו אהרען! — אָט אזא מין אידעל איז זיך אַלטער.

„אַלטער פּעסי'ס" רופט מען איהם נאָך זיין מאמע פּעסי, עליה השלום: פּעסי איז געווען א בריה א אידינע, א גאַנץ פיינע, און אין די יונגע יאָהרען, זאָגט מען, איז זי געווען גאָר א פּאַרשוין, און דורך איהר שענקייט און בריה'שאַפט האָט מען גאָר נישט ארויסגעזעהען דעם מאַן איהרען, רב חיים־ישעיה'ן, וואָס איז כל ימיו געזעסען אין קלויז און געלערענט און גערדיענט גאָט. די שטוב האָט שוין געפיהרט פּעסי אַליין; איהר פּרנסה איז געווען א שענקעל. „עס, אזוי זיך, נישקשה, דאָס שטיקעל ברויט שלעפּט זיך", — האָט זי געזאָגט. און פון דעם „עס" האָט פּעסי אָנגעקלויבען א היבשע קאָפּיקע, אָבער טאַקי גאָר א היבשע, אזוי אז מיט דער צייט האָט זי זיך פּאַוואָלינקע אויסגעבויעט א שטוב, צוגעקויפט א פּאָר קלייטלעך, זיך דאָבּיוועט א ביסעל צירונג, פּערליהען עטליכע קערבּלעך אויך אמאָל, אז מע האָט ביי איהר שטארק געבעטען, און צום מיינסטען — גלחים; מיט גלחים האָט פּעסי ליעב געהאַט צו האנדלען: „א כפּרה — פּלעגט זי זאָגען — דריי אידען פאר איין גלח, להבדיל!"... מע האָט אפילו געשמועסט אין שטאָדט, אז... נאָר וואָס מע קאָן אין מאַזעפּעווקע אויסטראַכטען! „א בריה נפלאה אָט די פּעסי!" — האָט מען אויף איהר געזאָגט, קוקענדיג אויף רב חיים־ישעיה'ן, וועלכען ס'האָבען מקנא געווען א סך אידען. — „א גוטע בחור'טע, אייערע!" — האָבען חברה צו איהם געזאָגט אין קלויז. — „א גוטע בחור'טע, זי באַשטעהט אקעגען דריי מאַנסבּילען, אייער פלונית'טע"... רב חיים־ישעיה פּלעגט דערויף נישט ענטפערען גאָרנישט, נאָר א קוק טהון פון אויבען, אריבער די ברילען, אויפהויבענדיג די נעדיכטע ברעמען, ארויסלאָזען א זיפץ, זיך פּערטראַכטען, קראַצענדיג זיך מיט דער האנד אונטער'ן טלית־קטן, און זיך ווישרער נעמען צו דער גמרא. און אָט אזוי, זיצענדיג

אין קלויז, איז זיך רבֿ חיים־ישעיה אמאָל אַנשלאָפֿען געוואָרען אויף איבּיג שוין. קיינער האָט נישט געוואוסט די סיבה פון זיין אוועקשטאַרבען פּלוצים אין מיטען דרינען: „דאַכט זיך, געווען א געזונטער איד, א גבר, — פּלוצים נאָ דיר!" — „נו, מסתמא האָבען זיך איהם אויסגעלאָזט די יאָהרען, לאָז ער האָבען א ליכטיגען גן־עדן דאָרט — א וואוילער איד געווען, איין עהר־ליכער!" — אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטאָדט. און רבֿ חיים־ישעיה האָט געהאַט אַזא לויה, אַז פיעל מענשען האָבען זיך געוואונשען איבּער הונדערט און צוואַנציג יאָהר האָבען נישט קיין קלענערען כבוד. „אוי־וואַ, א וואוילער איד געווען, א שטילער זעהר און א גרויסער למדן!" — „ס'איז א סברא, אַז ער איז געווען א פּרוש"... — „יאָ א פּרוש, צי נים קיין פּרוש, איין עהרליכער איד, א כשר'ער איד איז ער געווען געוויס, האָטש נישט קיין איבּערגעשפּיצטער, לאָז ער מיר מוחל זיין"... אַט אַזעלכע שבחים האָט מען נאָכגעזאָגט רבֿ חיים־ישעיה'ן אין שטאָדט א קליינע צייט און מע האָט אין איהם גיך פערגעסען.

פּעסי איז זיך געבּליבּען ביי איהר פּרנסה, ווי פריהער, מיט איהרע גלחים גאָר נישקשה'דיג, נישט צו פערזינדיגען, און קיינער האָט נישט ארויסגעזעהען אויף איהר, אַז זי איז איין אלמנה, דאָס הייסט, זי האָט זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט, למשל, ווי איין אלמנה קלאָגט זיך אויף איהר ווייסט מזל, געוועהנליך. פּעסי איז זיך אָפּגעזעסען נאָך איהר מאַן זיין שבעה, זיינע שלשים האָט זי איהם אויך אָפּגעגעבּען, ווי ער האָט ביי איהר פערדיענט, זי האָט דאָס גאַנצע יאָהר געטראָגען א שווארצען פּאַרטוך, „קלאָג", ווי עס בעדאַרף צו זיין, און איז זיך געבליבען די אייגענע פּעסי, וואָס פריהער, האָבענדיג אין זינען נאָר דאָס געשעפט איהרס, די גלחים און, להבדיל, דאָס קינד, — אלטער זאָל לעבען. פּעסי איז געווען זעהר א געטרייע מוטער; אלטער איז ביי איהר געווען תמיד טייער, ווי דאָס שווארצאַפּעל פון'ם אויג. פון קינדווייז אָן ביז כמעט דער חתונה זיינער האָט ער זיך געהאַלטען ביי דער מאַמעס

פאַרטוך, און פּעסי האָט אויסגעהאָדעוועט אַלטערען אַזוי, אַז אַלע ווייבער האָבען איהר מקנא געווען: „זי האָט דאָס אויסגעפּאַשעט דעם בן איהרען, קיין בייז זאָל איהם ניט שאַדטען!“ אין איהם האָט פּעסי אַריינגעלעגט איגגאַנצען איהר ליעבשאַפט. „איין אויג אין קאָפּ — האָט פּעסי געזאָגט — און אָנגעקומען איז ער מיר געגוג שווער; כמעט פון העכער זיעבען יאָהר נאָך דער חתונה האָב איך קיין קינדער נישט געהאַט. איך האָב שוין געמיינט, אַז איך בין איין עקרה. וואו בין איך נישט אויסגעוועזען, ביז איך האָב זיך דערלעבט דאָס דאָזיגע? און מיט דעם איז שוין די ערד פאַרשלאָסען געוואָרען“. פּעסי האָט איהם ניט אָפּגעלאָזט פון זיך אויף קיין מינוט; צעהן מאָל א טאָג פלעגט זי קומען אין חדר אַריין, זעהען וואָס דאָס קינד מאַכט, ברענגען איהם אַלע מאָל איין אַנדער מין זאַך: איין עסענוואַרג, א נאַשעריי, אַ לאַקעטקע. אַלע יונגלעך פון חדר האָבען איהם מקנא געווען, געשלונגען די סלינע, זיך געוואונשען זיין אויף אַלטער'ס אָרט... שלאָגען אָדער שמייסען אַלטערוניון האָט דער רבי ניט געטאָרט בשום אופן; אַ פינגער אַז עמיצער האָט געפּרובט אויפ־הויבען אויף איהם, האָט פּעסי אויסגעריסען די אויגען יענעם. ווינטער אין די גרויסע פרעסט און זומער אין די גרויסע היצען האָט איהם פּעסי פון דער שטוב ניט אַרויסגעלאָזט: „די תורה, נישקשה, וועט נישט אַנטלויפען“ — האָט זי געזאָגט. צום לערנען האָט אַלטער געהאַט אָהן אַלעמען זעהר אַ פלאַטשיג קעפּעל, און קיין גרויסער מתמיד איז ער אויך ניט געווען. פּעסי האָט געוואוסט, אַז קיין רב וועט ער געוויס ניט זיין, און האָט אָבער דערפון ווינציג־וואָס יסורים געהאַט: „נו, מילא, וועט ער ניט זיין, ווי דער טאַטע זיינער“... — אַזוי האָט זי געזאָגט און האָט איהם צו זעכצעהן יאָהר אָפּגענומען פון'ם חדר, אויסגעהאַלטען געבען זיך אַ פּאָר יאָהר און דערנאָך חתונה געמאַכט צו מזל.

א ווייבעל האָט איהם פּעסי געגעבען זעהר איין אידעל קינד, אַ „רוחנית“; און ווי פּעסי איז געווען אַ גוטע מוטער, אַזוי איז

זי נאָך מעהר געווען א גוטע שוויעגער. פייגעל — אזוי האָט געהייסען אלטער'ס ווייב — איז ביי איהר געווען פעררעכענט פאר איין אייגען קינד, און פעסי איז אויסגעגאנגען נאָך איהרע טריט, נישט אפּגעלאָזט זי פונ'ם אויג אויף קיין מינוט: „פייגעלע, אפשר ווילסטו אָט־אַ־דאָס? טאָמער ווילסטו יענס?“ גוט ווי דער וועלט איז דאָרטען געווען פייגעלען, זי איז געווען גאָר גליקליך; אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט איהר גליק. ארום־און־ארום גוט קאָן גאָר ניט זיין: גאָט האָט פייגעלען געשטראָפט און האָט איהר נישט געגעבען קיין קינדער. אלטער האָט אזוי געגאַהרט א קינד, פעסי האָט אזוי געוואָלט איין איינִיקעל, א נחת פון אלטערען, אז מע האָט פייגעלען פעראומערט דאָס לעבען. פרייהער האָט זיך דאָס אָנגעהויבען פון א ווערטעל אויף צו כלומרשט, פארביי־גייענדיג, א זאָג גלאַט אזוי: „דו ביזט דאָך א בעזדיטניצע, פייגעל, וואָס האָט מען מיט דיר צו שמועסען?“ און נאָכדעם האָט אלטער אָנגעהויבען ביסלעכווייז זיך בלאָזען אויף פייגעלען, און פעסי פון איהר זייט האָט זי אָנגעהויבען אונטערטרייבען, זי זאָל פּרובען דאָס און פּרובען יענס, פאָהרען אהער און פאָהרען אהין, טאָמער וועט פאָרט עפּיס העלפען... „איך האָב אליין, טאָכטער מיינע, א צייט קיין קינדער נישט געהאָט, — האָט מיט איהר פעסי גע'טענה'ט, — און אז איך האָב דערזעהען, אז ס'איז שלעכט, האָב איך אודאי געטהאָן כל המיטלען; איך בין געווען וואו דו ווילסט: אי ביי'ם טאָטער, אי ביי'ם רבי'ן, להבדיל, אי ביי יענער גוי'ע, וואָס איך זאָג דיר, און האָב איין די עטליכע יאָהר אויסגעטרונקען קרייטער — טאַטעניו! וואָס דען? אזוי איז גוט? וואָס איז א אידינע, משטיינס געזאָגט, אז זי האָט ניט קיין קינדער? אז מע האָט קינדער, האָט דער מאָן אויך ליעב. און אז ניט, חלילה, פאַרדרעהט ער מיט דער נאָז, אָדער ער טהוט גאָר א שפּיי“... ווייטער־ווייטער האָט פעסי געאַרבייט אלץ מעהר, זי האָט איינגעלעגט די וועלט, אויף יעדען טריט פערצאַפּט פייגעלען דאָס בלוט. „וואָס טויג זי דיר, די סאָמע ציעג? —

האָט פּעסי גע׳טענה׳ט מיט אַלטערען. — גט זי אַפּ און פּטר איין עסק!" פייגעל האָט דאָס אַלץ געהערט, און עס האָט זי גוט געקרענקט. נאָר זי האָט געטראָגען די צרות אינוועניג, טיעף אין הארצען בעהאַלטען. זי האָט אָנגעהויבען צו קרענקען, קורירען זיך, טרינקען קרייטער און פלעשלעך מיט פּראָשקעס, אַזוי לאַנג, ביז זי איז געשטאָרבען.

פּעסי׳ן איז ניט בעשערט געווען צו דערלעבען אַ נחת פון איהר קינד. מע האָט אַפילו אַלטערען גערעדט שידוכים אַ סך, עס האָט זיך אַלץ געבונדען און געבונדען. עס האָט זיך אָבער גאָרנישט אויסגעבונדען. עפּיס האָט אַלטער קיין גליק נישט געהאַט צו שידוכים, און איז אַזוי אָפּגעזעסען איין אַלמן אַ היבשע צייט. פּעסי האָט זיך שוין איבערגעפּעקעלט אויף יענער וועלט, און אַלטער זיצט אַלץ איין אַלמן. נאָר עס זאָל איהם טאַקי שטארק אהרען, וואָס ער זיצט אליין — ניין! עס זאָל זיך מאַכען אַ רעכטער שידוך — מהיכי־תיתי, פאַר וואָס ניט? נאָר יאָגען זיך, לויפען נאָך דעם — עט, נישט כדאי!... רב קלמן שדכן שווייגט אין דעם אפילו נישט און טהוט זיך זיין זאַך גאַנץ זעסט: ער שרייבט בריוולעך, רייסט־איין די וועלט און תּאַלט אָפּט אריין צו אַלטערען מיט אַ גוואלד:

— ביז וואַנעט איז דער שיעור ביז וואנעט, רב אַלטער, צו מוטשען? עס מוז דאָך האָבען איין עק מוז דאָך עס!

— האָסט טאַקי, אַפּנים, קיין צייט ניט, חוזק איינער! — מאַכט צו איהם אַלטער מיט אַ שמייכעלע, ווי זיין שטייגער איז.

— ניט זשע מיר האָטש עטליכע גראָשען גיט מיר דערווייל, רב אַלטער!

— גראָשענס? פּע!

— אויף הוצאות, רב אַלטער, אויף הוצאות!

— ווייס איך נו! — ענטפערט איהם רב אלטער און מעהר ענטפערט ער איהם שוין היינטיגס מאל קיין ווארט ניט.

אט אזא מין אידעל איז זיך אלטער פעסי׳ס.

XXIII.

אלטער איז גראד קיין נאר ניט, און די מוהמע יענטעל לעגט זיך אריין אין געשעפט.

אלסדינג איז ביז א צייט. עס האט זיך איינמאל געטראפען אזא מעשה: אלטער האט זיך פערשפארט מיט רב קלמן שרכן ביי זיך, דארט אין יענעם חדר׳על, וואו דער קאסטען שטעהט, — דער ארט, וואס אלטער פלעגט תמיד בענוצען אויף צו רעדען מיט עמיצען א סוד־זאך, און האט דארט מיט איהם עפיס לאנג געשמועסט, מחמת אז רב קלמן איז פון דארטען ארויסגעגאנגען, איז ער געוועזן אויפ׳ן פנים רויטליך און האט אלץ געסמארעט מיט דער נאז, צושאקלענדיג מיט׳ן קאפ און רעדענדיג צו זיך אליין: „פיין, פיין“... און דאס איבעריגע, וואס ער האט דארטען אונטערגעברומקעט, ווייסט מען ניט. רב קלמן האט צעלאזט די פאלעס און איז באלד אוועק צו זלאטע׳ס שוועסטער, צו יענטלען. מיט איהר האט זיך רב קלמן גע׳סוד׳עט א היבשע צייט, סמארענדיג מיט דער נאז און הוסטענדיג, ווי א מענש, וואס וויל עפיס זאגען. יענטעל איז געשטאנען די גאנצע צייט אינ־מיטען שטוב, האלטענדיג דעם קאפ אויף דער האנד, און האט אלץ צוגעהערט, ווי רב קלמן לעפעטשעט מיט דער צונג, רעדענדיג האלבע ווערטער. און אז ער האט זיך שוין אויסגעקוועטשט אינ־גאנצען, האט זיך פלוצים יענטעל א פאטש געטהאן מיטביידע הענד איבער די ליטקעס, אויסשרייענדיג אויף א קול מיט אזא

כעס, אז רב קלמן האָט אין גרויס ציטערניש געמאַכט אַ היבשען „בואי־בשלום" צוריק.

— צי איהר זענט משוגע, צי חסר־דעה, צי גלאַט אַזוי פונ'ם זינען? — האָט יענטעל געשאָטען אויף איהם מיט פייער. — וואָס ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און פאַראיאָהרען ווינטער, זאָל פאַלען אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! גוט צונויפגעפּאָרט! איך האָב אַלץ געמיינט, איהר שמועסט מכח זלאַטען, צום סוף זענט איהר גאָר פאַרקראַכען, אַהאַ! ווי זאָגט ער: „קורץ געטראַכט און גוט געמאַכט!" ער איז גאָר קיין נאַר נים, אייער אַלטער, אַפּנים? ווייס איך וואָס! משוגע מיינע שונאים? אַזאַ יונגס, אַ פּיסקליאַ, בלוט און מילך! גוט צונויפ־געפּאָרט — דעם זומער מיט'ן ווינטער! אַזאַ פאַרשווין צו אַזאַ אַלטען כלב, אַ רעטאַך, זייט מיר מוחל, אַ רעטאַך!

— אַ רעטאַך, זאָגסט דו, יענטעל, אַ רעטאַך? אָבער אַ זאַפטיגער רעטאַך, אַ פעטער, אַ געפּאַקטער, זאָג איך דיר, אָנ־געשטאָפּט מיט געלט! לאָמיך האָבען אַזאַ יאָהר לאָמיך, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז פאַר דיין זלאַטקען איז דאָס. לאַ־די וואָס איך וויל איהר געבען אַ זאַך, ווי זאָגט מען, אַ שמאַלץ־גרוב, גליקליך מאַכען, איז זי נאָך ברוגז זי! דו וויכסט נים, ווי דו ווילסט זיך! איך האָב מיר מיינס אָפּגעזאָגט איך, און די ברירה איז ביי דיר די ברירה.

—אַ שמאַלץ־גרוב? — זאָגט יענטעל שוין אַ ביסעל ווייכער. — דאָס שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלייבט איבער. איך האָב מיך אויך געראָדעוועט אויף אַ שמאַלץ־גרוב, ווי איהר ווייסט דאָך, ווי זאָגט ער: חאַטע פּאָקרישקע... נאָר גאָרנים, איהר ווילט, איך זאָל רעדען מיט מיין שוועסטער, וועל איך רעדען, אַ וואָרט איז נים קיין פּאַטש. נאָר איך זאָג אייך פריהער, רב קלמן, עס וועט נישט געהן. אסתר איז איין אַנדער מין קינד, נישט גלייך צו אַנדערע היגע מיידלעך.

— ניין איז ניין. וואס איז? מען נויט דען דא עמיצען חלילה פון קהל נויט מען דא? א מײדעל איז א האנדטוך: יעדער ווישט זיך יעדערער. און וואס איז אסתר וואס? א נקבה. נא דיר א גראשען נא דיר. געוועהנליך, אז דו וועסט זיך ארײנ־לעגען, וועט מסתמא זײן רעכט מסתמא.

— יא, — זאגט יענטעל, בעקלערענדיג דאס געשעפט פון אלע זייטען, — ווי מײנט איהר אבער, פון זײן זײט וועט נישט זײן קײן שום מניעה?

— פון אלטער׳ס שמועסט דו? — זאגט רב קלמן, צו־טרעטענדיג נעהענטער צו יענטלען. — א שענע מעשה, כלעבען! יענער געהט אויס, חלש׳ט, זאגט זי גאר א מניעה, זאגט זי!

— ניט דאס מײן איך דאך. — זאגט יענטעל. — איך שמועס פון נדן שמועס איך. זלאטע, ווייסט איהר דאך, איז, צווישען אונז רעדענדיג, נישט אימשטאנד ארויסצונעמען אפילו קײן הונדערט קערבלעך נדן. גענוג, אז זי באדארף היינטיגע צייטען חתונה מאכען א טאכטער און האט ניט מיט וואס נעבאך. ווי זאגט מען: „עס איז גרינגער אויפצוהויבען א שיכור אײדער א קבצן".

— ווײס איך וואס דו רעדסט, יענטעל, וואס. אלטער שטעהט טאקי אין דײן זלאטע׳ס געלט שטעהט ער? ניטא ווער ס׳זאל לאכען, כלעבען, ניטא!

— אויב אזוי — זאגט יענטעל, ארײנלעגענדיג א פינגער אין מויל, און פערטראכט זיך — אויב אזוי, וועלען מיר זעהען. מע באדארף זיך פרובען: אז מע זאן ניט אריבער, מוז מען ארונטער.

— ממה־נפשך, יא — יא, ניין — ניין! — זאגט רב קלמן, צענעמענדיג מיט בײדע הענד און ארײנבוי־ענדיג דעם קאפ. — נאר אודאי ווען דו ווילסט נאר דו, וועט דאס געוויס געהן, גאר ניטא וואס צו רעדען. די צונג פיקען דארף מען דיר ניט, ברוך־

השם. מע באדארף זיך נאר אנטהון א ביסעל א כח, און דער עיקר — נישט לאזען אפקיהלען דאס, ווי זאגט ער... א גוטען!

— א גוטען! — ענטפערט יענטעל. — איך וועל מיך נאך איבערלעגען מיט מיין ביינישען, וועלען מיר הערען, וואס וועט עפּיס בייניש זאגען דערויף: איין צווייען איז שטארקער.

— אויך רעכט! — ענטפערט רב קלמן. — אויב דו ווילסט זיך איבערלעגען מיט איהם, איז ווי דו פארשטעהסט ווי. פארט א מאן, ווי זאגט ער... א גוטען!

— א גוטען! זעהט זשע, רב קלמן, חאפּט זיך נאר ניט ארויס מיט קיין ווארט פאר דער צייט, ניט פאר זלאטען, ניט פאר מיין ביינישען. עס זאל ניט אויסקומען א סך זמירות — ווינציג לאקשען, איהר פארשטעהט?

— פיין, פיין! — זאגט רב קלמן און געהט אוועק פון יענטלען זעהר צופריעדען, דערענדיג צו זיך אליין דעם גאנצען וועג.

דאס איז אבער געווען פון יענטעל׳ס זייט נאר א תנועה׳לע פון א דיפּלאמאט. עס האט איהר אזוי געפּאסט צו זאגען, אז זי בעדארף איבעררעדען וועגען דעם מיט איהר ביינישען. אין אמת רעדענדיג, האט זי דאס גאר ניט געטארט מגלה זיין פאר איהם. ביניש האט איהר נאר געקאנט קאלי מאכען, ניט פערריכטען. ביניש איז געווען אזא מין סארט יונגערמאן, וואס האט זיך אמאל גערעכענט פאר א שטיקעל משכיל אין מאזעפּעווקע. אליין איז ער געווען א קאשפּערעווער, פון דער גרויסער שטאדט קאשפּערעווו, און איהם האט דאס בתיה געקריגען, ווי איין אנטיקעל, פאר איהר קלענערער טאכטער יענטעל. חתנ׳ווייז האט ביניש גע׳שמ׳ט פאר א צאצקע, א יונגעל פון לערנען; נאר נאך דער חתונה האט ער זיך ארויסבעוויזען ניט אזוי פיין: ער האט דאס לערנען פערבויגען און האט זיך אפּגעגעבען צו אנדערע מינים לערנעכצען: צו ביכלעך גאר. נאר מען איז פון דעם בעצייטענס געוואהר געווארען און מע האט איהם פון די ביכלעך

אפגעריסען. בתיה האט געגוג געארבייט; זי האט איהם געוואלט נאר „ט'ען און גענוג: זי דארף נים אזא סחורה. זי האט זיך פערנארט אינ'ם „פרעדמעט" — האט זי אלע גע'טענה'ט, ארויס־רופענדיג פון קאשפערעוו ביניש'עס עלטערען, און צוזאמען מיט זיי האט מען אזוי לאנג געארבייט, ביז מע האט ביינישען פארט געשטעלט אויף די פיס און געמאכט איהם פאר א מענשען, גלייך מיט אלע אנדערע מאזעפעוועקער יונגעלייט. פון דער צייט אן איז ביניש געווארען א סוחר און האט שוין מעהר קיין ביכעל נישט אנגעקוקט אין די אויגען. דערויף איז יענטעל אויך געוועזען א גוטער קאזאק און האט מיט איהם געלערענט בלק, — ער זאל וויסען, וואס א ווייב בעדייט, און געדענקען, אז א ווייב בעדארף מען פאלגען. אין הארצען אבער איז ביניש פערבליבען א משכיל; ער האט ליעב געהאט משכילים, ווי דאס לעבען, און האט נישט געקאנט אנקוקען די אלע מאזעפעוועקער לייט, ובפרט אט איענע שענע אידען, די פראצענטניקעס, וואס געהען־ארום מיט די שטעקעלעך איבער'ן מארק, עסען און טאטשען דעם ארעמאן, ווי די ווערעם, זויגען־ארויס ביי'ם בעל־מלאכה דאס דם־התמצית.

— אוי, האב איך זיי פיינט! — פלעגט ביניש זאגען אויף זיי. — איין גאט ווייסט וואויל דעם אמת! איך וואלט זיי אויפ־געהאנגען אלע אויף איין שטריקעל, און פריהער פון אלעמען — אט איענעם פעמפיק, רב אלטערען, איינגעזוונקען זאל ער ווערען!

— וואס האט ער אזעלכם געטהאן? קוק איהם אן אביסעל, ווי ער האט זיך צעפלאקערט! — פלעגט איהם יענטעל לעשען דאס פייער. — זיי נאר ביי זיך נים אזוי גייציג, ביניש! עס וועט קומען א צייט, וועסט דו אליין באדארפען אנקומען צו אלטער'ם לאסקע, וועלען מיר הערען, וואס דו וועסט דעמאלט זאגען! ווי זאגט ער: „פליה נישט צו הויך, בכדי דו זאלסט נישט באדארפען דערנאך אראפפאלען"...

יענטעל, אוי, האט געטראפען! אז ביניש איז שפעטער מיט דער צייט געווארען א סוחר, האט ער געמוזט אנקומען צו

אלטערען נאך א הלואה, און פון דעמאלט אן האט ער איהם נאך מעהר פיינט געקריגען. אז מע האט גערעדט פון אלטערען, האט ביינוש געציטערט פאר כעס. יענטלען איז די מעשה זעהר געפעלען, און זי פלעגט דוקא אפטליך, בפרט נאך רב קלמנ׳ס וויזיט, רעדען פון אלטערען און וועגען זיין רייכקייט, ווארפענדיג שטעכווערטלעך ביינישען אין בוזעם אריין.

— און דוקא אהן ספרים און אהן ביכלעך! — פלעגט יענטעל זאגען, געבענדיג איהם ,יערמיט אנצוהערען, אז זי פערשטעהט אויך איין עסק.

— אבער איך בעט דיך, — פלעגט ביינוש זאגען, — רעד ניט מיט מיר פון אט דעם המן, דעם צורר־היהודים! איך קאן זיין נאמען ניט הערען!

— טאמער ווייסט דו, וואס האט ער זיך געטהאן אזעלכעס! — פלעגט איהם יענטעל ענטפערען, פערדרעהענדיג דאס פיסקעל אויף א זייט. — באשר ער איז רייך, ווּעמעס עסק איז דאס? א סך וואלטען געקאנט רייך זיין, ווי אלטער, ווען זיי זאלען שכל האבען, אזוי ווי ער... פריצענט, נארעלע, וואכסט אהן רעגען...

— אבער אז איך בעט דיך, יענטעל, דערמאן מיר ניט זיין טרפה׳נעם נאמען! טהו מיר צוליעב און דערמאן מיר איהם ניט!

— קוק איהם אן א ביסעל, ווי דער כהן האט זיך אין איהם צערעדט! ער האט זיך דאס א ביסעל צעשריגען, גלייך ווי מע ווערד פון איהם גליקליך. וואס האסט דו מיך דא חושד צו זיין? עס שמועסט זיך וועגען אלטערען, זאג איך, אז ער איז גאר ניט אזוי, ווי מע מאכט. איטליכער מענטש האט שונאים, ווי זאגט מען א ווערטעל...

— וואס טויג מיר דיינע ווערטלעך? זאג מיר בעסער, יענטעל, וואס האסט דו זיך עפים פלוצים אזוי צערעדט פון אלטערען? עפים מוז דא זיין, ס׳איז עפים ניט גלאטיג.

— א משל! דאָס איז יאָ ווי מע זאָגט, אַז ציבעלע איז ציבולי איז קנאָבעל קנאָבולי. אַ שטומער וואָלט דאָס ניט אויס־גערעדט אין קיין יאָהר, וואָס דו אין אַ מינוט.

— ניין, יענטעל, איך קען דיך שוין אַ ביסעל; מסתמא איז דאָס נישט אומזיסט.

— ווייסט דו וואָס, ביינישׂ? אַט ווער בעסער גאָר אנשוויגען. ווי זאָגט ער: ווינציגער גערעדט און מעהר געמיינט. איין אָכס, פארשטעהסט דו מיך, האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן, זאָגט מען, קיין שופר ניט בלאָזען... אָט דאָס איז מיט דיר אויך. טאָמער וואָלט מען יאָ געקאָנט אמאָל מיט דיר אויספיהרען אַ זאַך, קומסט דו מיט דיינע אויבערקעפלעך באַלד. ס'האָט זיך אָפגעזוכט אַ חכם — ביינישׂ! אָדם אַ מענטש — קאַטשקע רוק זיך... געה שוין, געה, לאָמיך דיך חאָטש ניט אָנקוקען פאַר די אויגען!

אַ מין הצלחה! ביינישׂ האָט ליעב זיין ווייב, און דוקא דעמאָלט, ווען זי זידעלט איהם גוט אויס און שעלט איהם דורך, ווערד ער ווייך ווי טייג און לאָזט זיך קנעטען. און יענטעל קנעט איהם, מאַכט מיט איהם, וואָס זי וויל:

— הערסט דו, ביינישׂ, מע בעט פון דיר נאָר איין זאַך: זאָלסט הערען און זעהען און שווייגען, וואָרום קאָלי מאַכען קאָן אַ קאַץ אויך...

XXIV.

זי אַרבייט ווי עס געהער צו זיין, און אַלטער ווערד גוט חוץ לדרך הטבע.

אריינמישען זיך אין יענעמ'ס געשעפטען, זאָגען אַ דעה דאָרט, וואו מע פרעגט איהם ניט, געבען איין עצה, ווען מע בעט איהם ניט, קוקען, נאָכשפּירען, זעהען, וואָס ביי יענעם אין טעפעל קאָכט

זיך, וכדומה, — דאָס האָט ליעב יעדער איד; אריינמישען זיך אָבער אין אזעלכע ענינים, וואָס זענען נוגע אינ׳ם נפש, טראָגען אויפ׳ן קאָפּ דעמ׳ס יונגעל און יענעמ׳ס מיידעל, געפינען פאר איטליכען זיין גליכען, מזווג זיווגים זיין, רעדען א שידוך — דערויף, זעהט איהר, זענען נאָר די מאָזעפּעווקער גרויסע בריה׳ס, איינע אין דער וועלט. איטליכער איד איז דאָרטען א שדכן — ניט צוליעב דאָס שדכנות־געלד חלילה; שדכנות־געלד אַז עס מאכט זיך — מהיכי־תיתי, ווער ווארפט דאָס ארויס א זייטיג קערבעל? עס זענען אָבער דאָ א סך אזעלכע, וואָס קלערען אפילו ניט פון רח״ש, זיי טהוען דאָס בפירוש לשם־שמים: מע דערזעהט א בחור מיט א בתולה, איין אלמן מיט איין אלמנה, א גרוש מיט א גרושה, — פאַלט תיכף אריין אין קאָפּ א געדאַנק: „איי וואָלט דאָס געווען גליך! כלעבען, א גלייכער שידוך“... און מע הויבט אָן באַלד צו ארבייטען אין געשעפט, טאָקי פון יענעמ׳ס טובה וועגען: דער אלמן פּאַסט צו יענעם מיידעל, יענער בחור, נישקשה, מעג נעמען די גרושה, און דער גרוש איז פּשוט אָנגעמאָסטען פאר יענער אלמנה. מע פוילט זיך ניט ביי אזעלכע עסקים, מע פערבויגט אלע געשעפטען און מע גיט זיך אָפּ, מע לעגט זיך אריין, און מע טהוט אלע מעג־ליכקייטען, אז דער שידוך זאָל זיין א שידוך, גליך ווי עס איז זיי נוגע אין לעבען אָדער אין פּרנסה. זיי קאָנען ניט ליידען, עס שלאָגט זיי צו דער גאַל, אז זיי זעהען איין אלטען בחור, אָדער א דערוואַכסען מיידעל: „ביז וואַנען — זאָגען זיי — איז דער שיעור צו זיצען, טאָקי ביז דעם גרויען צאָפּ?“ ערגער פון אלם־דינג איז ביי זיי, אז א מיידעל פערזיצט; מע שעמט זיך מיט איהר צווישען לייטען; מאַנסבילען האַלטען זיך מיט איהר פריי, ווי מיט א זכר, ווייבער קוקען אויף איהר, ווי אויף איבער־געוואַכסענעם חריין, עס קומט עפּיס אוים זעהר פּריקרע — מע פערדרעהט די נאָז. אלע האָבען אויף איהר רחמנות, און ס׳איז א גרויסע מצוה פאר גאָט זי צו פערשלייערען.

— מעגסט דיר זיין ברוגז, זלאטע, נאר דעם אמת אין א זייט קאן מען ניט אוועקלעגען. ווי זאגט ער: „זא פראוודו ביוט". איך בין איין עלטערע שוועסטער, מעג איך דיר זאגען אלץ, וואס אויפ'ן הארצען ביי מיר. דיין אסתר איז אודאי א וואוילע, א טייערע און איין עהרליכע, אויף מיר אזא יאהר; לאמיך האבען אזא דאגה מיט פרנסה, ווי דו האסט א דאגה מיט א שידוך; פון דעסטוועגען דארפסט דו נישט פארגעסען, אז זי הייסט שוין ניט קיין יונג מיידעל, דו אין איהרע יאהרען האסט שוין געהאט צוויי צי דריי קינדערלעך... לאמיך האבען אזא לעבען, וואס פאר א שענעם נאמען זי האט אין שטאדט; נאר אודאי, אז איך הער, מע זאגט אויף דיין טאכטער: „אן געהט זי, די אלטע מויד", — שטעכט דאס מיך געוויס אין דער זיעבעטער ריפ. וואס האט מען דא צו קלערען? ווי זאגט ער: „אהרען אהרט דאס מיך ניט, נאר סע בראט מיך, און סע ברענט מיך"...

אזוי האט איינגע'טענה'ט מיט זלאטען איהר עלטערע שוועסטער, בריינע די קאראלניצע, א גראבע פונדאמענטאלע אידינע, מיט א קול פון א מאנסביל, מיט א קאראווע פנים און מיט שווארצע וואנסים אויף דער אויבערשטער ליפ; אין שטאדט האט זי גע'שמ'ט פאר א גרויסען בר־דעת, איין עהרליכע, א פרומע אידינע און זעהר א צוגעלאזטע צו ארעמע לייט. פאר וועלכע זי פלעגט אפט זיין א שתדלן, דאס הייסט, נעמען א פאטשיילע און ארומגעהן מיט נאך א אידינע צונויפנעמען נדבות, פאר ארעמע קימפעטארינס, אויף הכנסת־כלה, אויף לחם־אביונים וכדומה. מע קאן ניט זאגען, אז אין שטאדט האט מען זי שטארק ליעב געהאט, מחמת זי פלעגט זעהר דעקוטשען מיט איהרע אפטע נדבות קלויבען. „אן געהט זי שוין, די גבאי'טע מיט דער פאטשיילע", — פלעגט מען זאגען, בעמערקענדיג זי פון דער ווייטענס. איהר מאן, משה־אברהם זאליאזניע, האט זיך געהאט זיין געשעפט — אייזען, און בריינע, וואס איז אויסגעוואכסען ביי בתיה דער

האַרמאָוניצע, האָט נישט געקאָנט זיצען לעדיג אָהן אַ שום בעשעפטיגונג, דעריבער האָט זי זיך אונטערגעהאַנדעלט אויף איהר געלד מיט קאַרעלען. איהר מאַן האָט אפילו פון איהרע געשעפטען ווינציג־וואָס הנאה געהאַט, מחמת דאָס גאַנצע דאָבערע־מזל פלעגט פיי איהר אַריינקומען אין די אָרעמע לייט אַריין, די אָרעמע קימפעטאָרינס מיט די אָרעמע כלות, וואָס זי פלעגט חתונה מאַכען. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט דערצו העלפען? בתיה'ס טעכטער האָבען פיינט געהאַט, אַז דער מאַן זאָל זיי זאָגען דעות. ביי זלאַטען האָבען ברײנע'ס רעד געהאַט אַ גרויסען ווערטה.

— וואָס זשע זאָל איך טהון, איין אַלמנה מיט ברעקלעך קינדער יתומים? — האָט זי זלאַטע געפרעגט. — וואָס קאָן איך טהון דערצו, אַז עס מאַכט זיך פּאַרט נישט איהר גלייכען? מיט גוואַלד קאָן איך דאָך נים נעמען, אַז עס קומט נים אַליין. עס איז מיר, מאָהל דיר, געגוג ביטער און פינסטער, אַז איך טהו אַ קוק אויף אסתר'ען, קיין עין־הרע... — פאַר גרויס עגמת־נפש האָט זיך זלאַטע צעוויינט, און ברײנע האָט איהר אויסגערעדט דאָס האַרץ, ווי ווייט זי האָט געקאָנט, געדרונגען איהר פערקערט, אַז אסתר איז גאָר נים אַזאַ „פערסטאַרעץ“, וואָס מע בעדאַרף זיך דאָ אַזוי שלאָגען. אַז עס וועט קומען די צייט, וועט איהר זיווג קומען, טרעפען אַליין דעם אָרט, וואָרום קיין סך אסתרס איז נישטאָ דאָ אין שטאָדט. וואָס זאָל מען זיך דאָ נאַרען? גאָט קאָן העלפען, אַז ער וויל נאָר. „וועסט נאָך, אם־ירצה־שם, האָבען אין איהר גרויס נחת“...

ניט אַזוי אָבער האָט זיך בעגאַנגען זלאַטע'ס יונגערע שוועס־טער, יענטעל; זי האָט זיך גענומען צום עסק גאַנץ געטריי, גאָר אויף אַנדערע כלים. זי האָט געקאָנט זיך אַריינלעגען אין אַזאַ ענין, ווי עס געהער צו זיין, און צייט האָט זי געהאַט דערויף געגוג. יענטעל איז געווען אַ היימיש ווייבעל, דאָס הייסט, נישט קיין כאַרק־אידינע, ווי ברײנע אָדער זלאַטע. זי איז געווען די יונגסטע

פון אלע דריי טעכטער ביי בתיה דער האַרטאַוואָניצע, די מיזינקע, און איז אויפגעצויגען געוואָרען ביי בתיה'ן שוין אויף די עלטערע יאָהרען, ווען יענע האָט שוין נישט געקאָנט אזוי זיך אָפּגעבען מיט איהר טאָכטער און זי מאכען פאר א מענשען, ווי די עלטערע טעכטער. דערצו איז יענטעל פון תמיד אָן געווען א פוילע; זי האָט ליעב געהאַט פרעמדע בענק מיט פרעמדע געשעפטען, און איבערהויפּט — אזעלכע ענינים, וואָס געהערען זיך אָן צו חתן־כלה, מאַן און ווייב, שוועסטער און ברודער. דאָרט האָט יענטעל שטאַרק ליעב געהאַט אריינצושטעקען א נאָז, אריינוואַרפען א וואָרט, פערקאָכען א חתונה, און נאָכדעם, אז יענע האָבען זיך שוין גוט געריסען פאר די שלייערס, פלעגט זיך יענטעל שטעהן פון דערווייטענס, שטיל, פיין, גאָט די נשמה שולדיג. עס פער־שטעהט זיך, אז דאָרט, וואו מע האָט זי געקענט — און געקענט האָט מען זי אומעטום, ווי א בייזען שילינגער! — האָט מען זיך שוין געהיט פאר איהר. אז צוויי ווייבער האָבען געזעצט אין מאַרק און יענטעל איז אָנגעקומען, איז מען באַלד אנשווייגען געוואָרען: „שאַ, אָן געהט דער ניטגוטער, האַטע פּאָקרישקע"... אפילו צווישען איהרע אייגענע שוועסטער האָט יענטעל פערקאָכט אזעלכעס, אז ברייגע מיט זלאַטען פלעגען זיין צווישען זיך ברוגז יאָהרענווייז. יענטעל האָט געהאַט אין זיך אזא כח, אז זי האָט דערצעהלט עפּיס א זאך, האָט מען איהר געמוזט גלויבען. איהר טאַלאַנט איז געלעגען בעהאַלטען אין איהר מויל, אין איהר מינע, אין איהרע אויגען. צייט האָט זי געהאַט גענוג, קיין קינדער האָבען זיך ביי איהר נישט געהאַלטען, מיט'ן געשעפט איז געווען פערנומען בייניש (ער איז געווען א מוכר־תבואה'ניק). און די מירען פון יעדער שטוב זענען געווען אָפען: פאָרט בתיה דער האָרטאַוואָניצעס א טאָכטער! קיין נאַר איז יענטעל נישט געווען. רב קלמן האָט געוואוסט, וועמען ער האָט אויסגעקליבען פאר זיין געשעפט מכח אַלטערען. יענטעל האָט אָנגעהויבען צו ארבייטען אינ'ם עסק אזוי בריה'ש, אזוי קונציג, אז זלאַטע, וואָס איז געווען

אויך ניט פון יענע. ווי מע זאָגט, וואָס געהען צעהן א גראָשען, האָט דאָ נישט ארויסגעזעהען קיין שום סימן פון א מאַשינע, פון איין אונטערפּיסעל. אדרבה, רעדענדיג מיט זלאַטען וועגען אַלטערען, האָט איהם יענטעל רק אויסגעלאַכט, געמאַכט חוזק פון איהם און פון זיין פּיהרען זיך.

— אויך מיר א לעבען! — האָט יענטעל געזאָגט, גלאַט אזוי בדרך־הליכה. — איינער אליין מיט די פיער ווענט! עסט און טרינקט און צעהלט דאָס געלט. רייך צרנ־אלדי שווארצע יאָהר, ממון־קורח. וואָס געהט איהם אָפּ? קאָפּוועהטיג, איך בעט דיך? ער זאָל זיין חאָטש א ביסעלע יונגער, וואָלט מען איהם געגעבען א כלה, חאָטש אפילו אָהן געלט.

— געטראָפען דעם אָרט! — ענטפערט איהר זלאַטע. — יענער וואָלט זיך אליין פאַרקויפט פאר געלט, זאָגט זי גאָר דאָס!

— האָסט א גרויסען טעות, זלאַטע. מיר האָט קלמן גע־שוואוירען אזוי, אז מע מעג גלויבען אפילו א הונט, אז ער זוכט א שידוך פון זיינעטוועגען, און דוקא פון געמיינעם גראד, ס׳הייסט פון בעל־הבתישען שטאנד, עס מעג זיין אָהן געלט, אבי דאָס קרן איז א קרן, וועט ער נאָך צוצאָהלען אין בייטעל אריין. איך זאָג דיר דעם אמת, זלאַטע, ווען איך האָב קינדער, ניט ווי נאָט האָט מיך געשטראָפט, און חאָטש א טאָכטער א היבשע, וואָלט איך קיין צוויי ווערטער נישט גערעדט. חאַפּט איהם דער וואַטענ־מאַכער, וואָס ער איז א דבר־אחר, אבי פאַרזאָרגט א קינד. עי, הערסט דו, זלאַטע, רוף מיך נאָר און געב מיר לעקאך...

אין אזעלכע שמועסען האָט יענטעל פערבראַכט מיט איהר שוועסטער גאַנץ אָפּטליך, נאָר תמיד אזוי קונציג ארויפגעקומען אויף אַלטערען, אז יענע האָט זיך בשום אופן נישט אָנגעשטויסען אויף יענטעל׳ס פּלאַן. איינמאָל האָט זיך זלאַטע נאָכדעם פאר איהר ארויסגעחאַפּט מיט א וואָרט און האָט זיך א זאָג געטהאָן:

— ווי מיינסט דו, יענטעל, אשטייגער, מיין אסתר זאָל איהם וועלען?

— ווייס איך וואָס? משוגע מיינע שונאים! — האָט איהר יענטעל געענטפערט. — וואָס איז? דיין אסתר איז דאָ די מיאוס'ע מויד, וואָס מע באַדאַרף זי פּטר'ען? ווייס איך וואָס, אַבי גערעדט!

— אַי, זאָג עס ניט, יענטעל! איין גאָט איז יודע דעם אמת, וואָס איך טראָג. ס'איז מיר גוט צו הערען, מאָהל דיר, די רעד, וואָס מע רעדט!

— וואָס זשע רעדט מען אַזעלכעס, וואָלט איך געוואָלט וויסען? — מאַכט יענטעל מיט אַ תמ'עוואַטער מינע.

— וואָס האָסט דו געוואָלט זאָל מען רעדען? ס'איז געגוג, אַז מע רעדט פון אסתר'ען, אַז זי איז שוין אַ דערוואַכסענע, קיין עין־הרע. מע זאָגט...

— מע זאָגט? מע רעדט? וואָס טויג מיר, זלאַטע, דער „מע“? מע — איז אַ ציעג! לאָזען זיי דיר רעדען פון פייער און פון וואַסער, אָט די אַלע, וואָס רעדען! לאָזען זיי בעסער אַ קוק טהון אויף זיך אַליין, און לאָז זיי נישט דאַרען דער קאָפּ פאַר יענעם! ניין, איך מיין טאַקי באמת, איך קאָן אַזוי ניט ליידען, אַז מע מישט זיך אריין אין יענעמ'ס געשעפטען, אַז איך וואָלט זיי נאָר צעריסען, אָט די אַלע וואָס רעדען! וואָס געהט זיי אָן, וואָס אסתר איז נאָך קיין כלה ניט? וואָס אַהרט דאָס זיי? פאַר וואָס אַהרט דאָס מיך ניט, אַז לאה־ציפּורה'ס טעכטערעל איז אָנגעשטאָפּט מיט יאָהרען, ווי אַ זאַק מיט פּאָלאָווע? פאַר וואָס זאָרג איך מיך ניט, וואָס מינצי'ס מויד שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך? פאַר וואָס רעד איך נישט פון בנצי דעם רויטענ'ס דריי טעכטער, וואָס זענען שוין לאַנג אריבער דעם פּריזיוו, און קיין משוגע'נער חתן וויל אפילו נישט אריינשמעקען

אהין? פאר וואס געה איך ניט ארום און שריי ניט אויף מלכה־העני'ס שנור, וואס האט פלוצים אראפגעווארפען דעם פאריק פונ'ם קאפ? וואס איז? באשר איהר מאן האט פארדיענט געלט? האסט מורא, ער וועט אודאי ניט אנזעצען? און גאלדע דער קאראלניצער'ס טאכטער האט זיך נישט געקושט יענע וואך מיט'ן משרת אויפ'ן יריד, אונטער דער סטאיקע? איך קאן עס נישט סובל זיין, עס ברענט מיך, עס טראגט מיך אונטער, אז איך הער, ווי מע באַרעדט יענעם און מע קוקט נאר אויף יענעם, נאר אויף יענעם!...

יענטעל צעפלאקערט זיך אזוי, אז זי געהט אוועק א צעקאכטע, פערגעסענדיג כלומרשט וואו זי האלט. שפעטער, אין א פאר טעג ארום, קומט זי ווידער צו זלאטען אין קלייט אריין, זעצט זיך נעבען איהר אין דרויסען אויף דער באנק מיט איין ארבייט אין דער האנד און מאכט צו איהר אזוי:

— הערסט דו, זלאטע, איך האב מיך באטראכט אין דערהיים און גוט איבערגעלעגט זיך מיט מיין ביינישען וועגען יענעם. וואס דו האסט מיר אנומעלט א זאג געטהאן; איך האב זיך באקלערט, אז ס'איז גאר ניט אזוי קרום, ווי איך האב געמיינט פון דער לכתחילה. ווי זאגט ער: „קרום ווי א קאטשערע, גלייך ווי געטראפען"... מע זאגט דאך פארט אויף איהם, אז ער איז רייך, אנגעשטאפט מיט געלט, און קיין קינדער האט ער אויך ניט...

— וואס־זשע, ער האט גאר ניט געהאט קיין קינדער? — פרעגט זלאטע פערטראכט, קראצענדיג מיט'ן דרעטעל אונטער'ן שלייער.

— וועלכער רוח! — זאגט יענטעל, אוועקלעגענדיג די ארבייט אויף א זייט. — דאס הייסט, ער האט יא עפיס געהאט אמאל. זיין ווייב איז געוועזען א חלירע, דו געדענקסט נישט פייגלען? זי איז פון תמיד אן געוועזען א גרינגע, לאז זי מיר מוחל זיין, א דער־רוח־ווייסט־וואס, שטענדיג זיך געדאקטערט און נאר גע־

דאָקטערט! זי האָט מפּיל געווען עפּיס אַ פּאָר מאָל און האָט אויפגעהערט צו קינדלען שוין ביז'ן טויט אריין.

— איך האָב אַ רעד געטהאָן מיט אסתר'ען, — זאָגט זלאַטע מיט אַ זיפץ, — האָט זי אפילו צוגעשוויגען. איך וויים, וואָס זי מיינט מיט איהר שווייגען? היינטיגע קינדער, געה טרעף, וואָס סע טהוט זיך ביי זיי! נאָר אסתר איז אזא קינד, קיין עין־הרע, וואָס פארשטעהט איהר תכלית, און אקעגען איז זי מיר קיינמאָל נישט געגאַנגען.

— נו, און יענער וויל טאקי, אפנים? — טהוט יענטעל זיך אַ פרעג גלאַט אזוי.

— צי ער וויל, פרעגסט דו? אַ שענע מעשה, כּלעבען! יענער געהט־אויס. ער האָט שוין עטליכע מאָל אונטערגעשיקט קלמנ'ען, און איז שוין אליין אויך עטליכע מאָל געווען ביי מיר אין קלייט, בשעת אסתר איז גראַד געשטאַנען נעבען מיר, — און דו פרעגסט, צי ער וויל! יענער וויל זי אפגילטען, און זי זאָגט גאָר דאָס!

—אזוי גאָר? — זאָגט יענטעל, גלייך ווי זי ווייסט גאָר ניט פון די אַלע נייעסען, און לאָזט איבער דעם שמועס אויף איין אנדערס מאָל, פערשלאָגענדיג היינטיגס מאָל מיט האקע־באקע: גענז, איינגעמאַכטס, געראָטענע חלה אויף שבת און דעסגלייכען.

* * *

זלאַטע האָט זיך נישט אוועקגעזעצט רעדען מיט אסתר'ען מכח אַ שידוך, מכח חתונה האָבען, נאָר עס פלעגט ביי זיי ביידע ארויפקומען דערויף ממילא גאַנץ אָפטליך. דער גרעסטער פער־געניגען זלאַטע'ס איז געווען, אז זי האָט געקאָנט אָפּרייסען איין איבעריגען גראָשען פון דער הוצאה, בכדי איינצובערגנען דער טאָכטער אויף פּאָוועלע צו דער חתונה. ביי זלאַטען אין קאסטען זענען שוין געלעגען פון כמה וכמה יאָהרען אָנגעגרייט אַ האַלב

טויג העמדער מיט זעהר שענע אויסגענייהטע געסטעקעס און מיט פראשוועס נאך דער לעצטער מאדע, ציכלעך נעשטיקטע, א פאר פיקענע קאלדרעס און באוועלעך אויף זאקען וכדומה. הכלל, דער קאסטען איז געווען א מין קאנזאטשייסטווע, א באנק, וואוהין זי האט איינציגווייז, ביסלעכווייז אפגעלעגט איהר פער־מעגען פון אסתר׳ס וועגען.

— וואס פראטעסט דו? — האט צו איהר יענטעל איינמאל א זאג געטהאן, דערזעהענדיג זלאטען זיך פארען ביי׳ם קאסטען.

— וואס איך „פראטע״? — האט איהר זלאטע אפגעענטפערט מיט פערדראס. — מסתמא פונ׳ם אנדערען מאנ׳ס וועגען, וואס פארשטעהסט דו דא ניט?

— נישט לאנג געטראכט און גוט געמאכט! — האט איהר יענטעל געענטפערט מיט א גלייכווערטעל, ווי איהר שטייגער איז. — לאז עס מיר אנקומען, וואס איך ווינש דיר, האסט דו געהערט? איך זעה, דו קלויבסט, פרעג איך פון וועמענ׳ס וועגען. פאר א ווארט קומט קיין פאטש. ווייס איך? לאז זיין היינטיגס מאל אזוי.

— דו ווייסט גאנץ גוט, צו וואס זאלען מיר זיך נארען, אז דאס איז מיין אסתר׳ס פאוועלע צו דער חתונה, געב גאט נאר אין גיכען, רבונו של עולם, שוין צייט!

אסתר, וואס איז דערביי געזעסען, האט געמוזט אויסדרעהען דעם קאפ צום פענסטער צו, בכדי מע זאל ניט זעהען איהר פנים, אויף וועלכען עס האט זיך צעגאסען א רויטע פארב.

איינמאל, עס איז געווען א ווינטער־נאכט, איז זלאטע געזעסען אויף דער לעזשאנקע איבער א זיפ מיט פעדערען, און ביי דער זייט אויף דער באנק איז געזעסען אסתר און האט גענייהט ציצענע ארבע־כנפות׳לעך פון די קינדערס וועגען, אפרים מיט מנשה׳ן. צווישען זלאטען מיט אסתר׳ען זענען שוין לאנג

אויסגעגאַנגען רעד, און זיי זענען שטיל געווען פּערטיעפט אין דער אַרבייט. קיין שאָרך האָט זיך נישט געהערט, ניט אין שטוב, ניט פון דרויסען. נאָר דער אַלטער גרויער קאָטער האָט צייטענווייז אַרויסגעלאָזט אַ כאָרכלען, דרילענדיג דאָרט ערגיץ אויפ'ן אויווען. פּלוצים לאָזט זלאַטע אַרויס אַ שטאַרקען טיעפען זיפץ, כמעט ווי אַ שלוקערץ, מיט אַ קוויטש און מיט איין אויסלאָז: „וועה־וועה־וועה־וועה!"

— וואָס איז, מאַמע? — פרעגט אסתר ווי דערשראָקען.

— וואָס „וואָס איז"? — פרעגט זלאַטע איבער.

— וואָס זיפצסט דו אַזוי שטאַרק? — פרעגט אסתר, אוועקלעגענדיג די אַרבייט.

— וואָס איך זיפץ? — זאָגט זלאַטע. — עס זיפצט זיך — זיפץ איך. אודאי ס'זאָל זיין גוט אויפ'ן האַרצען, וואָלט זיך ניט געזיפצט. נישט פאַר וואוילטאָג, וואָס זאָלסט דו דאָ קלערען? אַז מע הויבט זיך אָן באַרעכענען אַקוראַט אַרום־און־אַרום, געהען איבער אַלערליי מחשבות איבער'ן קאָפּ. גאַרניט, מע זאָרגט, מע וויל פאַרזאָרגען די וועלט.

— וואָס זשע העלפט דאָס זאָרגען? — מאַכט אסתר מיט אַ פרייגדליכער מינע צו דער מאַמע. — זעהסט דאָך, אַז גאָט פיהרט אונז אויס, ווי אַלע אידען. אָט געהען קראַסנע טאָרגעס* — צו גאָט אַ האָפענונג, מע וועט לייזען געלט.

— געלט־שמעלט! — מאַכט זלאַטע. — ס'איז פאַרהאַן גרעסערע זאָרג: מע דערמאָנט זיך קינדער. זיי וואַכסען, עפּיס אַ תכלית דאַרף מען דאָך, און איך האַלט נאָך גאָר פון פאָרענט. איך מיין טאַקי מיט דיר אַליין, וואָס — איך בעט דיך? וואָס קומט מיר אַרויס, איך מיין באמת, פון קלמנ'ס קריכען, וואָס ער

---

* מאַרק־טעג, ווען די קרעמער לייזען געלד פון די דאָרפסלייט.

קריכט? אז קיין נדן, משטיינס געזאָגט, איז ניטאָ, און אָהן נדן וויל יענער ניט, און הייסען הייסט מען נאָך לשון בעלי־בתים, מיינט יענער, אַז סע קישעט גאָר, קריכט ער: געה גיב יענעם ארויס, וואָס אויפ'ן הארצען טהוט זיך! און דערווייל די צייט שטעהט ניט, און וואָס מעהר אַ טאָג, איז מעהר אַ יאָהר חלילה, איך זאָל גאָר ניט דערלעבען, מע זאָל אויף מיין קינד זאָגען „ביז דעם גרויען צאָפּ“...

אין דער מינוט עפענט זיך די טיר און עס פליהען אריין אפרים מיט מנשה'ן פון חדר, ביידע פערפלאַמט פונ'ם פראָסט, מיט קאַצענע טולופּלעך און מיט קיילעכיגע גאַרעסענע היטעלעך און מיט אַ פּאַפּיערענעם לאַמטערנדעל אין די הענד.

— אַ גוט נאָוועגד! — זאָגען זיי ביידע אין איין קול, טאַנצענדיג און אַראָפּוואַרפענדיג פון זיך די טולופּלעך. — עסען! עסען! — שרייט אויס מנשה, שלעפּענדיג אסתר'ען פאר'ן קליידעל.

— שאַ, שאַ, איך גיב, איך גיב! — זאָגט אסתר, אויפ־הויבענדיג זיך פונ'ם אָרט, און דערלאַנגט די קינדער וועטשערע — טייגלעך מיט פּאַסאָלים.

אפרים איז עלטער פון מנשה'ן נאָר מיט איין יאָהר, נאָר ער איז אַ סך סטאַטעטשנער, מענישער פון מנשה'ן. אַ ווייסער מיט אַ דאַר אויסגעוואָיקט פּנימ'על, מיט צוויי לאַנגע דינע פּאה'לעך, זעהט ער אויס טאַקי ווי אַ בן־תורה. „ע ר, עליו השלום, איג־גאַנצען ע ר, נעפּריטשקום, נאָר מיט לענגערע יאָהר“... — אַזוי פלעגט אויף איהם זאָגען זלאַטע, מיינענדיג איהר לוי'ן. און מנשה איז אַ נידעריג, געפּאַקט יונגעל, אַ גרויסער ווייסער־חברה־ניק, אַ ברען, אַ בעלן צו פאָהרען רייטענדיג אויף אַ ציגע, אַ גרויסער נאַשער, אַ פלאַפלער, האָט ליעב אריינצושטעקען די נאָז אומעטום, איז גרייט איבערקעהרען אַ וועלט, נאָר לערנען — ניט אַ לעק.

— מאמע, מאמע, דו ווייסט? — זאָגט מנשה, שלינגענדיג די ווערטער אינאיינעם מיט די טייגלעך און מיט די פּאַסאָלים. — דו ווייסט, מאמע? אפרים זאָגט שוין אליין אַ „לייענען“! דער רבי האָט איהם פאַרגעבען אויף דאַנערשטאָג אַ לייענען. און פּיני־מאיר־פּיני׳ס איז דאָך אַ היבשער בחור, איאָ? ווייסט ער ניט מה דקאמרי רביצין. נו־נו, האָט מען איהם געשמיסען, ווי־פּיעל ס׳איז אין איהם אריין! זיין גליק, וואָס צום רבי׳ן איז געקומען צו געהן רב קלמן מכח אַ שידוך. דער רבי פיהרט אַ שידוך, און רב קלמן געהט אַלע טאָג, אַלע טאָג, און זיצט אַוועק דריי זייגער־שעה, און מיר ווערען צעזעצט פאַר געלעכטער. און פּיני־מאיר־פּיני׳ס האָט זיך דערווייל אַרויסגעדרעהט פון זיינע הענט און ווייסט די גמרא, ווי אַ וואָלף...

— נו, און דו ווייסט די גמרא? — טהוט איהם אסתר אַ פרעג, האַלטענדיג די הענד צונויפגעלעגט אויפ׳ן הארצען און קוקענדיג מיט פערגעניגען אויף די יונגע קינדער, ווי זיי עסען אַזוי געשמאַק זייער „פּאַרציע“ נאָך אַזאַ פערברענגען אַ טאָג מיט איין אויפדערנאַכט אינ׳ם ענגען חדר ביי אַ דרייגראָשענדיג ליכטעל. און זלאַטע ווערד ברייטער ווי לענגער פאַר שמחה, בעטראַכטענדיג איהרע קינדער די בריליאַנטען; איהר הארץ איז פול מיט דאַנק צו דעם, וואָס לעבט אייביג, פאַר זיינע גרויסע חסדים, וואָס ער טהוט מיט איהר, אַ ווייסטע פינסטערע אַלמנה... פּלוצים ווערד אָבער זלאַטע׳ס פרייד פערשטעהרט: אפרים, וואָס איז געזעסען ביז אַהער שטיל, טהוט פּלוצים אַ זאָג צו איהר:

— מאמע, דער רבי האָט געבעטען געלט.

— הא, יאָ, מאמע! — חאַפּט אונטער מנשה. — דער רבי און די רביצין האָבען שטאַרק געבעטען געלט. זיי באַדאַרפען אויף דירה־געלט און אויף האָלץ און אין מאַרק אריין. בערעל־משה־אברהמ׳ס האָט נעכטען געבראַכט צוויי קערבלעך, האָט איהם דער

רבי גוט מכבד געווען, און פיני־מאיר־פיני׳ם האָט ער אפשר צעהן מאָל פאַרזאָגט, אַז אָהן געלט זאָל ער זיך גאָר אפילו נישט באַווייזען אויף זיין שוועל. דער רבי און די רביצין האָבען זעהר געפּעטען, זאָלסט שיקען שכר־למוד.

„ווייעדער שכר־למוד! — טהוט זלאַטע אַ קלער, און עס טהוט איהר אַ שטאָך אין הארצען. — עס קומט איהם שוין אודאי אַ קערבלעך פופצעהן, ווי אַזוי שיקט מען איהם נישט חאָטש קיין צעהנערעל? און דאָ געהען קראַסנע טאָרגעס: וואו עס פאַלט־אַריין אַ קערבעל, געהט עס אַוועק אויף סחורה איינקויפען, די קראָם אונטערפרישען, — מע קאָן דאָך נישט בלייבען מיט די פינף פינגער! און צאָהלען שכר־למוד — דאָס מוז מען דאָך!“...

און זלאַטע׳ס פּנים ווערד צאָרנדיג. זי לעגט זיך שלאָפען אַ דער׳הרג׳עטע, גלייך ווי מע וואָלט איהר אראָפּגענומען דעם קאָפּ. אַ גאַנצע נאַכט הערט אסתר, ווי די מאַמע קרעכצט און קאַטשעט זיך אויפ׳ן געלעגער, און איהר קאָפּ טראַכט איבער טויזענדער פּלאַנען, ווי אַזוי אַרויסצוציהען דער מאַמען פון דער נויט. עס פערשטעהט זיך, אַז קודם כל קומט איהר אויף דער מחשבה יוסילע; זי מיט איהם צוזאַמען וועלען שוין צוקלערען עפּיס איין עצה, און גלאַט אָהן אַלעמען, ווייבאַלד זי האָט חתונה, ווערד דאָך שוין ממילא זלאַטען גרינגער אין אַלע אופנים. זיי וועלען ביידע האָרעווען און וועלען זעהן, אַז זלאַטע פון איין זייט און שמואליק פון דער אַנדערער זייט זאָלען זיין צופריעדען פון זיי...

די דאָזיגע ליכטיגע געדאַנקען געדויערען אָבער נישט לאַנג. ווי אַ שוואַרצער שאָטען פליהט דורך פאַרביי איהר אויך אַ פינסטערע מחשבה: „און ווען חלילה ניט — אַזוי קלערט זיך אסתר — און ווען חלילה מיר איז ניט בעשערט קיין גוטס אויף דער וועלט, וועל איך זיך גאָר שטעלען דיענען צוליעב דער מאַמען; איך וועל אַוועקפאָהרען פון דאַנען ווייס איך וואוהין און וועל זיך שטעלען אויף איין אָרט. אַלע זאָגען, אַז איך וואָלט געקאָנט פאַרטרעטען די גרעסטע שטעלע אין אַ קלייט, אָדער אַזוי ביי אַ געשעפט“...

נאָכדעם קומט איהר אויס דער דאָזיגער געדאַנק משונה־ווילד: „וואָס הייסט, אַ מיידעל פון איהר גראַד וועט זיך אוועקלאָזען דיע־נען — גלאַט, אַבי געדעט?!“... — „נו, וואָס זשע דען איז דער תכלית? — טהוט זי ווידער צוריק אַ קלער. — חתונה האָבען?“... און עס ווערד איהר אי קאַלט, אי הייס פון אַזאַ מין מחשבה: „וואָס הייסט? חתונה האָבען ניט פאַר יוסילען??!!“

אויף מאָרגען, קלויבענדיג זיך אין מאַרק אריין און קלינגענדיג מיט די שליסלען פון דער קלייט, האָט זלאַטע אויסגעלאָזט איהר ביטער האַרץ צו די קינדער נעבאַך, צו אפרים מיט מנשה'ן, וואָס האָבען איהר נישט אָפגעטראָטען אויף קיין מינוט: „מאַמע, געלט, מאַמע!“ זלאַטע האָט זיי אָנגעשאָלטען וויפיעל עס איז אין זיי אריין, און מנשה האָט נאָך געחאַפּט אַ צוויי פּעטש אויך, ער זאָל ניט זיין קיין שאַרלאַטאַן מיט קיין עזות־פּנים קעגען אַ מאַמען. „גאַנצים! נאַיאָמשטשיקעס!“ — האָט זלאַטע געשריגען אויף איהרע קינדער, די נעכטיגע „בריליאַנטען“, און האָט זיי מיט אַ צערודערט האַרץ אָפּגעגעבען דאָס שכר־למוד מיט'ן אָנבייסען און אַרויסגע'משלח'ט זיי אין חדר אריין. אסתר האָט דאָס נישט געקאָנט פערליידען און האָט זיך אַ זאָג געטהאָן אין גוטען מוטה:

— איך פאַרשטעה ניט; ממה־נפשך, האָסט דו געגעבען געלט, צו וואָס האָסט דו נאָך באַדאַרפט אויסרייסען די קינדער אומזיסט און אומנישט?

דאָ האָט זיך שוין זלאַטע ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט אויסגעזעצט מיט אַ מאָל; פיהלענדיג אַליין גאַנץ גוט, אַז די קינדער זענען דאָ גאָט די נשמה שולדיג, און אויפ'ן האַרצען איז איהר געווען אַזוי אויך גענוג אָנגעזאָליעט פון דעם, וואָס יענטעל מיט קלמנ'ען האָבען איהר דעקוטשעט טאָג־טעגליך, האָט זיך זלאַטע צעלאָזט אויף איהר טאָכטער איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס ס'וועט זיין וועט זיין, דער בלאָטער מוז אויסזעצען, עס העלפט ניט:

— הער נאָר אויס, דו בעל־רחמנ׳יצע, טאָכטער מיינע טייערע! דו שטעלסט זיך אַרויס פאַר די קינדער? האָסט אויף זיי רחמנות? פאַר וואָס האָסט דו קיין רחמנות ניט אויף דער מאַמע דיינער, אַ ווייסטע, אַ פינסטערע אַלמנה, אַ מאַמע פון דריי קינדער און פון אַזאַ טאָכטער ווי דו, אַ דערוואַקסענע, ברוך־השם, וואָס איז שוין לאַנג צייט צו דער חופּה פיהרען, און עפּיס אויך אַמאָל דערלעבען אַ שטיקעל נחת אויף דער וועלט, האַ? רחמנות האָסט דו? פאַר וואָס האָסט דו קיין רחמנות ניט אויף מיר, טאָמער טריקענט מיר דער מוח און דער מאַרך פון די ביינער, ווי אַזוי דיך צו באַוואָהרענען, ברענגען צו אַ שטיקעל תּכלית, ניט לאָזען זיצען ביז משיח וועט קומען און אַלע זאָלען אויף מיר טייטען מיט די פינגער? וואָס, באשר דער טאַטע דיינער האָט געהייסען לוי רב אברהמעל סלאָוויטער׳ס, — איך זאָג דיר, איך וויים נאָך ניט די גילדענע שטוהל, וואָס איך וועל צוליעב דעם האָבען אין גן־עדן! איך וויים, אַז איך ווער דערווייל אויס־געריסען, פאַרשוואַרצט, שונאי־ציון, און אַז עס קומט צו עפּיס, שטעלט זיך אַנידער דער יחום פאַפּעריק! וואָס איז? אָט געהט נאָך אַ איד איין אַלמן, אַ גאַנץ פיינער מענטש, דאַכט זיך, וואָס פעהלט איהם? כלעבען, מיט וואָס איז ער אַ מיאוס׳ער איידעם פאַר מיר? אַ איד אַ נגיד, חוץ זיין שאָדען אויף אַלע אידישע קינדער, איין עהרליכער מענטש, קיין קינד, קיין רינד. יענער וויל אַ שידוך טהון, ער חלש׳ט, חלש׳ט, און זי שטעלט זיך גאָר אַנידער דאָ מיט איהר רחמנות! אַ רחמנות, די פּערעל זענען שיטער! האָסט דו געהערט אַ השגה?!...

זלאַטע האָט נאָך לאַנג־לאַנג געפּייערט, געזידעלט, געפילדערט און געשריגען אויף אסתר׳ען. יענע, געוועהנליך, האָט נישט געענטפערט דאָס אַנדערע וואָרט; איהר בעסטער ענטפער זענען געווען צוויי שנירלעך טרערען, וואָס האָבען זיך געצויגען אויף איהרע שענע באַקען און האָבען פּאַוואָלינקע אַראָפּגערונען אַראָפּ־אַראָפּ... זלאַטע וואָלט נאָכדעם אָפּגעגעבען מי־יודע וואָס פאַר

יענעם „וויסטען־פינסטערען" פריהמארגען, וואס זי האט אפ־געשפיעלט אסתר'ען, וואס איז נעבאך געט די נשמה שולדיג. זי האט עטליכע וואכען כסדר גע'חנפה'ט דער טאכטער, געקוקט איהר אין די אויגען אריין, זיך געסטארעט מיט אלע מעגליכקייטען צו פערגלעטען יענעם „וויסטען־פינסטערען" פריהמארגען. נישט איין מאל האט זיך נאכדעם זלאטע אויפגעחאפט ביינאכט פון'ם בעט, צוגעגאנגען צו אסתר'ען בשעת יענע איז געשלאפען געשמאק, און איז, ווי איבער א קליין ברעקעלע קינד, געשטאנען איבער איהר און געזאגט צו זיך אליין שטילערהייד: „מיר זאל זיין פאר דיר, נשמה מיינע, מיין ליבטיגער שטערן, מיין אויג אין קאפ!"...

און אסתר האט שוין לאנג פערגעסען דעם פסק, וואס זי האט געחאפט פון איהר מאמען אין יענעם „וויסטען־פינסטערען" פריהמארגען; זי איז שוין צו אזעלכע פריהמארגענס געוועהנט געווארען. חוץ לזה איז אסתר'ס קאפ געווען פערנומען מיט אנדערע מחשבות, און איהר הארץ האט געטראגען אין זיך פער־בארגען אנדערע דאגות, ווי אויבען איז געשטאנען. ווער דער אלמן איז, דער עהרליכער פיינער מענש, אויף וועלכען די מאמע האט איהר געגעבען אנצוהערעניש, איז זי געוואהר געווארען פון דער מוהמע יענטלען; נאר בפירוש האט זלאטע מיט דער טאכטער וועגען אלטערען נים גערעדט. זי האט דאס געהאלטען אין זיך ביז א צייט. ביז עס האט זיך געטראפען ווידער „א וויסטער־פינסטערער" פריהמארגען, ווען זלאטע איז געווען שטארק צעבייזערט, האט זי אויסגעשאסען, ווי פון א הארמאט, און האט אויסגע'לאמר'ט אסתר'ען אלץ, וואס ביי איהר איז געווען אויף דער לונג, שוין נישט דיפלאמאטיש פערשטעלט, נאר גאנץ אפענטליך. אסתר איז פון דעם שוין א סך מעהר צופריעדען געווען, ווי פון די אנצוהערענישען, און אזוי ביסלעכווייז האט זי אנגעהויבען צו געוועהנט ווערען מיט'ן געדאנק וועגען חתונה האבען פאר אלטערען...

ביי זלאַטען אַליין אינווענינ האָבען זיך אַ שטיק צייט געשלאָגען צוויי געפיהלען. ערשטענס: „וואָס הייסט, איך וועל זי פרעגען? איך בין דאָך די מאַמע, און אַז איך זאָג, דאַרף זיין געזאָגט! וואָס הייסט, זי וועט מיר זאָגען אַ דעה? וואָס איז זי עפּיס — דעם אַפּטייקער'ס טאָכטער, וואָס שפּאַציערט־אַרום מיט בחורים אויפ'ן גאַס, וואָס זי זאָל זאָגען: דעם וויל איך און יענעם ניט? זי איז ניט גלייך צו קיין אַנדערע, ברוך־השם, זי איז רב אַברהמעל סלאָווימער'ס איין אייניקעל!"... און צווייטענס: „פאַר וואָס זאָל איך זי טאַקי נישט אַ פרעג טהון? טאָמער איז איהר טאַקי אַלטער פאַרט ניט ליעב? ער איז דאָך פאַרט איין אַלמן און אין די יאָהרען שוין? אַ מלאכה פאַר־שלייערען? למאי זאָל מען נעמען באַגראָבען אַ קינד, אַ יונגע, אומזיסט און אומנישט? און אַזאַ טייער געטריי קינד, ווי מיין אסתר איז, לעבען זאָל זי!"... שפּעטער לויפט דורך ביי זלאַטען אין קאָפּ אַזאַ מין מחשבה, גאָר איין אַנדערע: „וואָס האָט מען מיט איהר צו רעדען, מיט אַ קינד, אַז ס'איז פאָרט פאַר איהר אַ תכלית? פאָרט אַ גליק, אַזוי רייך און אָהן קינדער, וואָס וועט איהר אָפּגעהן ביי איהם? וואָס וועט זי זיך אויסזיצען ביי מיר? דאָס גרויסע נדן, וואָס איך וועל איהר נעבען? דאָס פּאָוועלע, וואָס איך וועל איהר מאַכען? ווער וועט זי נעמען, איין אָרעמע יתומה, היינטיגע יאָהרען? און דערצו נאָך אַ דערוואַכסען מיידעל שוין?"... און דאָ איז נאָך אַלטער פּעסי'ס געוואָרען אַזוי ווייך און שטאַרק צוגעלאָזט...

אַלטער איז נאָך קיינמאָל צו קיין מענשען אַזוי גוט און אַזוי צוגעלאָזט נישט געוועזען, ווי ער איז פּלוצים גוט און צו־געלאָזט געוואָרען צו זלאַטע דער צעלניקערין. ער האָט זיך כמעט אַליין אָנגעשלאָגען צו איהר מיט אַ גמילות־חסד, מיט אַ הלואה'לע. „אַ רחמנות נעבאָך, איין אַלמנה", — האָט אַלטער אַ זאָג געטהאָן אַמאָל צווישען מענשען. מענשען האָבען דאָס אָפּגעטראָגען זלאַטען, און זי איז שטאַרק נתפּעל געוואָרען פון אַלטער'ס גוטס־

קיים. געוועהנליך, וועט זלאטע נישט געהן צו אלטערען אהיים בעטען ביי איהם א גמילות־חסד, און שיקען צו איהם אסתר'ען — אודאי ניט; איין אלמן, עס פאסט ניט. נאר בעגעגענענדיג זיך מיט איהם איינמאל אין גאס, האט זיך זלאטע אפגעשטעלט מיט איהם, א ביסעל אויסרעדען דאס הארץ.

— אזוי? — האט איהר אלטער געענטפערט מיט א גוט, עהרליך פנים. — איך האב גאר נישט געוואוסט, אז ס'איז דיר אזוי געענגט אין געלט, קיין שלעכטס! פאר וואס זאלסט דו זיך אמאל נישט ווענדען צו מיר? מיט דיין לוי'ן, עליו־השלום, זענען מיר געווען גאר ווי אנדערע צוויי. א שענע זאך — סטייטש! סטייטש! נו, און וואס מאכען עפים די קינדערלעך דיינע? האסט, דאכט זיך, דריי?

— דריי, זאלען געזונט זיין. — ענטפערט זלאטע. — נאר נחת זעהר ווינציג, לעת־עתה.

— נחת? — מאכט אלטער מיט א פריינדליך שמייכעלע. — וואס האסט דו אזוי קיין צייט ניט? צי אפשר האסט דו יסורים מיט א שידוך פאר דיין טאכטער? וועסט קריגען די מציאה! מע זאגט, דו האסט א גאנץ פיינע בתולה?

— געלויבט איז גאט. מע באדארף אבער האבען, רב אלטער, צו דער בתולה: איך שמועס מכח אכצעהן און דרייצעהן, וואו נעמט מען דאס?

— עט! — מאכט אלטער. — אט דאס איז א דאגה?... נו, על־כל־פנים, זלאטע, איך מיין דאס אויף להבא, טאמער מאכט זיך, דו באדארפסט שטארק נויטיג א גמילות־חסד, שיק אריין צו מיר; מהיכא־תיתי... פארט, ווי זאגט מען, גוטע פריינד פון אמאל... א גוטען!

פון יענער צייט אן האט זלאטע אנגעהויבען האבען פון אלטערען פיעל טובות: הן א גמילות־חסד צו דער צייט, הן אזוי

א הלואה נישט מיט קיין גרויסער עסקא, על־פּי יושר, ווי געוועהנליך, צווישען היימישע מענשען. די דאָזיגע טובות זענען איהר אָבער גיך אויסגעפּאַלען באָקאָם, און זי איז געוואָהר געוואָרען, וואָס הייסט אַ טובה פון אַ מאַזעפּעווקער פּראַצענטניק.

XXV.

אסתר איז ביי זיך אויפ׳ן קנס־מאָל אַ גאַסט.

אָפּטמאָל מאַכט זיך, אַז אין אַ אידישער שטוב זאָל זיך אַריינהאַפּען, פערנאַדיען אַליין אַ ניט־גוטער, ניט דאָ געדאַכט, אָדער אַזוי אַ זייטיגער פּאַרשוין, דער שוואַרצער יאָהר ווייסט איהם פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, — און עס ווערד דעמאָלט אָפּגעטהאָן דאָס שלום־בית; מענשען ווערען בייז, אָנגעבלאָזען, אָנגעברוגז׳ט איינער אויפ׳ן אַנדערען, אַליין נישט ווייסענדיג פאַר וואָס און פאַר ווען. אַט אַזאַ מין ניט־גוטער האָט זיך פערנאַדיעט צו זלאַטע דער צעלניקערין אין שטוב אַריין, — אַלטער פּעסי׳ס, אויף קיין גוט אָרט זאָל ער ניט שטעהן. קאַרג זענען געוועזען פאַר אסתר׳ען יענע נאָך נישט פערהיילטע צרות פון יוסילען, האָט זיך אָנגעהויבען פאַר איהר אַ נייער גיהנם — אַלטער! אויף יעדען אָרט, אויף איטליכען טריט האָט זי געהערט נאָר אַלטער און אַלטער! עס איז אָבער דאָך פאַר איהר געוועזען אַ סך גרינגער צו הערען פון דער מאַמע גאַנץ אָפענטליך, אַז זי וויל און בעגעהרט דעם שידוך מיט אַלטערען, איידער צו הערען די שטעכווערטלעך מיט די אָנצוהערענישען פון יעדען בעזונדער, ווי בייז אַהער, אויסצוהערען פון דער מאַמען לאַנגע שמועסען וועגען חתונה האָבען און פערזאָרגען אויף שפּעטער, ווערען אַליין אַ בעל־הבית׳טע ביי זיך, אין איין אייגענער שטוב, נעמען אַ מאַן מיט געלד אַ סך און האָבען פאַר איהם אַ גוטע וועלט, דאָס

הייסט: עסען און טרינקען, שען אָנטהון זיך, איהם האָבען קינדער און וויסען פון אַ לעבען צו זאָגען, ניט אַזוי ווי זי, זלאַטע, רב אברהמעל סלאוויטער'ס שנור, וואָס בעדאַרף היינט האָרעווען ווי איין עזעל, זיין אַ גאַנצע וואָך איינגעשפּאַנט אין דער יאַרמע, און די קינדער זאָלען ניט האָבען אַלץ, וואָס קינדער בעדאַרפען...

— עי, טאָכטער, — פלעגט זלאַטע אויסלאָזען מיט אַ זיפץ — לאָז מיר גאָט העלפען, דו זאָלסט זיין גליקליכער פון מיר, זיך נישט ראַדעווען אויף קיין יחוס, ווי מיין מאַמע האָט זיך גע־ראַדעוועט, געוואָלט, איך זאָל איינשטעהן ביי רב אברהמלען פאַר שנור, ניט אַנדערש.

— גלייכער אַ לויט נאָלד, איידער אַ פּוד יחוס, — האָט אונטערגעהאַלטען די מוהמע יענטעל, וואָס פלעגט תמיד אַנקומען גראַדע אויף די שמועסען.

איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען איז אסתר געזעסען אין דער היים איינע אַליין. זי איז געווען פערנומען מיט איין אַרבייט. זלאַטע איז געווען אין מאַרק און די קינדער אין חדר. פּלוצים קומט אַריין יענטעל.

— גוט מאָרגען דיר, אסתר־לעבען!

— גוט יאָהר! אַזוי פריה, מוהמעניו? זיצט.

— אַ דאַנק, איך בין שוין גענוג געזעסען היינטיגען טאָג און זיך גענוג אָנגעלאָפען אויך; איך בין אַזש הייזעריג געוואָרען רעדענדיג, און אַלץ מיט איהר, אַלץ מיט איהר.

— מיט וועמען איז, מוהמעניו?

— מיט וועמען, פרעגסט דו? מיט דער מאַמען מיט דיינער, דו קענסט זי ניט? און אַלץ איבער דיר.

— איבער מיר גאָר?

— איבער וועמען־זשע האָב איך מיך מיט איהר צו קריגען, אז ניט איבער דיר? תמיד קריעג איך מיך מיט מיין שוועסטער? ניין, איך מיין טאַקי באמת, אסתר, די גאַל קאָן צעזעצט ווערען, צוזעהענדיג אזעלכעס! דו האָסט איין טאָכטער און, דאכט מיר, גאָר ניט אזא שלים־מזל'ניצע אויך, וואָס־זשע איז דאָס חאָפּעניש און דאָס לויפעניש אין איין קול: חתונה מאַכען! און טאַקי באַלד חתונה מאַכען! מהיכא־תיתי, חתונה מאַכען, נאָר פאַר דיין גלייכען, אָבער נישט זוכען קיין גליקען, איינשפּאַרען זיך מיט גוואַלד: איך וויל, מיין טאָכטער זאָל זיין אַ נגידית, און געה טהו מיר עפּיס! באשר, זאָגט זי, איך בין ניט אימשטאַנד; די צייט, זאָגט זי, איז אזוי שלעכט, אז ניט נאָר קיין נדן — קיין העמד אפילו איז ניטאָ צו מאַכען! דאָס קינד וואַכסט, זאָגט זי, און די צייט געהט אוועק. איך בין שוין, זאָגט זי, אויס מענטש. וואָס איז? אליין רעדען מיט דיר קאָן זי ניט און ווילען וויל זי זעהר, פאַר וואָס זאָל זי נישט וועלען? לאָמיר זיך נישט נאַרען: ערשטענס, איז דאָס טאַקי אַ גליק פאַר דיר אליין, און דאָס אנדערע איז טאַקי, ווי זאָגט מען, ארום אַ פעטען טאָפּ זאָל מען זיך שמירען... זי פרעגט מיך, זלאַטע מיין איך, ווי אזוי איז מיין השגה דערביי? איך ווייס, וואָס איך זאָל איהר זאָגען? איך זאָג איהר, אז מיט דיר האָט זי זיך נישט וואָס צו האָפּען: עס וועט זיך אָפּזוכען, זאָג איך, דער בעלן. „וואו־זשע, שרייט זי, וואו־זשע איז דער בעלן? געב מיר איהם אהער!" „האָב צייט, זאָג איך, זלאַטע, ער וועט קומען אליין!" „אָהן געלט, זאָגט זי, אָהן מלבושים, אָהן לייב און לעבען, אַ נאַקעטע, אַ באָרוויסע, איין אָרעמע און אַ דערוואַכסענע דערצו! וואָס איז? רב אברהמעל'ס איניקעל, אודווא, סע טהוט זיך אַ ביסעל!" „נו, זאָג איך, אז ער וויל יאָ אזוי, אלטער מיין איך, מאַג ער דאָך צו־וואַרטען אַ קאַפּ; וואָס איז, ער שטעהט אונטער'ן רעגען?" „ניין, זאָגט זי, ער האָט שוין גענוג געוואַרט. אבי וועמען וועט ער ניט נעמען, און מחמת דו ביזט דו, וויל ער דיך, יאַקבי,

אָפּגילטען, דיך, און די מאַמע, און יעדען באַזונדער, מיט קינד׳ס קינדער“. „נאַ דיר אַ גראָשען פאַר די אַלע גליקען, זאָג איך, עס מאַכט זיך קאַרג מאָל, אַז דער טאָכטער איז טאַקי גוט ווי דער וועלט, זאָג איך, און טאַטע־מאַמע הונגערען, ווי זיי שטעהט אָן? אוי־אוי־אוי, זאָג איך, איך זאָל האָבען די ברכות!“ נו, ברענגט זי מיר אַ ראיה פון בלומע׳ס קינדער, באשר בלומע׳ס קינדער האַלטען אוים די מאַמע, אַ וויסטע אַלמנה. „וואו־זשע קריגט מען נאָך, זאָג איך, אַזעלכע קינדער?“ „אסתר, זאָגט זי מיר, איז אַזאַ קינד, וואָס וועט זיך לאָזען מפקיר זיין פאַר איהרע אייגענע; דו ווערסט, זאָגט זי, פון דער מאַמעס וועגען געהן אין וואסער אַריין. דער גאַנצער אומגליק איז, זאָגט זי, וואָס זי קאָן מיט דיר פון אַזעלכע ענינים ניט שמועסען“... „דאָס איז אויך, זאָג איך, אַ נאַרישקייט, וואָס האָט מען זיך דאָ צו שעמען? וואָס קאָן זיין נאָך נעהענטער פון איין אייגען קינד? ממה־נפשך...“

אין די ווערטער איז אָנגעקומען זלאַטע, און שפּעטער אַ ביסעל רב קלמן. און די דריי, יענטעל, זלאַטע און רב קלמן, האָבען צווישען זיך יענעם טאָג לאַנג גערעדט, איינ׳טענה׳נדיג איינער דעם אַנדערען און אַריינבראָקענדיג אַ גוזמא רעד, מיט אָנצור־הערענישען, מיט משלים און מיט מעשיות אָהן אַ שיעור. צו־לעצט האָט זיך זלאַטע גאָר צעוויינט.

— איידער אַזאַ לעבען, איז גלייכער געהן אַהינצו, וואו מיין לוי איז אַוועקגעגאַנגען פאַר דער צייט! איך זאָג אייך דעם אמת, איך בין איהם אודאי מקנא, אַז ער פאַרשפּאָרט צוזעהען די צרות, וואָס איך דאַרף צוזעהען דורך, אַרום־און־אַרום...

— זינדיג נישט, שוועסטער־לעבען. — האָט זיך יענטעל אַריינגעמישט. — דאַנקען גאָט, דו האָסט חאָטש אַזעלכע קינדער, וואָס ווייסען חאָטש און פאַרשטעהען זייער טובה און דיין טובה און געהען דיר נישט אויף קידער־ווידער, ווי עס גיט זיך אוים אַמאָל קינדער צווישען היינטיגע מיידלעך...

וואָס האָט אסתר געקאָנט זאָגען דערויף? דערצעהלען דער מאַמע, אַז זי האָט ארויסגעקוקט אויף יוסילען און ער האָט זי אָפּגענאַרט? וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס? עס פּאַסט טאַקי פאַר אַ אידיש מיידעל אַזעלכעס נאָך צו דערצעהלען? צי זי זאָל זאָגען אַ חסרון אויף אַלטערען? ווער איז זי, וואָס זאָל זיך שטעלען אויס׳טענה׳ן מיט אַ מאַמען וועגען אַ שידוך? ווי אַזוי עפענט זיך גאָר דאָס מויל פון אַזעלכע זאַכען צו רעדען? און אַז ניט אַלטער, וועט זיין איין אַנדער שלים־מזל. איהר ביטערע לאַגע בעדאַרף איהר קיינער ניט דערצעהלען; זי פערשטעהט אַליין, וואָס הייסט ביי אידען איין אָרעמע כלה, און „קיין אידישער מאָנאַסטיר איז ניטאָ“... נאָר מעהר פון אַלץ האָבען זי גענומען דער מאַמעס טרערען, וואָס זי האָט נישט געקאָנט צוזעהען קיינ־מאָל, — און זי האָט זיך אונטערגעגעבען אין די הענד פון די, וואָס האָבען געוואָלט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, פערזאָרגען איהר תכלית, זי גליקליך מאַכען אויף שטענדיג, זי זאָל זיי האָבען צו געדענקען... שטיל, ווי אַ שעפּעלע, האָט זיך אסתר געלאָזט בינדען און טהו׳ן מיט זיך אַלץ, וואָס מע האָט פון איהר פערלאַנגט, נישט איבערקעהרענדיג קיין צונג, שאַ, שטיל, פיין און לייטיש.

אַלטער האָט זיך פון זיין זייט שען אויסגעשטעלט קעגען זיינע מחותנים און האָט גענומען דאָס קנס־מאָל מיט אַלע הוצאות אויף זיך. ער איז עפּיס געוואָרען מיט אַ מאָל אַזוי ווייך, מילד און גוט. „האָטש לעג איהם צו אַ מכה“, — האָט אויף איהם יענטעל געזאָגט, אַרומטאַנצענדיג הין און צוריק און פלאַמענדיג ווי אַ העליש פייער, גלייך ווי זי וואָלט דאָ אָפּגעטהאָן מי־יודע וואָס פאַר אַ גליקליך געשעפט. זלאַטע האָט געקוקט אויף די כלה־מתנות, וואָס אַלטער האָט צוגעגרייט נאָך פאַר דעם קנס־מאָל, זיי עטליכע מאָל איבערגעהאַלטען אין האַנד, געשאַצט אינאיינעם מיט בריינען, מיט יענטלען און מיט נאָך אַנדערע מבינ׳טעס אויף פערעל און אויף גאָלדוואַרג. קיינמאָל איז נאָך אַלטער ניט געווען אַזוי בערעדעוודיג, ווי אַצינד, און מילד איז ער געוואָרען גאָר

חוץ לדרך הטבע · די חתונה נעמט ער אויף זיך, מלבושים דער כלה אויף זיך, אַלע הוצאות אויף זיך. „זלאַטע האָט דאָס גע־טראָפּען, קיין עין־הרע ניט!“ — אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטאָדט און מע האָט בפירוש אַרויסגעזאָגט, אַז מען איז איהר מקנא. איטליכער מאַזעפּעווקער איד וואָלט זיך געוואונשען אַזאַ גליק, אַזוי טרעפען, ווי זלאַטע האָט געטראָפען מיט איהר טאָכטער.

— וואָס שמועסט איהר, אויב ס'איז אַ גליק? — האָט מען געזאָגט. — נישט אַלע פּורים טרעפט זיך אַזאַ נס! נעמען אַ מיידעל, ווי זי שטעהט און געהט, באַהענגען זי און באַקלענגען, מאַכען פאַר אַ פאַרטיגע בעל־הבית'טע! אַט אַ גליק! אַזוי טרעפען!

— סטײטש אַ גליק! סטײטש געטראָפען!

אויפ'ן קנס־מאָל זענען זיך צונויפגעקומען צו זלאַטען די גאַנצע משפחה און אַזוי גוטע פריינד, אידען און ווייבער. די תנאים שרייבען האָט געגומען אויף זיך שמואליק דער חזן. אַ קוק טהוענדיג אויף שמואליקען, ווי ער איז מיט אַ מאָל אַזוי געעלטערט געוואָרען פאַר צרות, האָט זיך ביי זלאַטען אָפּגעריסען אין האַרצען. זי האָט שוין גאָר נישט געקאָנט אפילו צוגעהן צו איהם און אַ פרעג טהון, וואָס הערט זיך מכח יוסילען. דערצו איז זי געווען פערנומען מיט די געסט. עס איז געוואָרען צווישען די ווייבער אַ גערעדעריי, טאַקי נאָר ווי צווישען ווייבער קאָן זיין, אַז זיי קלויבען זיך צונויף, און נאָך אויף אַ שמחה; זיי האָבען אַלע געהאַלטען אין איין רעדען, איטליכע האָט דערצעהלט איין אַנדער מעשה, און פון דעסטוועגען האָבען זיי אַלע געוואוסט, וואו מע האַלט. די מאַנסבילען, געוועהנליך, האָבען געגוג חוזק געמאַכט פון די ווייבער: „זעהט נאָר, אַקוראַט ווי צווישען די געגז!“ און אַליין האָט מען אויך געגוג גערעדט, גערויכערט און געטרונקען לחיים, צו־ווינשעווענדיג זלאַטען און אַלטערען אַלדאָס גוטס און ישועות ונחמות אויפ'ן כלל ישראל, מיט אַ זיפץ און מיט פער־

גלאַנצטע אויגען צו דער סטעלי. שמואליק דער חזן, טרינקענדיג צו זלאַטען „לחיים", האָט עפּיס געוואָלט אָנהויבּען ווינשעווען איהר אַ מין ווינשעוואַניע: „לאָז גאָט געבּען... אוי!" און איז איבּערגעהאַקט געוואָרען, אַרויסלאָזענדיג דעם „אוי" פון'ם טיעפען האַרצען. זלאַטע האָט דעם „אוי" פערשטאַנען און האָט איהם געענטפערט „אָמן", גיך אַוועקגעהענדיג צו דעם איבּעריגען עולם, וואָס זענען געזעסען מיט אָנגעגאָסענע גלעזלעך און געוואַרט אויף איהר, זי זאָל צוגעהן צו זיי, ענטפערען יעדען בּעזונדער אויף זיין „לחיים", ווי דער מנהג איז. נאָר איין רבּ קלמן איז אַרומגעגאַנגען איבּער דער שטוב פראַנק און פריי, פערלעגט די הענד אַרונטער און געשמועסט מיט זיך אַליין, ווי זיין שטייגער איז תמיד, קנייטשענדיג דערבּיי מיט'ן שטערן און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, ווי אַ מענש, וואָס איז פערטיעפט אין שאַרפע ענינים. רבּ קלמן האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון „אַ בּיסעל מהכתיתי"; אַדרבּה, ער האָט דעם בּיטערען טראָפּען גאָר נישט פיינט געהאַט. נאָר אַ מענש אַ בּר־דעת בּעדאַרף וויסען, ווען צו טרינקען און ווען ניט. אויף אַלץ איז אַ צייט: אויף אַ חתונה — זעהר פיין, דעמאָלט פערגינט זיך רבּ קלמן אָנטרינקען זיך, ווי עס געהער צו זיין, און מאַכען אַלערליי אָנשטעלען, קאָמעדיאַנסקע תנועות; אָבּער אַצינד, בּיי'ם קנס־מאָל, דעמאָלט ווען מע בּעדאַרף שמועסען מיט בּיידע צדדים וועגען אַזאַ ענין, ווי רח"ש, דעמאָלט, ווען אַ שדכן בּעדאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען, דינגען זיך פאַר'ן שדכנות־געלד, — דעמאָלט בּעדאַרף מען זיין בּיי אַלע געדאַנקען. דער עולם, פאַר וואָס ניט, מעג טרינקען וויפיעל עס וועט אַריין, אָבּער רבּ קלמן — ער בּעדאַרף האַלטען קאָפּ, האָבּען אַ לויטערען מוח און וויסען, וואָס ער האָט צו טהון אויף דער וועלט...

מחמת גרויס טאַרעראַם האָט מען אויפ'ן קנס־מאָל די כלה גאָר נישט אַרויסגעזעהען. אסתר איז זיך געזעסען אין אַ ווינקעלע מיט בּריינע'ס טעכטער, פינף שוין דערוואַכסענע מיידלעך, נישט קיין איבּעריג שענע, נאָר אַלע צייטיגע צו דער חופּה פיהרען.

זיי האָבען אַלע גערעדט, געפּיסקעלט זיך, געמאַכט חנ׳דלעך און געלאַכט, בכדי פריילין צו מאַכען די כלה. די כלה אָבער, אוי־ וועה, איז שווער געווען פריילין צו מאַכען! אסתר איז געווען עפּיס משונה פערטראַכט, און די אויגען איהרע האָבען געקוקט ערגיץ ווייט. נאָך איהר קוקען נאָך האָט מען געקאָנט אַרויס־ זעהען, אַז כמעט זי הערט ניט וואָס מע רעדט צו איהר און זי זעהט ניט וואָס אַרום איהר טהוט זיך; עפּיס זיצט זי דאָ ניט ווי אַ כלה בעדאַרף זיצען, נאָר ווי אַ גאַסט, ווי אַ ווילד־פרעמדע... זלאַטע האָט איהר צוגעטראָגען די פּערעל, וואָס דער חתן האָט איהר געקויפט, און אויך די איבעריגע ציערונג: אַ גאָרגעלקייט אַ טייערע אויפ׳ן האַלז, אַ טייערען בראָש, אַ גאָלדען קייטעל מיט אַ זייגערעל אַ טייערס, אַ פּאָר בריליאַנטענע אויהעררינגען טייערע, גאָר אַ חריפות, בראַסלעטען צוויי טייערע און פינגערלעך טייערע, שוין אפילו געטראָגענע, אפּנים, פער׳משכונ׳טע, נאָר טייערע פינגערלעך. אסתר האָט געקוקט גלייך מיט אַלע אויף די דאָזיגע כלה־מתנות, וואָס אַלטער האָט איהר געשענקט; זי האָט זיי בעטראַכט, ווי גאָר אַ זייטיגער מענש, גלייך ווי עס געהער זיך גאָר מיט איהר ניט אָן, גלייך ווי ניט זי מיינט מען. בעטראַכ־ טענדיג די דאָזיגע כלה־מתנות, איז איהר גאָר דער קאָפּ נישט דערביי; זי פערשטעהט נאָך ניט, וואָס פאַר אַ ווערטה זיי האָבען פאַר איהר אין איהר מיידעלשען לעבען, אַז זי שטעהט שוין העכער האַלב אויף יענער זייט, אַז אָט־אָט געהט זי אַרויס פון דער מאַמע׳ס רשות אין דעם מאַנ׳ס רשות, אַז אָט באַלד איז איין עק צו איהרע חלומות, יענע גוטע, גילדענע, גליקליכע חלומות, אין וועלכע זי פערברענגט נאָך אַצינד.

מע מוז דעם אמת זאָגען, אַז חאָטש די גאַנצע שטאָדט האָט גערעדט פון יוסילען, אַז ער האָט חתונה געהאַט ערגיץ אויף דער וועלט, נאָר אסתר האָט פאָרט נישט געגלויבט, דאָס הייסט, זי האָט זיך געוואָלט אַליין איינרעדען, אַז ס׳איז איין אויסגעטראַכטע מעשה, אַ פּליאָטקע פון די מאַזעפּעווקער פּליאָטקעס. עס האָט

זיך איהר נאָך אַלץ גע'חלומ'ט, אַז אַט עפּעס זיך די טיר און עס קומט אַריין יוסילע אַליין, דער איינענער וואָס איז געווען פריהער — און דעמאָלט וועט זי זיך שוין ניט שעמען פאַר קיינעם; זי וועט די ערשטע דערצעהלען דער מאַמען, אַז זיי זענען שוין לאַנג חתן־כלה, אַז ס'איז צווישען זיי שוין לאַנג איין אָפּגערעדטע זאַך... און קלערענדיג דאָס דאָזיגע, שטעהט זי גלייך מיט אַלעמען און בעטראַכט די כלה־מתנות, וואָס אַלטער האָט איהר צוגעגרייט, און זלאַטע שטעהט ביי דער זייט, קוקט אויף איהר און קוועלט: „דאַנקען גאָט דערפאַר. עס ווייזט אויס, דאָס קינד איז צופריעדען; געב גאָט נאָר אַ גוט לעבען מיט פיעל נחת מיט תענוג אַ סך“... די גאַנצע צייט געפינט זיך אסתר ביי זיך אויפ'ן קנס־מאָל אַ ווילד־פרעמדע, גלייך ווי ניט זי מיינט מען. נאָר ביי'ם ערשטען קלאַפּ פון די צעבראָכענע טעפּלעך און טעלער דערפיהלט אסתר, גלייך ווי עס וואָלט זיך איהר עפּיס אָפּגעריסען אין האַרצען. די כלה־מתנות פאַלען אַרויס פון איהרע הענד, און זי פערשטעהט דעם פּשט פונ'ם קלאַפּ, און זי פיהלט, אַז פון דער מינוט אָן איז אַ סוף, אַ סוף צו איהר פריי לעבען, אַ סוף צו איהרע יענע גליקליכע, טייערע, זיסע חלומות, און אַ נייע וועלט, אַ ניי לעבען שטעהט איהר פיר אַצינד.

XXVI.

עס ווערד דאָ געבראַכט די מעשה וועגען דער טאָכטער פון יפתח הגלעדי.

געדענקט איהר די מעשה, וואָס ווערד דערצעהלט וועגען יפתח הגלעדי'ס טאָכטער?

„וידר יפתח נדר — האט יפתח געטהאן א נדר צו גאט, אזוי שטעהט דארט אין פסוק געשריבען, ויאמר — און ער האט אזוי געזאגט: ווענסט דו מיר געבען, ליעבער גאט, דעם פיינד, די בני־עמון, אין מיינע הענד, זאג איך דיר צו, ווען איך וועל קומען בשלום אהיים, אז דער ערשטער, וואס וועט ארויסגעהן פון שטוב אקעגען מיר, איז ער דיינער, איך וועל דיר איהם שענקען פאר א קרבן עולה. און עס איז טאקי אזוי געוועז: און יפתח האט די בני־עמון געשלאגען און האט זיי איינגענומען אין דער מלחמה; און אריינפאהרענדיג אין שטאדט אריין, איז איהם זיין איינאונאיינציגע טאכטער ארויסגעגאנגען אקעגען מיט א שמחה און מיט א געזאנג: „דער טאטע איז געקומען! דער טאטע!“ און יפתח האט זי דערזעהען, איז איהם געווארען וויסט און ביטער אויפ׳ן הארצען; און ער האט צעריסען אויף זיך די קליידער און האט געזאגט: „וועה איז צו מיר, טאכטער מיינע, פערפינסטערט בין איך געווארען! האסט דאך מיך אומגליקליך געמאכט! סטייטש, איך האב דאך א נדר געטהאן פאר גאט, אז דער ערשטער, וואס וועט מיר אקעגען קומען, איז ער זיינער א קרבן, — גוואלד, טאכטער, וואס טהוט מען? !“ — „האסט דו אזוי געזאגט, טאטע הארציגער, — אזוי האט איהם די טאכטער געענטפערט — בעדארפסט דו מקיים זיין דיינע רעד, נאכדעם, אז גאט האט זיך אזוי נוקם געוועז אין דיינע פיינד; איין זאך בעט איך פון דיר, ליעבער פאטער, געב מיר צייט נאר צוויי חדשים, בכדי איך זאל מיר קאנען געהן אויף די בערג און דארטען וויינען אויף מיינע יונגע יאהרען, איך מיט מיינע חבר׳טעס“. און דער פאטער האט זי אפגעלאזט, זי זאל געהן אויף די בערג וויינען אויף איהרע יונגע יאהר, זי מיט איהרע חבר׳טעס. און אז עס זענען איבערגעגאנגען די צוויי חדשים, האט זי זיך אומגעקעהרט צוריק צו איהר פאטער, און יפתח האט געטהאן מיט איהר, אזוי ווי זיין נדר איז געוועז. און פון דעמאלט אן איז געוועזן א חוק ביי אידען, אז אלע יאהר פלעגען ארויסגעהן אידישע טעכטער

אויף די בערג צו בעוויינען און בעדויערען די אומגליקליכע טאכטער פון יפתח הגלעדי"...

יענער מנהג איז שוין לאנג פערגעסען געוואָרען, און אידישע טעכטער האָבען היינט אנדערע מנהגים. עס שמועסט זיך דאָ וועגען דעם „פאָרשפּיעל" מיט'ן „חתן־מאָל", וואָס מע מאַכט אין מאַזעפּעווקע פאַר איטליכער אידישער חתונה ביי דער כלה נאָר לכבוד דער כלה און לכבוד איהרע חבר'טעס, די מיידלעך, בכדי זי זאָל זיך קאָנען מיט זיי זיך אָפּגעזעגענען און אָפּטאַנצען דעם לעצטען טאַנץ. דאָס „פאָרשפּיעל" ווערד געמאַכט דעם שבת, וואָס פאַר דער חופּה, ביי דער כלה אין שטוב. די מיידלעך אליין זינגען־צו און מע טאַנצט אַ שעהר, אַ קאַדריל, אַ ליאַנסיי אָדער אַ פּאָלקע, מע זינגט, מע טאַנצט, מע קנאַקט ניסלעך און מען איז משמח די כלה דאָס לעצטע מאָל. זי געזעגענט זיך אָפּ מיט איהרע מיידעלשע יאָהרען און מיט איהרע חבר'טעס די מיידלעך, אַזוי ווי זי ווערד דאָך באַלד אַ וויבעל און קומט אריין צווישען די ווייבער. דאָס איינענע קומט־פאָר דעם טאָג פון דער חופּה, אויך ביי דער כלה אין שטוב: מיידלעך האַלטען דאָס פאַר אַ מצוה צו קומען אָפּטאַנצען מיט דער כלה דעם לעצטען טאַנץ, און ווייבער שטעהען ביי דער זייט און פּליעסקען־צו מיט די הענד. אָט דעם מנהג היט מען אָפּ אין מאַזעפּעווקע פון תמיד אָן, און אויך ביי אסתר'ען אויף דער חתונה האָט מען, געוועהנליך, אָפּגעהיט אַלע מנהגים, נישט דורכגעלאָזט קיין קלייניגקייט אפילו.

אסתר האָט אָפּגעטאַנצט דעם לעצטען טאַנץ, און אַלע מאַזעפּעווקער מיידלעך האָבען זיך גאָר זאַט נישט געקאָנט אָנ־קוקען אין איהר שען פּנים, חאָטש זי איז געווען שרעקליך בלאַס, טוידט ווי אַלע טוידטע, נאָר עס מאַכט ניט אויס, אַ כלה בעדאַרף זיין בלייכליך: ערשטענס, פּאַסט אַ כלה, און, צווייטענס, האָט טאַקי אַ כלה וואָס צו זאָרגען — ווער ווייסט דאָס נישט? צום לעצטען מאָל האָט איהר די מוהמע ברײנע געמאַכט קוטשערעס,

גרייזעלעך פון איהו׳ע שווארצע שענע האָר, דערביי גערעדט מיט איהר פון ענין התתונה, צוגענרייט זי ביסלעכווייז צום ווייבערשען שטייגער. די דאָזיגע גרייזעלעך געבען־צו איהר שען פנים אזא מין חן, אז ברײנע קאָן זיך גאָר ניט איינהאלטען און גיט איהר א קוש אין שטערן, זאָגענדיג בשעת מעשה:

— איין עבירה, כלעבען, אזא ליכטיג פנים מיט אזא גילדענעם קאָפּ איבערדעקען. נאָר נישקשה, אסתר, דו האָסט נאָך מזל, דו פאַלסט אריין אין זעהר א גוט אָרט אריין, וואָרום, צווישען אונז רעדענדיג, דיין מאַמע׳ס שטאַנד אצינד באַדאַרף איך דיר ניט דערצעהלען — דו ווייסט דאָס בעסער פון מיר. א מאַמע וויל אודאי, דאָס קינד זאָל זיין גליקליך, א מאַמע שטעהט־אויס גענוג וועהטיגען, די אויגען קריכען איהר גוט ארויס, ביז זי דער־לעבט צו זעהען איהר קינד אונטער דער חופה; וועסט זיין, אם־ירצה־השם, אליין א מאַמע, וועסט דו פיהלען דעם טעם... און דיין מאַמע, נישקשה, האָט פאַרדיענט ביי דיר, אז זי זאָל דורך דיר געהאָלפען ווערען און צעפיהרען זיך די הענט א ביסעל. נעבען א שווערען וואָגען זאָל מען זיך תמיד רייבען, און פון נגידים, אסתר, קומען ארויס נגידימ׳לעך...

נאָך א סך גוטע ווערטער האָט ברײנע געזאָגט צו אסתר׳ען, בשעת זי האָט איהר צורעכט געמאַכט די האָר צום „חתן־מאָל“. נאָכ׳ן חתן־מאָל, אז אסתר האָט אָפּגעטאַנצט איהר לעצטען טאַנץ, האָט איהר די מוהמע ברײנע אונטערגעטראָגען איהר קרבן־מנחה, אָנווייזענדיג איהר, וואָס זי באַדאַרף דאַווגען און וואָס ניט.

— צו על־חטא, טאָכטער מיינע, — האָט איהר די מוהמע ברײנע געזאָגט — צו על־חטא זאָלסט דו וויינען. א כלה, אז זי וויינט צו על־חטא, בעט זי אויס ביי גאָט א גוט לעבען ביי׳ם מאַן און גוטע קינדער. עס איז ביי דיר היינט, טאָכטער מיינע, א יום־הדין, ווי, להבדיל, יום־כפור; מע דאַרף וויינען פאַר גאָט,

ער זאָל זיך דערבאַר־מען, אָנצייכענען א גוטע דאָליע, פאַרגעבען די זינד...

אסתר האָט זיך אוועקגעשטעלט מנחה דאַווענען מיט הארץ, ווי עס בעדאַרף צו זיין, און האָט דערביי געשמאַק געוויינט; נאָר ניט אויף איהרע זינד, ווי די מוהמע ברײנע האָט איהר געהייסען, דען אסתר האָט אין זיך נישט געפיהלט קיין שום זינד, נישט אַקעגען גאָט און נישט אַקעגען לייטען. נאָר דערפאַר האָט אסתר געוויינט, ווייל דער קוואַל פון טרערען האָט זיך ביי איהר געעפענט; עס האָט זיך געוויינט גאָר אַליין, און אזוי געשמאַק, אזוי גרינג! אסתר האָט געהאַט וואָס צו וויינען: וואו זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן, איז איהר געווען וויסט, ביטער און פינסטער, און קלאָגען זיך אויף וועמען, עמיצען שולדיג מאַכען האָט זי נישט געקאָנט. וואָס איז שולדיג די מאַמע, וואָס זי האָט אזוי געוואָלט אַלטערען פאַר איין איידעם? זי איז אַ מאַמע און איהר גאַנצער וואונש איז, איהר טאָכטער זאָל זיין אַ רייכע בעל־הבית'טע. אַפנים, זי האָט זיך דען געפּרובט זאָגען דער מאַמען, אַז זי וויל ניט דעם שידוך? און וואָס הייסט, זי וועט דאָס זאָגען דער מאַמען?... אויף דערויף וויינט אסתר, וואָס איהר מזל איז אזוי גיך אונטערגעגאַנגען, וואָס איהר גליק האָט זיך אזוי גיך אויסגעלאָזט, וואָס יוסילע האָט זי מיאוס אָפּגענאַרט. ווער וואָלט זיך עס אונטערגענומען זאָגען אסתר'ען פריהער מיט אַ פּאָר יאָהר, אַז עס וועט זיך אזוי אויסלאָזען?...

אסתר שלאָגט זיך על־חטא אין הארצען, בעגיסט דעם קרבן־מנחה מיט הייסע טרערען, קלערענדיג בשעת מעשה ניט וועגען איהרע זינד, נאָר וועגען יוסילען. סטייטש, יוסילע, וואָס זי האָט אין איהם אזוי פיעל געגלויבט, אזוי פיעל געשטעלט אויף איהם, און וואָס זיין וואָרט איז ביי איהר געווען אזוי טייער, אזוי הייליג, האָט זיך אזוי מיאוס בעהאַנדעלט אַקעגען איהר: אוועקגעפאָהרען און פערגעסען דעם זיי־געזונד; ער זאָל דאָס חאָטש אַ וואָרט

צושיקען, חאטש פערענטפערען זיך פאר איהר, אדער וואס ס׳ניט איז... אזוי מיאוס בעהאנדלען, ווי ער האט זי בעהאנדעלט! זי האט זיך ערשט היינט ארומגעקוקט, ווי טייער, ווי ליעב, ווי איינגעבאקען יוסילע איז געווען ביי איהר אין הארצען. זי האט זיך געשלאגען על־חטא דערויף, זי האט זיך מודה געווען פאר זיך אליין, אז זי האט איהם באמת ליעב געהאט, זי האט איהם ליעב געהאט די גאנצע צייט, וואס זי האט איהם געקענט, נאך פון קינדוויז אן — און איצט בעדארף זי זיך אפגעזעגענען מיט איהם אויף אייביג, ארויסטרייבען און ארויסרייסען איהם ביי זיך פונ׳ם הארצען, און פערגעסען, פערגעסען!... פון יוסילען ווערען איהרע געדאנקען אריבערגעטראגען צו אלטערען, און עס ווערד איהר פערקיהלט דאס בלוט: אט דער אלטער, וואס עס איז נישטא איין מענש אין דער גאנצער שטאדט, וואס זאל איהם ניט פיינט האבען, פאר גארניט, נאר דערפאר וואס ער איז אלטער, — אט דער אלטער בעדארף זיין איהר מאן! מיט איהם בעדארף דאס אסתר פערברענגען איהרע יאהר און טעג, מיט איהם בעדארף זי דאס אפלעבען א וועלט, דאס גאנצע לעבען, פערבינדען זיך אויף תמיד, אויף אייביג! אלטער וועט זי ברענגען אין שטוב אריין, ער וועט איהר באלד איבערגעבען אלע שליסעלעך, און אסתר וועט ווערען אליין א בעל־הבית׳טע פאר זיך. ער וועט איהר ארויסגעבען געלד אין מארק אריין, זי וועט איינקויפען עופות, פערווארפען זיי אין שטייג אריין, האדעווען, זיי זאלען ווערען „פעט קאפיטאל“, און קאכען א יויך פון זיינעטוועגען. א גאנצע וואך וועט זי זעהן פאר זיך די פיער ווענד, הערען, ווי אידען קומען אן צו איהם לייהען געלד אויף א משכון, אכטונג געבען, ער זאל האבען אלסדינג צו דער צייט, אויפשטעהן גאנץ פריה, לויפען אין מארק אריין, קריגען גוטע פיש מיט פעט פלייש מיט א גוטען צולאג מיט א „פיסנאגע“ אויף שבת, — דערפאר אבער שבת וועט זי זיך אנטהון אין דעם זיידענעם קלייד, זיך אויסשלייערען, נעמען אויף זיך דאס סאמעטענע „מאנטעל אויף

שליאמעס" און וועט קומען אין שוהל אריין, זיך זעצען אויבענאן אויף דעם ארט, וואו פייגעל איז אמאל געזעסען... פלוצים דער־מאנט זיך אסתר, וואס זי האט אמאל, נאך קינדווייז, געהערט, וואס מע האט געשמועסט אין שטאדט, אז דאס ערשטע ווייב אלטער'ס, פייגעל, איז דורך איהם פון דער וועלט געגאנגען. אסתר דערמאנט זיך די מעשיות, וואס זי האט זיך אנגעהערט וועגען אלטער'ס ווייב, וועגען פייגלען נעבאך, שטעלען זיך איהר די האר קאפויר. מע האט דערצעהלט דעמאלט, אז אלטער האט זי אלץ געטריבען אין דער וועלט אריין, זי זאל האבען קינדער, און די מאמע זיינע, וואס האט נאך דעמאלט געלעבט, האט איהר געטהאן, וואס מע טהוט קיין אידען ניט: זי האט זי געהאלטען גאנצע טעג אין הייסע ביטלעך, געטריבען פון איהר דעם שוויים, געפויעט זי מיט האפען, געפייניגט ביז'ן טוידט אריין... פאר דער חתונה האט אסתר א פרעג געטהאן ביי דער מוהמע יענטלען, צי ס'איז אמת, וואס מע פלעגט דערצעהלען פון פייגלען, האט זיך איהר יענטעל אפגעשווארען מיט דער גאנצער תוכחה, אז ס'איז שקר וכזב, קיין וואהר ווארט ניטא אפילו. „דו ווייסט ניט, וואס מע קאן אין מאזעפעווקע אויסטראכטען? — האט צו איהר יענטעל געזאגט. — למאי זיי האבען זיך פארגונען אויס־טראכטען אויף מיר, אז איך טרייב מיין ביינישען אין דער ערד אריין?... דאכט זיך, איך ווייס? דאכט זיך, אזא לעבען, ווי צווישען מיר און צווישען מיין ביינישען איז, אויף אלע מיינע ליעבע, רבונו של עולם! וואס מע קאן אין מאזעפעווקע אויס־טראכטען, זאג איך דיר, אז ס'איז מיר א גרויס חידוש, וואס מע האט נאך ניט אויסגעטראכט אויף דיין חתן, אז ער האט זיך געוואלט שמד'ען, א קשיא אט אויף די הולטאיעס? בראש איז דאס א שטאדט, איינגעזונקען זאל זי ווערען! טאג און נאכט האט מען צו טהון נאר מיט יענעם, נאר בארעדען יענעם, זוכען חסרונות אויף דער גאנצער וועלט, חאטש אליין איז מען כל־בו, ניטא איינער א ליטישער, און עס דארט דער קאפ נאר פאר

יענעם. איך זאג דיר, די שטאדט איז מיר עפּים אזוי נמאס, זי ליגט מיר אין די גרגרת, — פע, א פּאסקודסטווע א שטאדט! מאהל דיר, אז מע קאן אויסטראכטען אזעלכע מעשיות, ווען יענע ליגט שוין לאנג אין דער ערד... און וואס איז דאס גלאט הפקר א וועלט? דו האסט, דאנקען גאט, א מאמע ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, וואס קאן השגחה געבען אויף דיר אזוי, אז עס זאל דיר נישט געמינערט ווערען אפילו א האר! אונזער משפחה, דאנקען גאט, לעבט. היינט וואס איז פארהאן וואס צו רעדען? ביזט נאך גאר א קינד, אסתר, כלעבען, ביזט א ציעגעל, לאמיך אזוי זיין געזונט!"...

און דערמאנט זיך אסתר אין די אלע רעד, ווערד איהר פערקיהלט דאס בלוט; און דערמאנט זיך אסתר אין פייגלען, ווערד איהר נישט גוט אויף צו חלש'ען; זי זעהט פאר זיך מענשען דרעהען זיך, כלי־זמר שפּיעלען, ווייבער טאנצען; עס דרעהט זיך איהר דער קאפּ, זי פאלט אקארשט ניט מיט'ן פּנים צו דער ערד.

— וואס איז די כלה אזוי טוידט? — פרעגט א מחותנת'טע. — זי האט, אפּנים, א שווערען תענית?

— נישקשה, — רופט זיך אפּ די אנדערע מחותנת'טע — לאז זי פאסטען און אויסבעטען ביי'ם רבונו־של־עולם א גוט לעבען מיט איהר מאן...

XXVII.

די כלה האט נעבאך זעהר א שווערען תענית.

נאך א מנהג איז פארהאן אין מאזעפּעווקע, וואס איז שייך צו דער כלה; דעם מנהג היט מען דארט אפּ כמעט ווי א דין.

דאָס איז דאָס ליכטבענשען פאַר דער חופּה. נישקשה, לאָז זיך אַ כלה געוועהנען ביסלעכווייז צו מצוות, לאָז זי וויסען, אַז אַט באַלד, אין אַ פּאָר שעה אַרום, וועט זי שוין צו מזל אַ א י ד י נ ע און איז מקבל אויף זיך על־פּי דין די דריי מצוות, וואָס זענען שייך צו דער אידינע, און די מצוה פון ליכטבענשען לאָז זי שוין טאַקי באַלד פערזוכען, לאָז זי וויסען, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט.

די מוהמע יענטעל טראָגט איהר אונטער צוויי ליכט, אין זילבערנע לייכטער אַריינגעשטעלט, און די מוהמע ברײַנע רוקט איהר אונטער פון איהר זייט אַ תחינה, וואָס האָט געמאַכט „האשה הרבנית מרת שרה בת טובים, וואָס האָט פערבאָרגען איהר נאָמען“, זאָגענדיג דערבּיי צו דער כלה מיט גרויס ליעבשאַפט:

— זאָג, טאָכטער מיינע, פריהער אָט די תחינה, און ערשט נאָכדעם וועסט דו זאָגען די ברכה, מאַכען „שהחינו“. עס שאַדט ניט, טאָכטער, אַז מע וויינט זיך אויס אַ ביסעל צו ליכטבענשען דאָס ערשטע מאָל.

און אסתר הויבט אָן צו זאָגען די תחינה שטילערהייד, נישט פערשטעהענדיג קיין איינציג וואָרט: „דו האַר פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלע וועלטען מיט די גלגלים פון אויבען און מיט די טיפע אָפּגרונטען פון אונטען זאָלסט טון אַראָפּנייגען פון דיין הארבעריג און לוגען אויף דעם קאָפּ פון דיין דינסט די דאָ שטעהט פאַר דיר מיט דיינע אַלע ליבע קינדער ישראל דאָס מיר זענען שולדיג עהרליך צו האַלטען מיט אַלע זאַכען אַזוי ווי אַ מלך דערהאַלט עהרליך זיין מלכה אָדער ווי אַ חתן זיין כלה דען איך דיין דינסט האָב שוין ליכט געצונדען דאָס ערשטע מאָל צוויי ליכט די דיינע חכמים האָבען געהייסען און בעהיט אונז פון אַלע בעגעגעניש און אויך פון אַלע געשעהעניש און מיינע ליכט די דאָ איך צינד אָן זאָלען העל און ליכטיג ברענען צו פערטרייבען די בייזע רוחות און שדים ומזיקים ב ת מ ח ל ת אַלע די דאָ

קומען פון לילית דאָס זײ זאָלען אוועקפליהען און דײן דינסט די דאָ שטעהט פאַר דיר זאָל זוכה זײן אינ'ס זכות פון אונזער מוטער רחל וואָס אז מען האָט די קינדער ישראל געפיהרט אין גלות אַרײן האָט מען זײ געטאָן פיהרען ניט װײט פון דער מוטער רחל'ס קבר און װען די קינדער ישראל זענען געקומען אױפ'ן קבר די דאָרט רחל ליגט און האָבען געטאָן שרײען מוטער מוטער װי קאָנסט דו דאָס צוזעהען אז מען זאָל אונז טון פיהרען אין גלות אַרײן איז די מוטער רחל אױפגעשטאַנען צו השם יתברך מיט אַ ביטער געשרײ און האָט געטאָן אַזױ צו שפּרעכען רבונו של עולם דו ביזט דאָך אײן אל רחום וחנון דאָס טײטש עטץ ביזט מיט גרױסערע רחמנות פונ'ם מענשען פון דעסטװעגען האָב איך דאָך רחמנות געהאַט אױף מײן שװעסטער לאה װאָס זי האָט געטאָן װײנען טעג און נעכט זי זאָל ניט אַרײנפאַלען אין עשו'ס גורל אַרײן ביז איהרע אױגען זענען איהר טונקעל געװאָרען פאַר גרױס געװײן הײנט מכל־שכן דו גאָט..."

אסתר דערמאַנט זיך אין יענער טרױעריגער געשיכטע פון לאה'ן, װאָס די מאַמע פלעגט איהר שבת בײטאָג לײענען פונ'ם טײטש־חומש, און װײנט ניט אױף לאה'ס גורל, װאָס האָט מורא געהאַט, זי זאָל ניט אַרײנפאַלען צו עשו'ן, נאָר אױף איהר אײ־גען פינסטער מזל, װאָס זי פאַלט אַרײן צו אַלטערען אין די הענד אַרײן, — אַ מין עשו האָט זיך גענומען אױף איהרע יונגע יאָהר!... און זי װײנט, בעװאַשט זיך מיט טרערען... און װעמען געהט דאָס אָן, װאָס זי װײנט? דערױף איז זי אַ כלה, זי זאָל זיך אױסװײנען אַ ביסעל פאַר דעם „בעדעקענס". — כלי־זמר שפּיעלען, מײדלעך טאַנצען, אידען און װײבער דרעהען זיך אַרום, מחותנים לױפען אײנס פאַר'ן אַנדערען. ברײנע מיט יענטלען — די אונטערפיהרערינס — נעמען אסתר'ען אונטער די הענד, בעזעצען זי אין מיטען שטוב אױף אַ בענקעלע און מע הױבט אָן, װי דער מנהג איז, צו צעפלעכטען איהר די האָר. די כלה זיצט צװישען אַלע װײבער, װי אַ פּרינצעסין, מיט אַ װײס זײדען קלײד, די

צעפּ צעפּלאָכטען. ווייבער קלויבען זיך צונויף אַרום־און־אַרום. מע נעמט די האָר, אסתר'ס גילדענע האָר, מע האַלט זיי אין די הענד, די כלי־זמר הויבען אָן צו שפּיעלען אַ וויינענדיגס צום „בעזעצען" די כלה, און עס ווערד אַ יאָמערליך געוויין צווישען די ווייבער. מע קוקט אויף דער כלה'ס צעפּלאָכטענע האָר און מע שנייצט די נעזער אין די פאַרטיכער, מע קוועטשט די אויגען און מע וויינט. זלאַטע ווערד שיער ניט צעגאָסען פאַר געוויין; דאָס הארץ רייסט איהר אויף איהר קינד נעבּאַך: גאָט ווייסט, אין וואָסערע הענד זי פאַלט אריין, אַזאַ קינד, אַזאַ טייער קינד, וועה־וועה געשריגען! און יענטעל וויינט אויך: ווי אַזוי זאָל זי ניט וויינען, אַז קיין קינדער האַלטען זיך בּיי איהר ניט, ניט דאָ געדאַכט, שוין געווען וויפיעל מאָל בּיי'ם רבּי'ן — עס העלפט ניט! און בּריינע וויינט, וואָס אַלע האָבּען חתונה, נאָר איהרע טעכטער זיצען און קוקען אַרוים אויף חתנים, פינף דערוואַכסענע טעכטער, וועה איז מיר!... יונגע ווייבּלעך קוקען אויף דער כלה, בּעוויינען זי און זיך זעלבּסט: זיי ווייסען גאַנץ גוט, וואָס הייסט „מע בּעדעקט אַ כלה", מע פערבּינדט אַ אידישע טאָכטער, מע מאַכט זי חתונה — זי געהט אַרוים פון איין רשות צום אַנדערען, פונ'ם טאַטען'ס רשות אינ'ם מאַנ'ס רשות... די, וואָס קענען גוט דעם חתן און געדענקען זיין ערשט ווייבּ, פייגעל נעבּאַך, בּעוויינען אסתר'ען אַצינד: זיי ווייסען, אַז אסתר וועט בּיי איהם קיין האָניג ניט לעקען... און אַנדערע וויינען דערפאַר, ווייל זיי דער־מאַנען זיך, אַז דער טאַטע אָדער די מאַמע איז געשטאָרבּען, אָדער אַ קינד ליגט אין דערהיים טוידט־קראַנק און ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו ראַטעווען. און אַנדערע וויינען גלאַט אַזוי, ווייל די כלי־זמר שפּיעלען אַ וויינענדיגס — וויינט זיך. הכלל, אַלע וויינען, און בּפרט אסתר — זינט זי לעבּט האָט זי נאָך אַזוי פיעל נישט געוויינט, ווי אַצינד. זי בּעהאַלט איהר ליכטיג שען פּנים אין ווייסען טיכעלע אריין, בּכדי מע זאָל ניט זעהען איהרע טרערען. פונ'ם תענית, פונ'ם טרויעריג שפּיעלען, פונ'ם געוויין,

וואס ארום־און־ארום, און פון פערשיעדענע פינסטערע מחשבות ווערד ביי איהר אין קאפ אויסגעמישט. זי פיהלט, אז עס לאזען זיך איהר אויס די כחות, עס געהט איהר אויס דאס חיות. פלוצים ווערד איהר פינסטער אין די אויגען; גרויסע און קליינע, שווארצע, געלע, רויטע און גרינע רעדעלעך דרעהען זיך פארביי איהר, און נאכדעם, וואס ווייטער־ווייטער, ווערד אלץ ליכטיגער און לויטערער, צום סוף ווערד איהר שטארק ליכטיג, גרינג און גוט, זעהר גוט! עס שטעלט זיך איהר פאר דער מוטער רחל'ס קבר, ווי ער עפענט זיך און עס געהט ארויס פון דארטען א מת אין ווייסע תכריכים און מאכט צו איהר מיט דער האנד און רופט זי צו זיך, צו זיך... אסתר וויל א געשריי טהון „שמע ישראל" — און קאן ניט: עס ווייזט זיך איהר אויס, אז זי איז געשטארבען; זי ליגט אויף דער ערד, מיט א שווארצער דעק איבערגעצויגען. די מאמע שטעהט איבער איהר, און ברעכענדיג זיך די הענד און שלאגענדיג זיך קאפ אין וואנד, בעוויינט זי איהר בת־יחידה נעבאך. נאכדעם פיהלט זי, ווי מע הויבט זי אויף און מע טראגט זי איבער דער שטאדט פארביי די קלייטען, שרייענדיג אויף א קול און קלינגענדיג מיט דער פושקע, מיט דער געוויסער פושקע: „צדקה תציל ממות!" און אזוי ברענגט מען זי אויפ'ן הייליגען ארט. דארט שטעלט מען איבער איהר מטה א שווארצע חופה, ווי דער מנהג איז ביי אידען, אז עס שטארבט א כלה, און מע לעגט זי ארייז אין דער ערד, אין קבר, און עס לאזט זיך הערען עפים זעהר א בעקאנט קול. זי הערט זיך איין אינ'ם קול, און עס דאכט זיך איהר אויס, אז יוסילע סאלאוויי זינגט: דאס זאגט יוסילע נאך איהר קדיש, און דער גאנצער עולם ענטפערט אמן. אסתר הערט זיך איין אין יעדען ווארט, ווי יוסילע זאגט איבער איהר קדיש און דער עולם ענטפערט אמן... פלוצים הערט זי, ווי עמיצער טהוט א פאל אויף איהר קבר און עטליכע מענשען הויבען אן שרייען: „נעמט איהם צו, נעמט צו דעם טאטען, דעם טאטען נעמט צו פון דאנען!"... אסתר חאפט זיך אויף און דער־

זעהט, ווי זי זיצט אויף יענעם בענקעל, וואו מע האָט זי בעזעצט צום בעדעקענס, און אַרום איהר שטעהען ווייבער און אויך מאַנס־בילען, מע שרייט, מע ליאַרעמט, מע שפּריצט איהר וואַסער אין פּנים אַריין און מע רייבט זי ביי דער נאָז און ביי די אויהערען; מע צעשפּיליעט זי, מע צעגאַרסעוועט זי, און זלאַטע שרייט: „אסתר! טאָכטער מיינע! גאָט איז מיט דיר! די כלה חלש׳ט! לאָז מען אָנהויבען פיהרען צו דער חופּה! לאָז מען פּטר׳ען דאָס באַדעקענס, אין גאָטעס ווילען!"

— שאַט, מחותנת׳טע, שרייט נים! — רופט זיך אָפּ אַ אי־דינע. — שרייט נישט, אָן געהען די מחותנים, אָן געהט דער חתן, שרייט נישט, שאַ!

אַלטער פּעסי׳ס געהט־צו איין אויסגעפּוצטער, איין אויסגע־צוואָגענער, אַ יום־טוב׳דיגער, אַ געזונדער, מיט אַ געגאָלטען קאַרק און מיט אַ היבש בייכעל, דאָס בלוט שפּריצט איהם אַקאָרשט נים פון די באַקען אַרויס, און דאָס פּיסקעלע האַלט ער צונויפגענומען. פון ביידע זייטען ביידע מחותנים, בייניש און משה־אברהם זאַ־ליאַזניק, אונטערפיהרערס מיט זיידענע קנאַקענדיגע נאַקידקעס אויף די פּלייצעס, מיט געפלאָכטענע הבדלות אין די הענד. דער חתן האַלט אין די הענד אַ פּרוכת, ער געהט־צו צו אסתר׳ען און טהוט איהר אַ וואָרף דעם פּרוכת אויפ׳ן קאָפּ, און אַלע ווייבער בעשיטען איהם מיט האָפּען, מיט האָבער, שרייענדיג: „מזל־טוב! מזל־טוב!" נאָך דער חופּה האַפּען די כלי־זמר אָפּ אַ פריילִיכס, אַלע ווייבער הויבען אָן צו פּליעסקען, און זלאַטע האַפּט אַ טענצעל. זי איז גאָר גליקליך: גאָט האָט אויף איהר רחמנות געהאַט, זי האָט דערלעבט אסתר׳ען חתונה מאַכען. זלאַטע טאַנצט אַ פריילִיכס, העפּעט און דרעהט זיך, די הענד פאַרבאָקאָס און דאָס פּנים שיינט איהר, ווי, געוועהנליך, אַ מחותנת׳טע, בשעת זי מאַכט חתונה דאָס ערשטע קינד. אויף איהר קוקענדיג, האַפּען זיך יענטעל מיט ברייִ־נען פאַר די הענד (ביז אַהער האָבען די צוויי שוועסטער נישט

געערדט צווישען זיך אַ יאָהר דריי, זיך געווען שונאים, איינס מיט דאָס אַנדערע אויף מעסער־שטעכען) און זענען ביידע אַוועק אַ האָצקעלע אַקעגען זלאַטען; דערביי האָט יענטעל צוגעזונגען:

האָפּטשיק, בריינע,
איך האָב צו דיר אַ טענה:
דו ביזט ניט מיינע,
איך בין ניט דיינע!

די כלי־זמר שפּיעלען. זלאַטע, יענטעל און בריינע טאַנצען, נעמען זיך אַרום אַלע מינוט, קושען זיך און שמאַצקען זיך. אַלע ווייבער פּליעסקען, העצקען זיך אונטער אויף איין אָרט און שרייען: „שטאַרקער! שטאַרקער!" פּלוצים וואַכסט־אויס רב קלמן שדכן מיט פערקאַטשעטע אַרבעל ביז די עלענבויגענס; ער צעלאָזט די פּאָלעס און שטעלט פיס, מאַכט פּוּלקעס און שפּרינגט ביז דער סטעליע. אויף איהם קוקענדיג, האַפּט בייניש זיין שוואָגער משה־אברהם דעם זאַליאַזניק, און ביידע צעלאָזען זיי זיך אויפ'ן אידישען שטייגער, לעגען אַרויף איינער דעם אַנדערען די הענד אויף די אַכסלען, וואַרפען מיט'ן קאָפּ, מיט צוגעמאַכטע אויגען, אַרויף און אַראָפּ, און טופּען מיט די פיס, דרעהענדיג זיך אויף איין אָרט. מנשה מיט אפרים'ען, זלאַטע'ס צוויי יונגלעך, ווייסע־חברה'ניקעס, קאָנען זיך אויך ניט איינהאַלטען; זיי שפּרינגען אַריין אין קאָהן אַריין און וואַרפען מיט פיסלעך, בריקעווען ווי די קעלבלעך — העץ־העץ־העץ! וואָס ווייטער ווערען מעהר טענצער, ביז מע נעמט זיך אַלע פאַר די הענד און מע געהט גאָר אַ קאַראַהאָד, שרייענדיג צו די כלי־זמר: „לעבעדיגער! שטאַרקער!" אַלע העפּען, טאַנצען, פּליעסקען און העצקען זיך. עס ווערד אַ מיש־מאַש, אַ דרעהעניש, אַ טומעל, אַ געפּילדער, ווי געוועהנליך אַ אידישע חתונה.

XXVIII.

א יאמפעלער בעל־עגלה גיט־איבער לייזערען א משונה־מאדנע פארשוינדעל.

זינט לייזער דער בעל־עגלה פיהרט פארשוינען פון מאזעפעווקע קיין קאשפערעווו און פון קאשפערעווו קיין מאזעפעווקע, האט זיך איהם נאך ניט געטראפען אזא גילדען פארשוינדעל, ווי גאט האט איהם צוגעשיקט איינמאל ארום חצי־אלול דורך א יאמפעלער בעל־עגלה, ספאסיבע איהם. שמירענדיג דעם וואגען, האט איהם לייזער צוגעזאגט ברענגען קיין מאזעפעווקע פארפריה, נאך איידער די זון וועט זיך זעצען; ער מעג זיך פערלאזען אויף זיינע פערד־לעך, פאנקעוועו זיי וועט ער אויך ניט, וואָרום וויבאלד מע בעדארף פאהרען גיך, איז דאך קיין תירוץ ניט.

— דאליבוג, פאניטשו, טא פראוודא יעסט! — האט איהם פאטאקעוועט דער יאמפעלער בעל־עגלה, אויסשמועסענדיג זיך מיט'ן פארשוינדעל אויף פויליש, און האט טאקי באלד א מאך גע־טהאן צו לייזערען שוין אויף אידיש:

— וואס טויג מיר מעשיות, רב לייזער, איך האב אייך גאר דער'הרג'עט מיט א קניש — א גוט העכטעל! איהר וועט פון איהם, נישקשה, הנאה האבען. ביי די לייט איז דאס קערבעל א ממזר. וואו דערטאפ איך אזא סטים אויך צוריקוועגס, רב לייזער?

— יהודי בלא! צו וואס טויג דאס דבר'ען! — האט איהם לייזער אפגעענטפערט אויף לשון־קודש.

— וואס איז דען, רב לייזער?

— וואס איז דען? דו זעהסט דאך, ווי דער אדון שמייבעלט. ווי א פגר אומגעוואשען; טאמער איז ער מבין כל דבור?

— ווי לאנג שמייסט מען איהם! ער פארשטעהט מעהר פון א טוידטען. אז איהר וועט איבערלאזען די שוואצע מיהל, רב לייזער, מעגט איהר אייך הייסען געבען א הוספה, נישקשה, ער איז נישט קראנק. שוין אלול־צייט, דער וועג איז, מחילה, געדריפעט. איך האב מורא, אז איהר וועט האבען איין איבערשלאג, רב לייזער, ווארום איך זעה, אייערער, יענער וואס אויפ'ן דראנזשיק, מאכט מיר עפים לעמעל. נו, פאהרט־זשע געזונטערהייד, רב לייזער, און פאר־פיהרט מיר נישט מיין מאהאריטש, ווארום גאט איז גאט און בראנ־פען איז בראנפען, פארשטעהט איהר מיך... בוואיטע זדראווע, פא־נימשו! — האט דער יאמפעלער בעל־עגלה א מאך געטהאן צום פארשוינדעל, ארונטערהויבענדיג דאס היטעל.

ארויספאהרענדיג פון קאשפערעוו און נעמענדיג זיך אויפ'ן מא־זעפעווקער שליאך, האט לייזער בעל־עגלה א פרעג געטהאן ביי זיין פארשוינדעל, צי איז ער ניט פון דער סעמענאריע? מחמת פאר־איאהרען אין דער צייט האט ער אויך געפיהרט צוויי פארשוינדלעך, פאניטשלעך פון דער סעמענאריע, זעהר וואילע מענשען. פלוצים הערט לייזער פון דער קעלני, ווי עמיצער מאכט צו איהם אויף אידיש:

— איהר האט מיך גאר נישט דערקענט, רב לייזער?

לייזער בעל־עגלה איז שיער פון דער קעלני ארא פגעפאלען פאר שרעק: ער האט זיך גענומען ארומקוקען אויף אלע זייטען, גע־חאפט א קוק אונטער'ן וואגען, פעררייסען דעם קאפ ארויף, און האט גארנישט געקאנט פערשטעהן, פון וואנען געהט עס דאס קול?

— רב לייזער! חא־חא־חא! איהר האט מיך גאר נישט דער־קענט? קוקט זיך נאר גוט איין! — מאכט צו איהם נאך א מאל דאס פארשוינדעל און צעלאכט זיך אויף א קול. לייזער בעל־עגלה איז געווארען אויסער זיך; ער האט אפגעשטעלט די פערדלעך און האט זיך גענומען בעטראכטען דאס פארשוינדעל זיינס, אויסשטע־לענדיג אויף איהם א פאר אויגען.

— חאַטש נעמט שינדט מיר די פעל, הרג'עט מיך דאָ אויפ'ן אָרט, — זאָגט לייזער — געדענק איך ניט! עפּיס זענט איהר מיר יאָ קענטליך און ניט קענטליך. זענט איהר טשאַסאַם מנשה דעם זייגערמאַכער'ס שוואָגעריק?

— וואָסער זייגערמאַכער? וואָסער שוואָגעריק? איך בין שמואליק דעם חזנ'ס זוהנדעל, יוסילע בין איך, יוסילע סאָלאָוויי.

— אַ־אַ־אַ?... וואָס־זשע מאַכסט דו גוטס? נאַ דיר אַפּ שלום! און איך, בהמה, שטעה, ווי אַ טעלעצע, און קוק און קוק — אַט אַ קאָפּ! וואָס־זשע מאַכסט דו עפּיס? וויאַ, וויאַ, אַדלערס מיינע! הויבט פיסלעך, פגירות מיינע! אַ גאַסט, אַ גאַסט! סטייטש, אַ גאַסט! ביזט דו דאָס שמואליק'ס זוהנדעל? מע זאָל מיר אַראָפּ־נעמען די פעל, וואָלט איך נישט געזאָגט, אז דו ביזט אַ אידיש קינד. טראָגסט לאַנגע האָר, האָב איך געמיינט, אז דו ביזט פון דער סעמענאַריע. ביזט דו דאָס יוסילע סאָלאָוויי, הייסט דאָס? נו־נו! מעהר מע לעבט, מעהר עסט מען! איך געדענק נאָך דאָס דאַוונען דיינס אין דער קאַלטער שוהל. איי, יוסילע! און איך, בהמה בצורת פערד, שטעה און קוק, חאַטש מאָהל מיך אויס! איך וויים זעהר? ער זאָגט אַ פּאַניטשעל, לאָז זיין אַ פּאַניטשעל. געה ריכט זיך אויף אַ שלאַק! איי, יוסילע! וויאַ, מיינע ציטעריגע! וויאַ־וויאַ, פגירות איינע!

לייזער בעל־עגלה און יוסילע סאָלאָוויי האָבען זיך ביידע דער־פריידט, מחיה געווען איינס מיט'ן אַנדערען. יוסילע איז אַרויף צו לייזערען אויף דער קעלני און האָט ביי איהם אויסגעפרעגט אַלס־דינג, וואָס אין דער היים טהוט זיך, נישט דורכגעלאָזט קיינעם. לייזער האָט אויף אַלסדינג געענטפערט אַלץ וואָס ער ווייסט, נישט פערלייקענט קיין זאַך; אפילו פון די פריהעריגע פערדלעך זיינע, וואָס ער האָט אויסגעביטען אין קאַשפּערעוו אויפ'ן יריד און האָט זיך דוקא אָפּגענאַרט, מחמת די פערדמעקלערס דאָרט זענען גרויסע מאַשעניקעס...

— אזעלבע ממזרים, זאג איך דיר, וואס מע קריגט זיי גאר ניט. מע זאל אויספאהרען די גאנצע וועלט: זיי קאנען דיר פארדרעהען דעם גרעסטען סוחר, זיי פארשאלאמאנען דעם קאפ אזוי, אז דו וועסט בלייבען פריטשמעליעט, פארצאמט — נישט רעכטס, נישט לינקס! ערגער פון די ציגיינער, איך זאל אזוי גליקליך זיין, אז זיי זענען ערגער טויזענד מאל פון די ציגיינער!... וויא, א פגירה זאל אויף אייך קומען, חלירעס מיינע! האבער ווילט זיך אייך? מיינע צרות וועל איך אייך געבען מיט'ן דלות א צוגאב, ברענען זאל די פעל אייערע!

— וואס זשע מאכט דארטען אונזער שכנה, זלאטע די צעלני־קערין? — פרעגט יוסילע, און דאס הארץ קלאפט איהם.

— וואס זאל זי מאכען? — ענטפערט לייזער. — זי מאכט חתונה.

— וואס הייסט זי מאכט חתונה? ווענען מאכט זי חתונה?

— די טאכטער מאכט זי חתונה.

— די טאכטער? — פרעגט יוסילע און טהוט זיך א ווארף צו לייזערען. — וואו? וואס? ווען?

— זי מאכט חתונה די טאכטער איהרע, — ענטפערט לייזער — ווי אזוי הייסט זי דארטען? איך האב שוין פארגעסען, ווי אזוי זי הייסט: דער קאשפערעווער יריד מיט די מעקלערס האבען מיר אזוי דעם קאפ דערשלאגען, אז פון דאנען אהין פארגעס איך... שרפה'נען זאלען די ביינער אייערע, פגירות מיינע, וויא!

— אסתר הייסט זי. נו? האט זי חתונה? וואו? ווען? פאר ווען?

— פאר... ווי אזוי רופט מען איהם, אט דעם המן דעם פראַ־צענטניק, ווייסט דער רוח די נשמה זיינע?

— יענקעל מאיר־פיני'ס? בערעל משה־ליפע'ס? איצעל אברהמ'ס? שמחה־דן? געצעל־מנשה?

— ניין! — זאגט לייזער, קראצענדיג זיך מיט דער בייטש ביי דער פאטילעצע. — אך, ווי אזוי הייסט ער, צו־נ־אלדי רוחות?

בראָש ליגט ער מיר אויף דער צונג! ער איז דייך, צו־נ־אַלדי שוואַרצע יאָהר, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. אַ גראָבער איז ער, אַ בעז־דיטניק, זיין שטוב איז די דריטע פונ׳ם נייעם בית־המדרש, אויב דו ווייסט.

— אפשר אַלטער פעסי׳ס?

— אַלטער, אַלטער, אַ מיתה מהומה זאָל אויף אייך קומען! אַלטער, אַלטער!

— נו, האָט זי חתונה פאַר דעם אַלטערען, רב לייזער? וואו? ווען? ווי אַרום?

— איך ווייס ווי אַרום? צי דאָ אַרומער, צי דאָרט אַרום? איך האָב געהערט, אַז ער נעמט זי. למאי איך האָב געהערט, אַז דו האָסט חתונה געהאַט און ביזט גאָר גליקליך? איז דאָס אמת, יוסילע־סערדצע? וויאָ, פגירות, האָב אייך אַכציג שוואַרצע יאָהר! ווי מיינסט דו, מיר וועלען היינט האָבען אַ ליכטיגע נאַכט? ס׳איז אפילו חצי אלול, האַ? גאָט זאָל געבען, מיר זאָלען חאָטש קאָנען איינפאָהרען ביז טאָג צו דער געמויערטער קרעטשמע.

— וואָס הייסט ביז טאָג, רב לייזער? איהר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט ברענגען מיך אויף ביינאַכט קיין מאַזעפּעווקע, — וואָס הייסט דאָס, רב לייזער?

— איך האָב צוגעזאָגט? דאַכט זיך, דו זעהסט אַליין, מע שטעהט ניט; מע פאָהרט, דאַכט זיך, כסדר?

— טרייבט זשע טאַקי אונטער, רב לייזער, די פערדלעך, לאָזען זיי געהן אַ ביסעל גיכער, איך בעט אייך.

— אַ ביסעל גיכער? איהר קומט, אפנים, פונ׳ם גיכען לאַנד, יונגערמאַן? עס איז גרינג צו זאָגען יענעם, ער זאָל לויפען אַ ביסעל גיכער! איך וואָלט אַ בעלן געווען, דו זאָלסט זיין אַ פערדעל, און זעהען, ווי אַזוי וואָלסט דו געפלויגען אַרויף אַ באַרג.

— וואָסער אַרויף אַ באַרג? מע זעהט נאָך גאָר קיין באַרג נישט! איהר האָט ביי מיר, רב לייזער, נאָך אַ דרייערעל, אַ פינפע־

רעל האט איהר, אבי פאהרט גיכער: איך דארף, פארשטעהסט איהר מיך, וואס גיכער.

— מהסתם ווילסט דו ספיעשען וואס גיכער? האסט דאס ביי מיר אויך גע'פועל'ט... וויא, מיינע אדלערס! נאך א פינפערעל, איינגעזונקען זאלט איהר ווערען! פאשאל! פאשאל! ס'וועט זיין ר־ע־ע־כט!

לייזער שמייסט די פערדלעך, קאראראשעט זיי די פעל, טיילט זיי איין שטעקענס געגוג און קאראניעט בשעת מעשה דעם קאשפע־רעווער יריד מיט די דארטיגע פערדמעקלערס, און יוסילע ליגט אין ביידעל מיט ביידע הענד אונטער'ן קאפ, שטארק פערטיעפט אין זיינע מחשבות, און הערט גאר נישט לייזער'ס קללות, מיט לייזער'ס פייפען, מיט לייזער'ס טרייבען די פערדלעך געשמאק, מיט לייזער'ס צוזינגען אויף זיין בויך־שטימע עפים א טרויעריג ליעדעל, אהן איין אנהויב און אהן א סוף.

מחשבות, געדאנקען, חלומות, — דאס האט יוסילע סאלאוויי געהאט, ווי מיר ווייסען שוין, נאך פון קינדערוויז אן. ער האט תמיד ליעב געהאט צו פליהען אין הימעל אריין, פאנטאזירען, פארשטע־לען זיך גילדענע בערג. ארויסרייסענדיג זיך קוים מיט צרות פון באדרימשעוו אויף עטליכע טעג און פאהרענדיג אהיים, האט ער זיך פארגעשטעלט, ווי אזוי ער וועט אריינפאהרען אין שטאדט און קיי־נער וועט איהם נישט דערקענען. ער וועט זיך הייסען צופיהרען צו שמואליק דעם חזנ'ס שטיבעל. שמואליק וועט איהם אנקוקען פערוואונדערט: „וועמען דארפט איהר האבען?" — וועט ער איהם פרעגען. — „האסט מיך נים דערקענט, טאטע? דאס בין איך!" — וועט ער איהם ענטפערען, פאלענדיג דעם טאטען אויפ'ן האלז. נאכדעם וועט ווערען א ליארעם: „יוסילע איז געקומען!" זיין שטיפמאמע, די חזנ'טע, וועט נעווים וועלען פערדיענען א מצוה, וועט זי לויפען אנזאגען זלאטען מיט אסתר'ען א בשורה: „איהר ווייסט, וואס פאר א גאסט מיר האבען? אונזער יוסילע איז געקו־מען!" נאר יוסילע וועט זי נים לאזען לויפען. ער וויל בעסער אליין

זיך דורכגעהן אהין און מאכען מיט זיי איין אויסרעד, ווי א ווילדפרעמדער. ער וועט זיך שוין געפינען איין אויסרעד דארטען. ער וועט מאכען מיט זיי א שמועס וועגען יוסילע סאלאוויי און דערווייל קוקען אסתר'ען אין פנים אריין, וואס וועט זי זאגען. נאכדעם וועט ער זיך מיט א מאל אנטפלעקען פאר זיי, ווי יוסף פאר זיינע ברידער אין מצרים, און וועט זאגען: „דאס בין איך, יוסף!“ אסתר וועט ווערען אנגעצונדען, און עס וועלען זיך שטעלען טרערען ביי איהר אין די אויגען. נאכדעם, אז ער וועט בלייבען מיט איהר אליין, וועט ער איהר אויג אויף אויג אויסדערצעהלען אלסדינג, וואס ביי איהם אויפ'ן הארצען טהוט זיך, אלץ וואס מיט איהם האט זיך אפגעטהאן ביז אהער. ער וועט פון איהר נישט לייקענען גארנישט. ער וועט איהר אלץ אויפדעקען, און אסתר וועט איהם מוחל זיין. ער וועט איהר דערצעהלען, ווי אזוי ער האט זיך די גאנצע צייט געריסען אהיים, נאר גדליה באס, ימח שמו, האט איהם נישט דערלאזט, געשלעפט איהם פון איין שטאדט אין דער אנדערער, אלץ אפלעגענדיג אויף שפעטער! נאכדעם, ווי אזוי ער איז שוין גרייט געוועזן צו פאהרען אהיים, האט זיך אונטערגעחאפט דאס אומגליק, פערעלע די דאמע, און ער איז אריינגעפאלען אין דער נעץ, אין דער שאול תחתיה אריין, ארומקוקענדיג זיך שוין אביסעל צו שפעט... ער ווייסט, ווי נאריש ער האט געטהאן, ווי מיאוס ער האט זיך בעגאנגען אקעגען אלעמען, נישט אנפרעגענדיג זיך ביי קיין עלטערע. אפטהון אזא מעשה אהן א טאטען, אהן א שום טאלק! ער ווייסט דאס גאנץ גוט — נאר וואס קומט ארויס, אז דער שכל קומט תמיד נאך די יאהרען? ער וועט נישט לייקענען פאר אסתר'ען, אז א ביסעל פערעלע מיט איהר שפיעלען און א ביסעל מיט איהר געלד האבען איהם גארדעם קאפ פערדרעהט, און ער פערשטעהט דאס גאר ניט, ווי אזוי האט ער גאר געקאנט פערגעסען אין זיינע ליעבע און טייערע? ווי אזוי האט ער גאר געקאנט פערבייטען אסתר'ען אויף פערעלען? און צוליעב וואס? שוין־זשע צוליעב געלד? צו וואס טויג איהם

דאָס געלד איהרס? יוסילע וועט איהר דערצעהלען, ווי אזוי ער האָט געליטען, וואָס ער האָט איבערגעטראָגען אין דעם חודש; ווי אזוי עס איז איהם אָנגעקומען שווער זיך ארויסצורייסען אהיים; ווי אזוי פּערעלע האָט נאָר געוואָלט פאָהרען מיט איהר אינאיינעם, נים אנדערש; ווי אזוי ער האָט זי קוים איינגעבעטען, געוויינט פאַר איהר, זי זאָל איהם לאָזען אליין; ווי אזוי עס איז איהם נמאס דאָס לעבען, ענג, דושנע, פּוסט און פינסטער די גאַנצע וועלט; ווי אזוי דאָס הארץ ציהט איהם אהיים, צו איהר, צו אסתר'ען, און צוליעב איהר איז ער גרייט אויף אלסדינג, אפילו שטאַרבען! און לאָז זי וויסען אלץ און לאָז זי זאָגען, וואָס צו טהון, וועט ער טהון. ער וועט זי פאָלגען אלץ, וואָס זי וועט איהם הייסען. צוליעב איהר איז ער גרייט אין פייער און אין וואסער, אנטלויפען מיט איהר אין עק וועלט אריין אפילו!...

און יוסילע הויבט־אָן צו פאַנטאַזירען, ווי אזוי ער אנטלויפט מיט אסתר'ען אין עק וועלט אריין... ער ווערד אנשלאָפען ביי'ם יאַמפּעלער בעל־עגלה אויפ'ן וואָגען און חאפּט זיך אויף ערשט דער־מאָלט, ווען מע פאָהרט אריין קיין קאשפּערעווו, און ביידע בעלי־עגלות בעגעגענען זיך. פון לייזערען דערהערט יוסילע א פינסטערע, ביטערע בשורה, און זיין פאַנטאַזיע הויבט־אָן צו ארבייטען שוין נאָר אין איין אנדער זייט אריין.

XXIX.

לייזער טרייבט די פערדלעך און ברענגט יוסילען אהיים שוין שפּעט אין דער נאַכט.

אנדערע מחשבות, אנדערע געדאַנקען האָבען זיך געפלאָנטעט ביי יוסילען אין קאָפּ, נאָכדעם ווי ער האָט דערהערט פון לייזערען

די גוטע בשורה, אַז אסתר האָט חתונה פאַר איין אַנדערען, פאַר אַלטערען גאָר! אַלע זיינע פריהעריגע חלומות זענען מיט אַ מאָל אַוועק, פערשוואונדען געוואָרען. ער איז געוואָרען אָנגעצונדען אויף אַלטערען, אויף זלאַטען און אויך אויף אסתר'ען; אַלע זענען אויס־געקומען ביי איהם משונה־ווילד, שולדיג ארום־און־ארום, חוץ ער אַליין. עס איז איהם גאָר אויף די געדאַנקען נישט געקומען, ער זאָל זיך אַ פרעג טהון: אפשר איז ער דאָ דער גאַנצער חייב? ער האָט שוין ארויסגעקוקט די מינוט, די רגע, ער זאָל שוין דערלעבען קומען אַהיים. יעדע רגע איז איהם געווען אַ יאָהר.

— ס'איז נאָך וויט? — האָט ער אַ פרעג געטהאָן ביי לייזערען, ארויסשטעקענדיג אויף אַ מינוט דעם קאָפּ פון בויד און אָנריהרענ־דיג איהם ביי דער האַנד.

לייזער האָט עפּיס אַ מורקע געטהאָן אונטער דער נאָז און האָט אויסגעשפּיגען. עס האָט אויסגעוויזען, אַז לייזער איז געווען ניט אַזוי צופריעדען, וואָס מע האָט איהם איבערגעשלאָגען סאַמע אין בעסטען שלאָף. אויך די פערדלעך האָבען געהאַלטען אין מיטען דרימלען, געליאַמעוועט מיט די פיסלעך, ז י ך ג ע מ א כ ט ג ל י י ך ו ו י ז י י ל ו י פ ע ן. אין דרויסען שמעקט שוין מיט אלול־צייט. די זון האַלט ביי זעצען זיך. איין עק הימעל האָט זיך בעפאַרבט מיט אַ ברייטען רויטען פאַס, ווי מיט בלוט צעגאָסען זיך איבער'ן גאַנצען מערב־זייט. אַ קיהל ווינטעלע פער'גנב'עט זיך צו יוסילען אין בויד אריין, ריהרט איהם אָן ביי זיינע לאַנגע, געקרייזעלטע האָר, טהוט איהם אַ גלעט, אַ שמיר איבער'ן פּנים. ער שפּאַרט זיך אָן אין ביידעל און הויבט־אָן צו דרימלען. דאָס ווינטעלע בלאָזט, די בויד טרייסעלט זיך, די גלעט־קעלעך קלינגען, די פערדלעך שמייסען מיט די ווידלען, און לייזער געהניצט, ציהט אַלץ דאָס אייגענע טרויעריגע ליעדעל, וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און ניט קיין סוף, — און דאָס אַלץ וואַרפט־אָן אויף יוסילען נאָך אַ גרעסערע מרה־שחורה, און ער ווערד אַנשלאָפען.

יאסילע ווערד אנשלאָפען, און עס ווייזט זיך איהם אויס, אז ער איז נאָך א קינד. ער געפינט זיך אין מאַזעפּעווקע ביי יענעם הויכען באַרג, וואָס פלעגט איהם קינדווייז אויסווייזען מורא׳דיג הויך, כמעט ביז דער חמאַרע. דאָרטען אויפ׳ן שפּיץ באַרג — אזוי פלעגט מען דערצעהלען אין חדר — וואַכסען טייערע שמעקענדיגע בשמים מיט אַלערליי געווירצען, און עס ליגט דאָרט בעהאַלטען, פערגראָבען אין א ווינקעלע, יענער אוצר, וואָס מ א ז ע פּ א האָט איהם דאָרטען בעגראָבען, נישט אויסזאָגענדיג קיינעם דעם אָרט פון איהם. אויך איז דאָרט פאַרהאַן א קריסטאַלענער פּאַלאַץ, — אזוי האָט ער געהערט אין חדר — און דאָרט אין פּאַלאַץ זיצט א פערזינדיגטע בת־מלכה איינע אליין; אַלע נאַכט, ווען די לבנה געהט־אויף, הערט מען, ווי זי וויינט און רופט צו זיך מיט א טרויע־ריג קול פון א פוהאַטש. און דעמאָלט איז א סכנה צו געהן איינער אַליין אָהן א שומר... עס ווייזט זיך איהם אויס, אז ער קריכט אויפ׳ן באַרג, ער קלעטערט, ער דראַפּעט זיך העכער און העכער, און צום שפּיץ באַרג איז נאָך ווייט. ער הויבט־אָן צו קריכען אויף אַלע פיער ניך־גיך, טאַקי נאָר ווי א שרעטעלע, ער פליהט אַלץ העכער און העכער, און צום שפּיץ באַרג איז נאָך אַלץ ווייט. ער חאַפּט א קוק אַראָפּ און ווערד פערציטערט פאַר שרעק, דערזעהענדיג, וואָס פאַר א מהלך רב ער איז שוין אָפּגעגאַנגען — און צום שפּיץ באַרג איז נאָך אַלץ ווייט. עס בעשלאָגט איהם א קאַלטער שוויס, ער זעהט, ווי ווייט ער איז פערקראָכען. ער זעהט פאַר זיך קיין לעבעדיגען מענשען, קיין הייזער, קיין ערד אפילו, נאָר באַרג און הימעל, הימעל און באַרג. ער פיהלט, ווי עס געהען איהם אויס די כוחות, עס ווערד איהם נישט גוט טאַקי נאָר אויף חלש׳ען...

ער חאַפּט זיך אויף און ווערד תיכף ווידער אנשלאָפען, און עס דאַכט זיך איהם, ער איז אין א געדיכטען שאָטענדיגען וואַלד. ער ליגט אויסגעצויגען אויפ׳ן גרינעם גראָז, אין איין האַנד האַלט ער א טעלערעל מיט שלח־מנות, מיט דער אַנדערער גלעט ער אסתר׳ען איבער׳ן קאָפּ, און אסתר זינגט איהם שטיל א ליעדעל פון

דער „יונגער נשמה", איינס פון „גאָלדענפאַדעמ׳ס" ליעדלעך, וואָס זיי פלעגען ביידע קינדווייז אָפּט זינגען:

„געשלאָפען איז אַלעס, האַלבע נאַכט איז געווען,
עס האָט זיך קיין בריאה גערירט.
די זילבערנע לבנה האָט זיך אַליין
צווישען די שטערען שפּאַציערט"...

פּלוצים דערזעהט ער פון דערווייטענס, ווי אַ גרויסע ווייסע קאַץ גנב׳עט זיך צו איהם. מיט איהרע גלאַטע פיס שטעלט זי שטילע טריט און רוקט זיך צו צו איהם וואָס ווייטער אַלץ נעהענטער און נעהענטער. זי געהט־צו צו איהם גאַנץ נאָהענט און שטעקט איהם אריין איהרע נעגעל אין האַלז אריין און הויבט איהם אָן צו דושען און צו וואַרגען. ער פּיהלט, ווי עס האַרכעלט איהם אינוועניג אין גאַרגעל, ער וויל שרייען און קאָן ניט. ער קוקט דער קאַץ אין די אויגען אריין, און עס דאַכט זיך איהם, אַז זי שמייכעלט. ער קוקט זיך איין נאָך בעסער, און דערקענט אין איהר פּערעלען... ער וויל שרייען, און קאָן ניט... אַ מורא׳דיגער, אַ שווארצער קודלאַטער הונד שטעהט איבער איהם און סיפּעט איהם און בייסט איהם. ער קוקט זיך גוט איין און דערקענט אין איהם גדליה׳ן... ער טהוט זיך אַ ריס מיט אַלע כוחות און טהוט אַ געשריי ניט מיט זיין קול: „אוי, טאַטע!"

— אוי, טאַטע! — שרייעט־אויס יוסילע אויף אַ קול און חאַפּט זיך אויף פונ׳ם שלאָף ווי אַ צעדולטער. — טפו־טפו־טפו! וואו זענען מיר, רב לייזער?

— וואו מיר זענען, פרעגסט דו? — ענטפערט איהם לייזער מיט אַ ברוגז׳דיג קול, געהענדיג שוין צו־פוס גלייך מיט די פערד־לעך, שעלטענדיג זיי מיט טויטע קללות. — אָה, מיר זענען שוין גאַנץ וויים, אַ פּגירה זאָל אויף אייך קומען, חלירעס! שוין לאַנג אריבערגעפאָהרען כמעט העכער אַ האַלבען באַרג, אַ מיתה־פּאַהיבעל

אויף אייך, ווי איך האָב מיך דאָ אַ ביסעל אָנגעמאָרדעוועט! אפשר וואָלט געווען אַ סברה, זאָלסט זיך מטריח זיין אַ קאַפּעלע אַראָפּקריכען און מוחל זיין אונטערגעהן אַט דאָ ביי דער זייט, טאָמער וועט זיין פאַרט אַ ביסעל גרינגער פאַר די פערדלעך, שרפה'נען זאָל די פעל אייערע!

— אָבער ס'איז באַלד די שטאָדט, רב לייזער? — פרעגט יוסילע מיט אַ וויינענדיג קול.

— באַלד, באַלד, פאַרשטעהט זיך, באַלד. אַט דאָ נאָכ'ן באַרג בלייבט איבער אַ שטיקעל זאַמדיג אָרט, נאָכדעם אַ ווערדעל, נאָכדעם ווידער זאַמד, און נאָכדעם געהט שוין אַ גלייכער וועג מיט'ן פּאָטשטאָווע טראַקט גלייך אין שטאָדט אריין.

וואָס קאָן מען טהון? יוסילע נעמט זיך אָן מיט האַרץ און געהט־נאָך נאָך דער בויד. דער קאָפּ איז איהם שווער, די פיס ברע־כען איהם און אין האַלז פּיהלט ער איין ענגשאַפט. די פערדלעך נעבאַך שלעפּען דעם וואָגען אַרויף אַ באַרג גאָר אָהן חשק. זיי וואָל־טען זיך בפירוש אָפּגעשטעלט אַט־אָ־דאָ, גאָר נישט קוקענדיג אויף לייזער'ס קללות, וואָס ער שיט אויף זיי; ער גיט זיי אָבער אָנצו־הערעניש מיט דער בייטש, אַז מע דאַרף געהן ווייטער. די לבנה, וואָס האָט זיך אויסגעשניטען פונ'ם עק הימעל, שוועבט אַלץ הע־כער און העכער. דאָס ווינטעלע ווערד נאָך קיהלער, און יוסילע געהט ביי'ם וואָגען גאַנץ געשמאַק, ווי אַ מענש, וואָס האָט אויף זיך מקבל געווען דעם גלות...

— אַצינד קריך אריין, זיי מוחל, צוריק אין וואָגען אריין. — זאָגט צו איהם לייזער, אָפּשטעלענדיג זיך אויף אַ מינוט. — עס וועט נים נעדרויערען אפילו וואָס אַ טרונק וואַסער באַטרעפט, ווע‌לען מיר שוין זיין אין דערהיים.

אַ נייע נשמה האָט לייזער אריינגעזעצט אין יוסילען מיט די דאָזיגע עטליכע ווערטער. ער זאָל זיך נים שעמען פאַר זיך אַליין, וואָלט ער איהם אַרומגעכאַפּט קושען, און האָטש עס האָט גע־

דויערט אַ סך מעהר „וואָס אַ טרונק וואַסער בעטרעפט“, פון דעסט־וועגען איז מען פאָרט אַמאָל געקומען קיין מאַזעפּעווקע.

קיינמאָל האָט נאָך יוסילע אַזוי ניט אָנגעקוועלט פון דער שטאָדט מאַזעפּעווקע מיט איהר שמעקעדיגער בלאָטע און מיט איהרע קליינע, פינסטערע, פערשלאָפענע שטיבלעך, ווי אַצינד. ער האָט זיך געפיהלט, ווי אַ שררה, וואָס פאָהרט אַריין צו זיך אין זיין גוטס, קלויבענדיג נחת פון איטליכס ברעקעלע. ער האָט שוין נישט געקאָנט איינזיצען אויפ'ן אָרט און האָט אַרויסגעשטעקט די נאָז פון בויד אַרויס, נאָר ער האָט זי געמוזט פערשטעלען מיט דער האַנד... ווי אַ קליין קינד, איז ער אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד, רעדענדיג צו זיך אַליין: „אָט איז זלמן־אלי־דעם־שוחט'ס שטוב! אָט איז צמח־דעם־נגיד'ס שטוב! אָט איז ארקע־דעם־שוסטער'ס שטוב, און אָט זענען די קלייטען... שאַ! אָן איז די אַלטע קלויז און אָן איז זלאַטע'ס שטוב, וואו דער טאַטע זיצט... וואָס לייכט זיך עס דאָרטען, אוי? רב לייזער, טהוט נאָר אַ קוק, זייט מוחל, ווי עס איז ליכטיג דאָרט ביי אונז! אוי, וועה איז מיר! מיר דאַכט, עס נעצט?!

— ווער נעצט? וואָס נעצט? — האָט איהם לייזער געענטפערט, טרייבענדיג די פערדלעך, ווי אַ רוצח. — עס הויבט אפילו ניט אָן צו נעצען! וואָס נאָך ווערסט דו אויסטראַכטען?

— וואָס־זשע דען איז דאָרט אַזוי ליכטיג? שאַ, מיר דאַכט, אַז כלי־זמר שפּיעלען? עס לאָזט זיך הערען דער פּויק מיט די טאַצען! וואָס איז דאָס? אַ חתונה, צי וואָס? רב לייזער, איהר הערט אַ חתונה?

נאָר לייזער ענטפערט שוין מעהר ניט קיין וואָרט. ער שניידט און בראָקט די בידנע פערדלעך, וועלכע זענען שוין אַליין אויך צו־פריעדען, וואָס זיי האָבען זוכה געווען צו קומען אהיים זיך שוין אָפּרוהען אַ קאַפּ: געגנוג אָנגעלאָפען זיך! זיי פערדרייסען די וויידלען און צעלאָזען זיך מיט די לעצטע כוחות, צושאָקלענדיג ביי יעד־

דען שמיץ מיט די קעפּ, ווי איינער רעדט: „אַלטער נאַר! וואָס שמייסט דו אונז? מיר פערשטעהען אַליין ווען מע בעדאַרף לויפען און ווען ניט“... מיט אַ הוק און מיט אַ טראַסק שטעלט זיך אָפּ לייזער׳ס בויד נעבען שמואליק דעם חזנ׳ס פענסטער, שיער נישט אַריינפאָהרענדיג אַהין מיט׳ן דישעל. יוסילע שפּרינגט־אַראָפּ און לויפט־צו צו דער שטוב. אין דער האַלב, וואָס שמואליק זיצט, איז שטאָק־פינסטער, און אויף דער טיר הענגט אַ שלאָס — אַ סימן, אַז מען איז ניטאָ אין דערהיים. דערפאַר איז אין דער אַנדערער האַלב, דאָרט וואו זלאַטע די צעלניקערין וואָהנט, שטאַרק ליכטיג און פרעהליך. כלי־זמר שפּיעלען, און עס הערט זיך, ווי מע טאַנצט, מע טופּעט און מען שרייט: „שטאַרקער! שטאַרקער!“ ביי דער טיר איז איין ענגשאַפט פון דעם צונויפגעלאָפענעם פּשוט׳ען עולם, וואָס שטעהען, קנאַקען סעמיטשקעס און לאַכען. ער געהט־צו און טהוט אַ פרעג ביי דער צונויפגעלאָפענער חברה: וואָס איז דאָ אַזעלכעס?

— צע זשידיוווסקע וויסיליע! — ענטפערען זיי איהם מיט אַ געלעכטער און ווייזען איהם אָן מיט די פינגער אַהין, אין שטוב אַריין. יוסילע שפּאַרט זיך דורך מיט ביידע עלענבויגענס, קומט־אַריין אין שטוב אַריין און דערזעהט פאַר זיך אַ בילד, פון וועלכען עס ווערד איהם פינסטער אין די אויגען.

XXX.

בעל־כרחם זענען זיך אידען משמח, און יוסילע קומט־אָן אין דער רעכטער שמחה.

„על־כרחך, זאָגען אונזערע חכמים, אתה חי — מיט גוואַלד לעבּסט דו!“ מיט גוואַלד קומט־אוים דער איד דאָס שטיקעל וועלט,

מיט גוואַלד מאַכט ער חתונה קינדער, מיט גוואַלד פּרעהט ער זיך. אַ איד, אַז ער וויל זיך פרעהען, דאָס הייסט, אַרויסבעווייזען זיין שמחה, בעדאַרף ער זיך נעמען מיט גוואַלד אָנטהון זיך אַ כח. „אי־דען, — שרייט ער דעמאָלט — אידען, לאָמיר פרייליך זיין!“ און מע נעמט זיך אַלע צונויף און מע מאַכט אַ כוסה, מיט גוואַלד. וואָרום ניט אין דער טבע פונ׳ם אידען איז אַ כוסה צו מאַכען. און ווער עס קאָן ניט טרינקען, גיסט מען איהם אַריין מיט גוואַלד אין האַלז אַריין, דאָס הייסט אויף לשון־השכורים: „מע האַקט אַריין אַ גאַלקע“, און ער מוז פרייליך ווערען, חאָטש עס ווילט זיך איהם ניט. ער מוז טאַנצען, חאָטש עס טאַנצט זיך איהם ניט. אַ מחיה אָנצו־קוקען, ווי אידען קלויבען זיך צונויף אויף אַ שמחה און תיכף נאָך די ערשטע צוויי „גאַלקעס“ הויבט מען אָן צו פּליעסקען און צו זינ־גען:

לאָמיר טרינקען, חברה, וויין,
שניידען גאַלקעס אין האַלז אַריין;
דער רבי האָט געהייסען פרייליך זיין
ביז׳ן ווייסען טאָג אַריין!

און טאַקי באַלד ווערד די קאַפּאָטע אַזוי שווער, אַז מע מוז זי אַראָפּוואַרפען און בלייבען אין די הוילע תחתונים, מחילה, מיט׳ן טלית־קטן, להבדיל, פון אויבען; עפּיס טאַנצט זיך גאָר דעמאָלט אַנדערש, און אַלע אינאיינעם געהען זיי אַ קאַראַהאָד, צוהאַלטענדיג איינער דעם אַנדערען מיט דער האַנד. די כלי־זמר שפּיעלען שוין דעמאָלט אָהן נאָטען, מע רייבט גלאָט אַזוי אין דער וועלט אַריין. אידען טופּען און שפּרינגען, פערוואַרפענדיג דעם קאָפּ אַרונטער, מיט פערגלאָנצטע אויגען צו דער סטעלי, פּונקט ווי מע וואָלט גאָר גע־האַלטען אין דאַווענען, ניט אין טאַנצען. און ווער עס שפּאַרט זיך איין און וויל נישט געהן טאַנצען, שלעפּט מע, איהם מיט גוואַלד אין קאָהן אַריין און ער מוז טאַנצען, דאָס הייסט, דרעהען זיך און מאַכען מיט די פיס. אָט אַזאַ מין טאַנץ איז געגאַנגען שמואליק דער

חזן ביי אסתר'ען אויף דער חתונה. ווער עס האט איהם נישט גע־זעהען דעמאָלט, דער האט גאָר קיין טרויעריגע סצענע אויף זיין לע־בען נישט געזעהען. אוי, איז דאס געווען א ביטערער טאנץ! שמואליקען האט זיך נאָר געגלוסט וויינען פונ'ם ביסעל בראָנפען, וואס מען האט אין איהם אריינגעגאָסען. ער איז געוואָרען נאָך ערגער מרה־שחורה'דיג ווי פריהער. זלאטען האט דאס פון דעסט־וועגען זעהר הנאה געטהאָן, וואס שמואליק טאנצט אויך אין קאָהן גלייך מיט איטליכען. דערזעהענדיג, ווי ער מאַכט אויך מיט די פיס, האט זי זיך אפגעשטעלט דאָ, צווישען אלע מאנסבילען, וואס זענען געווען, מחילה, אין הוילע תחתונים; נאָר נישקשה, אויף א שמחה מאַכט נישט אויס, אָהן איין אומגליק. זלאטע האט זיך אפגעשטעלט צופליעסקען און צוזינגען שוין מיט א הייזעריג קול, ווי געוועהנליך א מחותנת'טע:

קוגעל הייסט דו,
אין אויוועז שטעהסט דו,
און אין מויל צעגעהסט דו.
קוגעל הייסט דו,
אין אויווען שטעהסט דו,
און אין מויל צעגעהסט דו...

עס איז שווער צו וויסען, צי פונ'ם טרינקען, צי פון די עטליכע „גאלקעס", וואס מע האט איהם אריינגעגאָסען מיט גוואלד, צי גלאט אזוי פון זיך אליין, — נאָר עס איז שמואליק דעם חזן מיט א מאָל אָנגעקומען אזא קוראזש אויף צו פריליך זיין, אז ער האט זיך אוועקגעזעצט מיט די מחותנים, מיט רב קלמן שדכן אינמיטען, טרינקען משקה, אָבער גאָר אויף הפקר, פערבייסענדיג בשעת מעשה מיט זויערע אוגערקעס — זעהר א טייערע סגולה פון שכרות. מע האט אזוי לאנג געטרונקען משקה און פערביסען מיט זויערע אוגער־קעס, ביז שמואליק האט א קוק געטהאָן אויף רב קלמנ'ען און האט דערזעהען צוויי רב קלמנס מיט א מאָל; רב קלמן פון זיין זייט האט אויך געזעהען צוויי שמואליקס, און פון יעדער איינציגער זאך

איז ביי זיי געוואָרען צוויי זאכען. דאָס האָט צוגעגעבען שמואליקען נאָך מעהר קוראַזש, און עס האָט זיך איהם געגלוסט נאָר לאַכען און גענוג. עס איז איהם אָלסדינג מיט אַ מאָל געוואָרען זעהר לעבער־ליך. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף זלאַטען, ווי זי זינגט „קוגעל הייסט דו, אין אויוען שטעהסט דו“, און האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז זלאַטע האָט אויפגעהערט צו טאַנצען און צו זינגען. זי האָט עפּיס אַ מורקע געטהאָן זיך אונטער דער נאָז, און איז אָפּגעטראָטען אויף אַ זייט, און שמואליק האָט זיך אָנגעחאַפּט מיטביידע הענד ביי'ם בויך און האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער. אויף איהם קוקענדיג, האָבען רב קלמן מיט די מחותנים אויך געלאַכט, און עס איז באמת געוואָרען איטליכען אַזוי פרייליך אוים'ן הארצען, אַז מע האָט זיך געביטען מיט די היטלען און מיט די יארמעלקעס. זלמן־בער דער שוחט האָט ערגיץ געקריגען אַ קאַפּעליש, דערצו האָט ער אונטערגעבונדען די קאַפּאָטע מיט אַ פּאַסעקעל ביז'ן גאַרטעל, און די באָרד (זלמן־בער האָט די גרעסטע באָרד אין מאַזעפּעווקע) האָט ער פערבונדען מיט אַ פּאַטשיילע, און איז געגאַנגען „אַ דייטש“, צוזינגענדיג דערביי:

> זענען מיר דייטשען,
> טרינקען מיר שנאַפּסען!

און שמואליק מיט רב קלמנ'ען מיט די מחותנים ווערען צע־גאַנגען פאַר געלעכטער. ביז עס נעמט־אָן אלחנן דעם שמש אויך אַ חשק צו בעוויזען זיינע שטיק, פערקאַטשעט ער די פּאות ארונ־טער די אויהערען, בלאָזט אָן די באַקען און, גלאַנצענדיג מיט די אויגען, געהט ער „אַ פּאַני“, צוזינגענדיג אַ רוסיש ליעדעל מיט'ן נוסח פון „היום תאמצנו“. און אויך שמשון־יענקעל דער טאַבאַטש־ניק קעהרט־איבער די ווייעס פון די אויגען ארויף, זעצט זיך אוועק אויף דער ערד, און דרעהענדיג אַ ציצה פונ'ם טלית־קטן, זינגט ער אַ בעטלער:

„אָי, ביוו סאָבי סוויאַטעיי לאַזאַר“...

און רב קלמן שדכן קאָן זיך אויך ניט איינהאַלטען און בעוויזט זיינע קאָמעדיאַנטסקע שטיק: ער טהוט אָן אַ קליידעל און פער־שטעלט זיך פאַר אַ קימפעטאָרין און בעוויזט זיינע אָנשטעלען... הכלל, מען איז זיך משמח ביי זלאַטע'ס טאָכטער אויף דער חתונה, און שמואליק הערט גאַר נישט אויף צו לאַכען, גיסענדיג איין גאָלקע נאָך דער אַנדערער. פלוצים ווערד זלמן־בער דער שוחט פון אַ דייטש גאָר אַ חזן, און שמואליק מיט'ן איבעריגען עולם ווערען ביי איהם משוררים; זלמן־בער טהוט אָן אַ ווייסע שאַל פאַר אַ טלית און שטעלט זיך אַוועק ביי דער וואַנד זינגען מיט'ן טרויעריגען ניגון פון נעילה אויף אַ קול:

דו אַלטער,
דו קאַלטער,
אַז דו ווייסט ניט,
און קאָנסט ניט,
און טויגסט ניט, —
היינט וואָס־זשע נעמסט דו זיך אונטער?

און שמואליק, שמשון־יענקעל, רב קלמן און אלחנן דער שמש האַלטען איהם אונטער, ווי די משוררים, מאַכענדיג מיטביידע הענד, און שרייען מיט מורא'דיגע קולות און מיט'ן נוסח פון נעילה:

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי!
אַי — אַי!

און דער גאַנצער עולם קוועלט, ווערד צעשמאָלצען פאַר געלעכ־טער.

יוסילע סאָלאָוויי שטעהט און בעטראַכט די דאָזיגע סצענע, זוכענדיג עמיצען מיט די אויגען. די, וואָס יוסילע האָט געוואָלט זעהען, זענען שוין נישט געווען... דער עולם איז געווען אַזוי פער־קלאָפּט, אַז קיינער האָט נישט בעמערקט יוסילען, ווי ער שטעהט

זיך אזוי אין א ווינקעלע, אנגעשפארט ביי דער וואנד, בעטראכ־
טענדיג יעדען בעזונדער. יוסילע האט דערפיהלט, ווי עס קלאפען
איהם די שלייפען אין קאפ, עס ברענט איהם דאס פנים; די גאנצע
שטוב דרעהט זיך איהם, ווי א ראד; אין די אויגען שעמערירט און
פינקעלט איהם, ווי א רעגען פון קליינע גילדענע טראפען, און ער
פיהלט, ווי שארפע קאצענע נעגעל שטעכען זיך איהם אריין טיעף
אין גארגעל און דושען איהם, און ווארגען איהם. יוסילע חאפט זיך
אן ביי'ם האלז און לויפט ארויס אין דרויסען. . . . . .

. . . .

די נאכט האט אנגעהויבען וואס ווייטער פינסטערער צו ווערען.
קליינע שווארצע וואלקענס האבען אנגעהויבען זיך אנצורוקען אויפ'ן
הימעל, ארייגשלינגענדיג אין זיך די לבנה און ווידער ארויסשפייענ־
דיג זי. א קיהל אלול־ווינטעל האט אונטערגעבלאזען. א טרויעריג
הודזיען, א וויינענדיג פייפען האט זיך געלאזט הערען, ווי אין רעכ־
טען אסיען, און עס איז שוין געווען גאנץ קיהל. נאר יוסילען איז
געוועןווארעם, אזוי ווארעם, אז ער האט זיך געווישט מיט די פא־
לעס דעם שווייס פונ'ם פנים און ער האט געפיהלט, אז עס ברענט
אויף איהם דאס לייב. אין איין אטעם איז ער געלאפען פון דער
חתונה, ער זאל ניט הערען דאס שפיעלען פון די כלי־זמר, דאס טאנ־
צען מיט'ן זינגען, וואס האט אריינגעגאסען גיפט אין זיין הארצען
אריין, און געברענט און געבראטען, ווי מיט א העליש פייער. יוסילע
איז געלאפען, און איהם האט נאכגעיאגט דער וויינענדיגער ניגון פון
נעילה, מיט די פריילינבע ווערטער, וואס האבען זיך געלאזט הערען
פון דארטען. יוסילע האט זיך פערשטעלט די אויהערען, ער זאל
נישט הערען דאס זינגען, און איז געלאפען פון דארטען, ווי א
משוגענער, גאר אליין נישט וויסענדיג וואוהין ער לויפט.

XXXI.

שמואליק זאָגט שבע־ברכות מיט זעהר א וויינענדיגער שטימע.

אויסגעשלייערט, ווי געוועהנליך א מחותנת'טע, איז זלאַטע געוועז אויף מאָרגען צום שלייערוואַרמעס. אָרום איהר האָבען זיך אַרומגעדרעהט איהרע שוועסטער, בריינע און יענטעל, און נאָך ווייבער מחותנת'טעס, אויך אויסגעשלייערט און אָנגעטהאָן יום־טוב־דיג. פון די מאַנסבילען איז נאָך נישט געוועז קיינער: די מחותנים זענען אַוועקגעגאַנגען אין שוהל אריין דאַווענען מיט'ן אַנדערען מנין, און די פרעמדע, די גערופענע, הייסט דאָס, האָבען זיך נישט געהאַפּט צו קומען אויפ'ן שלייערוואַרמעס, אַרויסגעהענדיג דער־וויל אין מארק אריין, טאָמער וועט מען עפּיס האַפּען, טאָמער וועט גאָט צושיקען עפּיס א פּערדיענסטעל. דער שמש מיט דער שמש'טע, נישקשה, מעגען קומען נאָך א מאָל רופען. נאָר די היימישע ווייבער זענען געקומען העלפען גרייטען צום טיש, אָנשניידען לעקאָך און גלאָט אזוי משמח זיין די כלה. און מחמת עס איז דאָך דאָ דער היימישער עולם אליין, בעדאַרף מען נעמען צו שטיקלעך לעקאָך און טרינקען צו דער מחותנת'טע לחיים. די סאַרווערינס נעמען לע־קאָך און ווינשעווען זלאַטען מיט'ן גאַנצען הארצען:

— לאָז גאָט געבען, זלאַטעניו, איהר זאָלט האָבען גרויס נחת אין אייער טאָכטער, קיינמאָל פון קיין צער נישט וויסען, זי זאָל זיך מיט איהם עלטערען אין עושר און אין כבוד, און אם־ירצה־השם, איבער־א־יאָהר, אויפ'ן ברית, זאָלט איהר אונז נים פארגעסען, זלאַ־טעניו, מיר זענען, נישקשה, גוט אויפ'ן פּאַטשאַטאָק: דאָרט, וואו מיר זענען אויף א חתונה, איז תמיד אויף איבער־א־יאָהר א ברית; ס'איז אזא האַנט ביי אונז, א געבענטשטע האַנט...

— אמן, הלואי! — האָט זיי זלאַטע געענטפערט מיט אַ פּרו־מער מינע.

ברײנע האָט אַ קוק געטהאָן אויף יענטלען, יענטעל אויף ברײ־נען, און זלאַטע אויף זיי ביידע. די דריי שוועסטער האָבען צווי־שען זיך גערעדט מיט'ן קוק מעהר ווי אַנדערע מיט'ן מויל. מע האָט זיך, נישקשה, גוט פערשטאַנען איינס דאָס אַנדערע...

שפּעטער האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפקלויבען די בעלי־בתים און זעצען זיך אַרום טיש, נעמען צו ביסלעך בראָנפען און טרינקען לחיים מיט'ן חתן, מיט זלאַטען און מיט די איבעריגע מחותנים און מחותנת'טעס. אַלטער'ס פּנים האָט געלויכטען און אַרויסגעשיינט פון אונטער דעם נייעם סאַמעטענעם קאַרטוזעל. ער האָט אויסגע־זעהען ווי יונגער מיט עטליכע יאָהר, גאָר בחור'דיג... נישט אַזוי איז אָבער געוועזן די כלה. אויסגעשלייערט און אָנגעטהאָן, ווי אַ שענע פּאַננע, האָט אסתר אויסגעזעהען עפּיס נישט אַזוי פריילין. איהר פּנים איז געוועזן שוין צו ווייס, אַ ביסעל געלבליך, און קיין איינציגען טראָפּען בלוט האָט מען אין איהר נישט אַרויסגעזעהן. איהרע שווארצע אויגען אונטער די לאַנגע ברעמען זענען אַצינד גע־וועזן אָהן אַ שום פייער, אָהן אַ שום גלאַנץ, און זיי זענען ביי איהר גרעסער געוואָרען. די באַקען זענען איהר אַ ביסעל איינגעפאַלען. דער נייער שלייער אויפ'ן קאָפּ איז ביי איהר געוועזן פערפּוצט מיט פּערעל און דימענטען און האָט אויסגעזעהען אויף איהר ווי אַ קרוין, און אין איהר טייער זיידען קלייד, מיט סאַמעט און מיט שמוק אַרומגעפּוצט און בעהאַנגען מיט ציערונג פון אויבען ביז אַראָפּ, — האָט אסתר אויסגעזעהען אין דער מינוט ווי אַ פּרינצעסין, אַ בת־מלכה. די לעבעדיגע, די פריילינע אסתר איז מיט אַ מאָל געוואָרען אַזוי סטאַטעטשנע, אַזוי געלאַסען, אַזוי שטיל און ערנסט. „טאַקי נאָר ווי אַ כלה" — האָבען זיך געטראַכט די ווייבער, שפּיעגלענדיג זיך אין איהר שען, ליכטיג פּנים.

— וואָס פאַר אַ שענע פּאַננע דאָס איז, קיין בייז אויג זאָל איהר נישט שאַדטען! — האָבען די ווייבער צווישען זיך געשמועסט.

אנווייזענדיג אויף דער כלה. — זי איז קלאָר, ווי געפּאָלענער שניי. א ציערונג אזעלכס אין שטוב צו האָבען. זאָגט שוין איהר אליין, פרומע־שרה'ניו, זאָלט איהר מיר געזונט זיין!

פרומע־שרה'ניו איז בפירוש מסכים, אַז ס'איז טאַקי נאָר א צייערונג אזעלכס אין שטוב צו האָבען. וואָס שמועסט מען דאָ? און דער עולם דערווייל הויבט זיך אָן צו וואשען, איבערגעבענדיג איינס דעם אנדערען די גרויסע קופּערנע קוואַרט מיט אויהערען און איבער־געמענדיג איינס ביי דעם אנדערען דעם גאַסען שווארצען האנד־טוך. פלוצים קומט אריין שמואליק דער חזן אין שטוב אריין.

— ברוך־הבא, רב שמואליק! — זאָגט זלאַטע גאַנץ פריינד־ליך. — וואָס עפּיס אזוי שפּעט? געהט וואשט זיך, זייט מוחל, און זעצט זיך צום טיש. איהר האָט זיך גאָר פארגעסען, אפנים, אַז מע באדאַרף אייך האָבען צו שבע ברכות? וואו איז די חזנ'טע אייערע, רב שמואליק? עפּיס זענט איהר מיר היינט זעהר צעפּלאָנטערט. וואָס איז די מעשה?

— איך האָב א גאַסט, — מאַכט שמואליק מיט א זויערע מינע, — א גאַסט האָב איך, מיין זוהן איז געקומען צו פאָהרען.

— יוסילע?? — האָבען אַלע מיט א מאָל אויסגעשריגען. יוסילע איז דאָ? גאָט ליעב אייך מיט אייער גאַסט! וואו־זשע איז ער?

— וואָס איז שייך וואו? אין דערהיים איז ער. — ענטפערט שמואליק, שטעהענדיג אויף איין אָרט. — ער האָט עפּיס קיין כח ניט. געקומען צו פאָהרען איז ער נאָך נעכטען ביינאַכט, נאָר אהיי איז ער געקומען ערשט פארטאָג, דאָס הייסט, מיט'ן טאָג גליין שוין. ער האָט, אפנים, געכאַפּט א פארקיהלונג, מחמת ער קלאָגט זיך אַלץ, אַז דער קאָפּ טהוט איהם וועה. אצינד ליגט ער אין איין העליש פייער, פּאַכט מיט דער נשמה. מיר האָבען איהם שוין געלעגט קאַלט וואַסער, געריבען די שלייפען — עס העלפט ניט.

— שוויצען! — האָבען זיך אָפּגערופען עטליכע מיט א מאָל. — די בעסטע רפואה איז אָפּשוויצען. זיצט, רב שמואליק, וואָס זענט איהר אזוי צעטראָגען? עס מאַכט זיך, א מענטש חאַפּט א ווינטעל. ער וועט, אם־ירצה־השם, זיין געזונט.

שמואליק שטעלט זיך אוועק מיט זלאַטען און דערצעהלט איהר עפּיס. זלאַטע קוקט אויף אסתר'ען און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. און אסתר האָט זיך בעדאַרפט אָננעמען מיט אַלע כוחות, זי זאָל נישט ארונטערפאַלען אונטער'ן טיש, דערהערענדיג, אז יוסילע איז דאָ. זי איז געווען שטאַרקער פון אייזען, אז זי האָט זיך געקאָנט איינ־האַלטען און ניט ארויסלויפען פונ'ם טיש מיט א גוואַלד: „סטייטש, יוסילע? !" זי האָט נאָר א פרעג געטהאָן ביי שמואליקען, און בשעת מעשה האָבען זיך איהרע אויגען אָנגעצונדען מיט זייער שטענדיג פייערעל:

— אליין איז ער געקומען?

— אליין, — האָט שמואליק געענטפערט, אַלץ שטעהענדיג, ווי א דער'הרג'עטער, געבען זלאַטען, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון.

ווי איין אָפּגעבריהטע פון א דונער, האָט זיך אסתר אויפגע־חאַפּט פונ'ם אָרט און האָט זיך אָבער באַלד צוריק אַנידערגעזעצט. עס האָט זי א טראַג געטהאָן אין דער לופטען און באַלד צוריק אָפּגע־לאָזט, און זי איז געבליבען זיצען אויף איהר אָרט אויבענאָן טוידט ווי די לעהם, גלייך ווי עס וואָלטען איהר אין דער צייט אָפּגעשטאָר־בען אַלע חושים. אסתר האָט אין דער איינער מינוט איבערגעלעבט א סך מעהר, ווי מע לעבט איבער א מאָל אין א גאַנץ יאָהר. א שלעכטע מחשבה איז איהר דורכגעלאָפען אין קאָפּ אויף א רגע; זי איז גרייט געווען זיך אויפחאַפּען, איבערלאָזען דאָ דעם עולם, מיט דער חתונה, מיט אַלסדינג ארום־און־ארום, און ארייַנלויפען צום חזן אין שטוב אריין א קוק טהון אויף יוסילען. עס האָט זי געצווי־גען אהין, ווי מיט צוואַנגען, געשלעפּט, געריסען, אהין, אהין!... די דאָזיגע מחשבה האָט אָבער געדויערט נאָר א רגע, נישט מעהר.

זי האָט זיך באַלד צוריק בעטראַכט: זי איז דאָך אַ כלה, אַ ווייבעל, איין אשת־איש!... די מלחמה, וואָס אסתר איז אויסגעשטאַנען אין דער מינוט, איז געווען איבער אַלע מאָסען; עס האָבען זיך אין איהר געשלאָגען צוויי דעות, צוויי כחות: פון איין זייט דער שטן־מקטרג שטעהט און רעדט איהר איין: „נארישע אסתר! וואָס הערסט דו זיי? יוסילע איז געקומען צו פאָהרען, ליגט קראַנק. ער קוקט אודאי ארוים אויף דיר, און דו זיצסט דאָ, — צוליעב וועמען? אָט פאָלג מיך, אסתר! ביזט יונג, ביזט שען, דאַרפסט לעבען, לעבען דאַרפסט דו, לעבען!!"... און פון דער אַנדערער זייט הערט זי אַנדערע ווער־טער: „אַ אידישע טאָכטער? רב אברהמעל סלאַוויטער'ס איין איי־ניקעל? ליעבע? אַ כלה? הרי את מקודשת, פערבונדען, פער־קניפט, איין אשת־איש!!"... און יענער, דער שטן־מקטרג, טהוט זיך זיינס: „ווער איז שולדיג? מע האָט דיך פערבונדען, געבונ־דען, געפּענטעט. נאַרישקייטען! ביזט אַ מענש, דאַרפסט לעבען! פאָלג מיך, אסתר!"...

און אסתר זיצט ביי'ם טיש סטאַטעשנע, ווי געוועהנליך אַ כלה צום שלייער־וואַרמעס; נאָר בלייך איז זי מורא'דיג, טוידט ווי די וואַנד, אָהן אַ טראָפּען בלוט, און שיינט־אַרויס פונ'ם שלייער, און די ציערונג אויף איהר לייכט און פינקעלט און גיט איהר צו פיעל חן. און די ווייבער שפּיעגלען זיך אין איהר, קוועלען־אָן, קלויבען תענוג פון דער שענער, ליכטיגער, חנ'עוודיגער כלה.

טרויעריג, וויינענדיג איז געווען דאָס קול פון שמואליק דעם חזנ'ס „שבע־ברכות", און עס האָט זיך אסתר'ען געדאַכט, אַז דאָס קול זיינס געהט פון אונטער דער ערד, פון יענער וועלט. דאָס זענען געווען ביטערע שבע־ברכות. האַלטענדיג דעם כוס אין איין האַנד, מיט דער אַנדערער האַנד האַלטענדיג זיך ביים גאָרגעל, ווי דער שטייגער איז ביי די אַלטמאָדישע חזנים, און פערוואָרפענדיג דעם קאָפּ אַרויף, מיט צוגעמאַכטע אויגען, האָט זיך שמואליק געציקעלט, פערגאַנגען אויף זיין אַלטער אַנגעשפּאַלטענער שטימע, מיט אַ ווײ־

נענדיג קול, אויסלאַזענדיג דעם „משמח חתן עם הכלה“ אַזוי טרויע־ריג, אַז עס האָט צענומען דעם עולם. אימליכער איז געבליבען זי־צען פון דער שמחה פערזאָרגט, פערוואָגעלט און בעטריבט, אליין נישט וויסענדיג די סיבה פאר וואָס... אַזוי ווערען אידען פערזאָרגט אויפ'ן אָרט פון פריילּיך זיין, משמח זיין דעם חתן מיט דער כלה.— רבונו של עולם! וואָס ליגט דאָס אַזעלכם אינ'ם אידישען זינגען מיט'ן אידישען שפּיעלען, וואָס תמיד רופט דאָס ארויס נאָר טרויע־ריגע מחשבות!?... און די ווייבער, שטעהענדיג ביי דער זייט און ענטפערענדיג „ברוך הוא וברוך שמו, אָמן“, האָבען געלאָזט אַ טרער, קוקענדיג אויף זלאַטען, ווי זי וויינט און קלאָגט. עס איז קיינעם קיין חדוש ניט, וואָס זלאַטע וויינט: אַלע ווייסען, נישקשה, דעם טעם פון חתונה מאַכען אַ קינד...

— פון דעסטוועגען, — זאָגען די ווייבער און רעדען זיך אליין אוים דאָס הארץ — לאָז גאָט געבען, מע זאָל חתונה מאַכען קינדער און דערלעבען געהן איינס צום אַנדערן אויף שמחות!

— אָמן, הלואי! אָמן, הלואי!

די ווייבער שטעהען־אויף, געזעגענען זיך אָפּ מיט דער מחותנת'־טע, קושען זיך מיט דער כלה, צווינשעווענדיג איהר, זי זאָל דערלעבען ביי איהרע קינדער אויף שמחות. און אסתר קוקט אויף זיי ווי פערוואונדערט; איהר קאָפּ און איהר הארץ זענען ווייט פון דאַנען; זי וואָלט געהרען דערלעבען, אַלע זאָלען זיך צעגעהן, זי זאָל בלייבען אַליין און קאָנען זיך רעכט אויסוויינען האָטש, און דאָ די ווייבער קריכען קושען זיך און ווינשעווען איהר צו אַלדאָס גוטס.

גאָט האָט געהאָלפען, דער פרעמדער עולם איז זיך שוין אַ ביי־סעל צעגאַנגען, און אסתר האָט געקאָנט אריינגעהן צו זיך אין אַל־קער אריין און זיך אָפּרוהען פונ'ם טומעל, וואָס זי האָט איבערגע־לעבט אין דעם דאָזיגען טאָג. ביי זלאַטען אין שטוב זענען געבלי־

בען נאָר די היימישע לייט, די מחותנים און אויך רב קלמן שדכן.
ווי געוועהנליך, נאָך אַ חתונה, איז אין שטוב געווען אַ שטיקעל מיש־
מאַש מיט אַ גערודער: אויפ׳ן לאַנגען טיש זענען געשטאַנען לעדיגע
פלעשלעך, איבערגעקעהרטע גלעזלעך, שטיקלעך קוילעטש, אָפּגע־
לעקטע ביינדלעך, און עטליכע בענק זענען געלעגען מיט די פיסלעך
אַרויף. אַ צוויי־דריי אָרעמע לייט, וואָס האָבען פערשפּעטיגט צום
שלייער־וואַרמעס, האָבען געהאַלטען ביי׳ם אויסלעקען די טעלער,
רוקענדיג אין בוזעם אַריין די איבערגעבליבענע שטיקלעך קוילעטש,
און די שמשים, וואָס האָבען שוין צום סוף געחאַפּט איין איבעריגע
כוסה, זענען געשטאַנען און האָבען זיך געטיילט מיט זייער רח״ש.
וואָס איז זיי געפאַלען אין זייערע בידנע טעלערלעך פון די חתונה־
לייט, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זלאַטע, בריינע און יענטעל האָ־
בען זיי אונטערגעטריבען, זיי זאָלען שוין געהן געזונדערהייד, שוין
צייט אויפראַמען, מאַכען אַ שטיקעל לאַד. מעהר פון אַלע איז גע־
ווען פערטאַרעראַמט זלאַטע, ווי געוועהנליך אַ מחותנת׳טע; דאָס
ווידענע טיכעל איז איהר געווען פערבונדען מיט ביידע עקען אַרונ־
טער, דאָס פּנים האָט איהר געפלאַמט און דאָס קול איז איהר געוואָ־
רען אַזוי הייזעריג, אַז מע האָט קוים געהערט פון איהר אַ וואָרט.
פון דעסטוועגען האָט זי ניט גערוהט, אַלץ אַרומגעפאַדקעוועט אַרום
איטליכען בעזונדער, געפאַראַדקעוועט, געזעגענט זיך מיט איט־
ליכען מיט די אויגען, ניט מיט׳ן מויל, מחמת קיין ווערטער
האָט מען פון איהר ניט געקאָנט הערען. בעטראַכטענדיג דעמאָלט
זלאַטען, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז זי האָט איבערגעקעהרט בערג
און אָפּגעטהאָן מי יודע וואָס פאַר אַ גליקליכען עסק. גאָט ווייסט,
אויב זלאַטע האָט זיך אַליין אָפּגעגעבען דין־וחשבון, וואָס זי האָט
דאָ אויפגעטהאָן מיט איהר טאָכטער, מיט איהר איינציגער, טייערער
און געטרייער טאָכטער, פאַר וועמען זי האָט זי אַוועקגעגעבען, פער־
בונדען, פערקויפט אויף איביג! וואו האָט דען זלאַטע צייט גע־
האַט צו בעקלערען אַקוראַט, אַז אַט האָט מען געשמועסט מכח אַ
שידוך, אַט איז געווען דער קנס־מאָל און אַט די חתונה — אַ קליי־

ניגקייט עפּיס א חתונה פּראווען ? ! זלאַטע בתיה דער האַרטאַוואָני־
צע'ס וועט נישט מאַכען קיין חתונה ווי עפּיס אַבי ווער ; מע קומט
ניט אַרויס, ברוך־השם, ניט פון קיין שניידערס און ניט פון קיין
שוסטערס. און אַז גאָט האָט זי געשטראָפט און זי איז געבליבען
איין אַלמנה, און איין אָרעמע דערצו, איז זי דאָך פאָרט עפּיס
רב אברהמעל סלאַוויטער'ס אַ שנור, היינט ווי געשיקט זיך עס,
אַז איהר בת־יחידה זאָל געהן צו דער חופה נישט מיט קיין
זיידען קלייד, און ביי אסתר'ען אויף דער חתונה זאָל ניט זיין
קיין עולם מענשען אַרום טיש, אַזוי אַז די גאַנצע שטאָדט זאָל
מאַקי נאָכדעם רעדען פון דער חתונה ? — „רבונו של עולם ! —
קלערט זיך זלאַטע. — איך זאָל דערלעבען ביי מיינע קלענערע
קינדער נישט קיין ערגערע חתונה"...

און דאָרט, צווישען די מחותנים, איז אַ שטאַרקער שמועס,
עפּיס אַ לאָדעניש, אַ פּערלאָזעניש : רב קלמן שדכן האָט טענות
צום חתן, צו אַלטערען ; רב קלמן רעדט מיט אַלע כלים, צו־
האַלטענדיג מיט איין האַנד משה־אברהם דעם זאַליאַזניק ביי דער
באָרד און מיט דער אַנדערער פערשטעלענדיג אַלטערען דאָס מויל,
ער זאָל ניט רעדען. אַלטער שוויצט, וויל עפּיס זאָגען, און רב
קלמן לאָזט איהם ניט. „לאָזט זיך דיענען, לאָזט זיך !" — שרייט
ער. — „אַט קאָנטשע איך אָט, און נאָכדעם וועט איהר אייך
רעדען וועט איהר !" משה־אברהם און ביניש (ביידע שוואָגערס)
און אויך אַ פּאָר מחותנים פון חתנ'ס צד לעגען זיך אריין, ווילען
נעפּינען אַ מיטעל אויף אויסצוגלייכען ביידע צדדים, נאָר ס'איז
אַרויסגעוואָרפען : אַלטער איז האַרט ווי שטאָל, לאָזט זיך ניט
בויגען אויף קיין פאַל. חאַטש שנייד איהם, חאַטש בראָך איהם !
„נו, זאָגט שוין איהר אַליין, רב שמואליק, איז דאָס אַ יושר איז
דאָס, אַז מע זאָל אַזוי אַביזשאַיען אַ שדכן זאָל מען, האַ ?"
שמואליק דער חזן, וואָס זיצט ביי דער זייט בעטריבט, טרויעריג,
וויל אודאי מיט אַלע מעגליכקייטען צוהעלפען רב קלמנ'ען, מהיכא־
תיתי, אַ טובה טהון אַ אידען ; נאָר רב קלמן אַליין פּאַלט איהם

ארײן אין די רעד און לאזט איהם מעהר נישט ארויסרעדען ווי דאס געוועהנליכע ווארט זײנס „וואס איז שייך?“ און שלאגט איהם איבער אינמיטען: „אט דאס איז דאך טאקי אינגאנצען דער פארדראס אט דאס, — טענה׳ט נעבאך רב קלמן, — איהר פארשטעהט איין עסק פארשטעהט איהר? מע שמועסט־אפ בפירוש שמועסט מען לכתחילה, ווי זאגט ער, ס׳זאל זײן ווי געוואונשען, צום סוף נא דיר א הארצוועהטיג נא דיר, מע זאל גאר דארפען רעדען מכח רח״ש זאל מען, ובפרט — ע, רב אלטער, לאזט זשע זיך דיענען, רב אלטער!“...

— שוין צייט מנחה דאווענען! — זאגט משה־אברהם, א קוק טהוענדיג אין דרויסען ארויס, וואו די זון האלט ביי זעצען זיך, און געבענדיג א שמיר מיט׳ן האנד איבער׳ן פענסטער. דער גאנצער עולם שטעהט־אויף, מע גארטעלט זיך ארום די קאפאטעס מיט פאטשיילעס און מע צעהלט, צי ס׳איז דא א מנין אויף צו מאכען א קדושה. דער חתן, שמואליק דער חזן,ביידע שוואגערס משה־אברהם און ביניש, די דריי מחותנים פון חתנ׳ס צד, אלטער׳ס קרובים, רב קלמן שדכן און ביידע שמשים — אקוראט א מנין! מע וואשט די הענד, מע זאגט־אפ קטורת, אשרי, און שמואליק שטעלט זיך אוועק מיט׳ן פנים צו דער וואנד און הויבט־אן אויף זײן פערדומפענער צעבראכענער שטימע די שמונה־עשרה, און די ווייבער, זלאטע, ברײנע און יענטעל, הערען דערוויל א קדושה, גלייך ווי געפונען... אויך אסתר, דערהערענדיג פון איהר חדר שמואליק׳ס טרויעריג קול, געהט־צו צו דער טיר, שטעקט ארויס דעם קאפ און דערזעהט, ווי די אידען און די ווייבער שפרינגען „קדוש, קדוש, קדוש“ — בלייבט זי שטעהן, נישט וויסענדיג וואס צו טהון: עפּיס איז זי שוין, דאכט זיך, אויך א אידינע גלייך מיט אלע. אויף איהר איז דאך שוין אויך חל... ברײנע ווינקט צו איהר פון דערווייטענס, בעוויזענדיג איהר מיט די פינגער אויפ׳ן שטערן. אסתר פערשטעהט נישט, וואס יענע וויל, און ווערד רויט. נאך דער קדושה געהט צו איהר צו די

מוהמע ברײנע און װײזט איהר אָן אויף די האָר — עס זעהט זיך אַרויס בײ איהר אַ האָר פון אונטער'ן טיכעל... אסתר האָט אַראָפּגעװאָרפען דעם שלײער מיט דער גאַנצער ציערונג, אָנגעטהאָן אַ זײדען טיכעל אויפ'ן קאָפּ און אײן אַנדער קלײדעל אויף זיך — און אסתר דאָס מײדעל איז געװאָרען אסתר דאָס װײבעל... זי איז נאָר עפּיס װי קלענער געװאָרען און זיך איבערגעביטען גאָר אינגאַנצען. אויף איהר שען ליכטיג פּנים האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגערוקט אַ חמאַרע, און זי האָט אויסגעזעהען פון אונטער'ן טיכעל עלטער מיט עטליכע יאָהר; נאָר איהרע גלאַנצענדיגע אויגען האָבען אַרויסגעלויכטען פון דער פינסטער, װי צװײ ליכטיגע שטערען אויפ'ן הימעל, און זי האָט אין דער מינוט אויסגעזעהען נאָך חנ'עװדיגער װי פריהער.

— אויב דו װילסט, — האָט צו איהר זלאַטע אַ זאָג געטהאָן אויף איהר הײזעריגער שטימע, — אויב דו האָסט צײט, קום אַרײן צו דער חזנ'טע מבקר־חולה זײן יוסילען.

פון אַ האַרמאַט װען מע זאָל אויסשיסען, װאָלט זיך אסתר נישט בעדאַרפט אַזױ איבערשרעקען, װי זי האָט זיך דערשראָקען פון די דאָזיגע עטליכע װערטער. ערשט מיט אײן מינוט פריהער האָט זי װעגען דעם געגונג געטראַכט, װי אַזױ געפינט מען זיך אײן אויסרעד אויף אַרײנצוקומען צו דער חזנ'טע, אַ קוק טהון אויף יוסילען? און דאָ קומט פּלוצים די מאַמע מיט אַזאַ גדולה! נאָר אסתר'ס פּנים האָט נישט אַרויסבעװיזען, װי דאָס האַרץ קלאַפּט און צאַפּעלט בײ איהר אין דער ברוסט, טאַקי נאָר אויף אַרויסצושפּרינגען. זי האָט געענטפערט דער מאַמען גאַנץ רוהיג און שטיל: „נו, קום, אויב דו װילסט"... און אין האַרצען האָט זי געװאָלט אַרויפפאַלען דער מאַמען אויפ'ן האַלז און אויסקושען איהר אַלע גליעדער. „מאַמעניו, האַרצעניו, טײערע, טײערע מאַמע!" — אַזױ האָט זיך געטראַכט אסתר און איז פּאַװאָלינקע דורכגעגאַנגען מיט אַלע װײבער איבער דער „זאַל", װאו די

מאָנסבילען זענען געשטאַנען מיט'ן פּנים צו דער וואַנד שמונה־עשרה און געשאָקעלט זיך אויף אַלערליי אופנים. „מאַמעניו, ליובעניו!“ — האָט זיך אסתר געטראַכט אין האַרצען און איז געגאַנגען פאַמעליך, פיהלענדיג, ווי עס טראָגט זי אין דער לופטען.

ביי שמואליק דעם חזן אין שטוב איז געווען שוין שטאָק־פינסטער, צווישען טאָג און נאַכט. קיין ליכט האָט מען נאָך ניט אָנגעצונדען. אין אַ ווינקעל, אויף אַ בעטעל, אונטערגעבעט און איבערגעדעקט מיט אַ סך קישענס, איז געלעגען יאָסילע סאָלאָוויי, און נעבען איהם אויף אַ בענקעל איז געזעסען די חזנ'טע.

— ששששא, ער שלאָפט! — האָט די חזנ'טע געזאָגט, בשעת די ווייבער זענען מיט אַ גערעדעריי אריינגעקומען צו איהר אין שטוב אריין.

— ניין, איך שלאָף ניט! — האָט געזאָגט יאָסילע און האָט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעטעל, גלייך ווי דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז דאָ ניט ווייט שטעהט אסתר.

— וואָס מאַכסט דו גוטס? — האָבען צו איהם אַלע דריי ווייבער מיט אַ מאָל געזאָגט מיט אַ ניגון, בעטראַכטענדיג איהם פון דער ווייטענס.

— מיר איז ניט באַשערט, אַפּנים, — האָט זיך אָנגערופען די חזנ'טע צו זלאָטען, — זיין ביי אייער אסתר'ען אויפ'ן שלייער־וואַרמעס. געה רעכט זיך אויף אַזאַ שלאַק, נאַ דיר גאָר אַזעלכס. טאָמער איז קאַרג! קומט אַזאַ גאַסט, ווערד ער דיר גאָר פאַר־שלאָפט אינמיטען דרינען! זיצט, זלאָטעניו! ברײנע־סערדצע, יענטעל־קרוין, זיצט, זעצט זיך, זיצט! זיץ, אסתר'על, וואָס שטעהסט דו?

די ווייבער האָבען פריהער אַ ביסעל בעטראַכט יאָסילען פון דערווייטענס, צושאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געגעבען איטליכע

בעזונדער איין אַנדער מין רפואה, וואָס איז באמת אַ טייערע סגולה צו קאַפּוועהטיג, צו ברעכעניש, צו שטעכעניש און צו אַלדאָס בייז, און נאָכדעם האָט מען זיך אָוועקגעזעצט ביי׳ם פענסטער אויף דער באַנק, און ס׳איז גיך פערבונדען געוואָרען צווישען די ווייבער אַ וואַרעמער שמועס, געוועהנליך, וועגען דער חתונה, וועגען דער חופה־וועטשערע, וועגען דעם שלייער־וואַרמעס, וועגען דעם דרשה־געשאַנק, וואָס איז געפאַלען פון חתנ׳ס צד און פון כלה׳ס צד. און האָטש זלאַטע איז געווען הייזעריג, ווי די וואַנד, נאָר געערעדט האָט זי מיט פייער, דאָס איבעריגע דערמאַכט מיט די הענד, געבראָכען זיך די פינגער אויף דעם, וואָס פרומע־שרה — מאַהלט אייך פרומע־שרה! איהר קענט פרומע־שרה׳ן? — איז פרומע־שרה אַ בעלנ׳טע געווען צו זאָגען, אַז ביי איהר קלענערער טאָכטער אויף דער חתונה איז געווען צוויי מאָל אַזוי פיעל עולם, און דרשה־געשאַנק, זאָגט זי, איז געפאַלען נאָר תרפ״ט אלפים! נו, פרעג איך אייך, ווי אַזוי האַלט מען דאָס אויס?

— וואָס טויג אייך, זלאַטעניו, פרומע־שרה׳ס רעד? איך וועל אייך בעסער דערצעהלען, וואָס ציפּה־רייזעל דערצעהלט פון איהר מיזינקע היינט; רבונו־של־עולם, וואו איך האָב ערגיץ אַ שונא, טאַטעניו!...

וואָס ווייטער ווערד דער שמועס צווישען די פיער ווייבער אַלץ מעהר אינטערעסאַנט און אַלץ הייסער, אַזוי לאַנג, ביז מע פערגעסט כמעט אָנ׳ם חולה, אָן יוסילען. יוסילע זיצט אויפ׳ן בעטעל, מיט אַ האַנדטוך דעם קאָפּ פערבונדען, אָהן אַ היטעל; פון אונטער׳ן האַנדטוך הענגען אַראָפּ זיינע לאַנגע געקרייזעלטע האָר; דאָס פּנים איז ביי איהם טוידט, אַ ביסעל געלבליך, נאָר די אויגען ברענען מיט זייער שטענדיגען גלאַנץ. דערזעהענדיג אסתר׳ען אַריינגעהן, איז ער גרייט געווען אַראָפּצושפּרינגען פונ׳ם בעט, נאָר ער איז עפּיס ווי צונעקאָוועט געוואָרען צום אָרט, פערגליווערט געוואָרען, נישט צו קאָנען אַרויסלאָזען אַ וואָרט פונ׳ם

מיל. אסתר פון איהר זייט איז געבליבען שטעהן, בעטראכט איהם א היבשע ווײלע פון דערווייטענס, און ערשט נאכדעם, אז די ווייבער האבען זיך שטארק פעררעדט אין זייערע ענינים, איז אסתר צוגעגאנגען נאהענט צום בעט און האט צום ערשטען איהם א פרעג געטהאן:

— וואס מאכסט דו עפּיס?

די דאזיגע עטליכע ווערטער זענען געזאגט געווארען אזוי ווייך, אזוי אמת געטריי, מיט אזוי פיעל ליעבשאפט, ווי טאקי נאר א שוועסטער קאן זאגען צו איין אייגענעם ברודער. יוסילע האט איהר דערויף נישט געענטפערט גארנישט, נאר זיין קוק, זיין ביטער שמייכעלע, האבען איהר געזאגט גענוג. זי איז צו־געגאנגען צו איהם נאך נעהענטער און, גלייך ווי עס וואלט צווישען זיי שוין געווען אפּגערעדט פון פריהער, האט זי זיך אנידערגעזעצט נעבען איהם אויפ׳ן בענקעל, וואו פריהער איז געזעסען די חזנ׳טע.

אסתר׳ען האט זיך אויסגעוויזען, אז יוסילע׳ס אויגען זענען גרעסער געווארען און קוקען אויף איהר עפּיס ווילד, נישט אזוי פריינדליך, ווי אמאל.

— וואס־זשע מאכסט דו? — האט זי איהם א פרעג געטהאן נאך א מאל.

— אוי, אסתר! — האט ער איהר געענטפערט, אננעמענדיג זיך מיט דער האנד בײ׳ם קאפּ.

אין די צוויי ווערטער האט זיך געלאזט הערען א קלאג פון א מענשען, וועלכען עס האט געטראפען א גרויס אומגליק, אזא אומגליק, וואס ניט מיט קיין ווערטער קאן מען עס ארויסגעבען. אסתר האט געפיהלט, אז עס איז איהם שלעכט, נאר אין וואס די שלעכטיגקייט בעשטעהט — האט זי ניט געוואוסט. ווען און

ווי אזוי דאָס האָט זיך געטראָפען — געדענקט אסתר ניט, נאָר איהר האַנד האָט זיך געפונען אין זיין האַנד. עס האָט זי געבריהט, ווי מיט פייער, און עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע ליעב ברענט אויף איהר. עס האָט זי ווי צוגעצויגען צו איהם, צוגעשלעפּט ווי אַ מאַגנעט, און ווידער אַ שלעכטע מחשבה איז איהר דורכגעפלויגען אין קאָפּ; עס האָבען זיך ווידער געראַנגעלט אין איהר יענע צוויי כחות: פון איין זייט דער שטן-מקטרג האָט איהר איינגערוימט אַ סוד אין אויהער, אַז איצט איז נאָך דאָ צייט, זי קאָן נאָך גליקליך זיין, זי איז יונג און געזונד און פריש, זי טאָר זיך ניט בעגראָבען, זי דאַרף לעבען, לעבען, לעבען! און פון דער אַנדערער זייט הערט זי איין אַנדער קול: „אַ ווייבעל, אַ כלה, ערשט פון דער חופּה, זלאַטע׳ס טאָכטער, אשת-איש, אַנטלויף!!“ — און איהר האַנד איז אַלץ אין זיין האַנד, און עס בריהט זי, ווי מיט פייער... ביי יוסילען האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעבונדען די צונג, און ער האָט זיך צערעדט; ער האָט גערעדט, ווי מע זאָגט, פאַר פייער און פאַר וואַסער; און אַלץ עפּים אַזוי אויסגעמישט, פערהאַפּט איינס פאַר דאָס אַנדערע, עס האָט זיך כמעט נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און אַלע מינוט האָט ער זיך געכאַפּט מיט דער האַנד ביי׳ם קאָפּ. פּלוצים האָט זיך איהם דאָס פּנים ווי אָנגעצונדען, די אויגען צעברענט, דעם האַנדטוך פון׳ם קאָפּ האָט ער אַראָפּגעוואָרפען, זיך צוגערוקט צו אסתר׳ען נאָך נעהענטער און האָט צו איהר געזאָגט מיט היץ, נאָר גאַנץ שטיל, אַזוי אַז מע זאָל ניט דערהערען:

— ס׳איז בלאָטע, אסתר, דו ביזט געבונדען, צי איך בין געבונדען! נאַרישקייטען, אסתר, כלעבען, נאַרישקייטען! זיי זאָגען, זיי זאָגען, איך בין קראַנק; ווער קראַנק? זאָג מיר נאָר איין וואָרט, אַז דו ביזט מרוצה, אַזוי שטעה איך אויף און ווער געזונט און פאָהר-אַוועק מיט דיר פון דאַנען, פון דעם וויסטען מאָזעפּעווקע! דו פאָלג מיך, לאָמיר פאָהרען, כל זמן ס׳איז נאָך

דא צייט. מע וועט אונז נאכפאהרען? ווער הערט זיי? אוי, לאמיר נאר ארויספאהרען פון דאנען, זענען מיר פריי, און נאכדעם וועט שוין זיין רעכט! איך וועל דיך אוועקפיהרען ווייט־ווייט פון דאנען, און דו וועסט זיין מיינע, אויף אייביג מיינע, מיינע! אסתר! אוי, אסתר, אסתר!

אסתר האט קיין צייט ניט געהאט אפילו אויף צו בעקלערען די דאזיגע לעצטע ווערטער אקוראט. עס האט זי עפּיס ווי צו־געצויגען צו איהם א שרעקליכער כח, און זי איז גרייט געווען אין דער מינוט זיך א ווארף טהון צו איהם אין די הענד אריין און אנטלויפען מיט איהם אין עק וועלט אריין. יענער פיינער יונג, דער שטן, האט זיך ווידער פערשטעלט פאר איהר אין א געשטאלט פון א גוטען מלאך, א מליץ־יושר, און האט איהר ווידער גענומען איינרוימען א סוד אויפ'ן אויהער: „נארישע, נארישע אסתר! אט האסט דו דיר דיין גליק פאר דיינע אויגען, דיין מזל איז ביי דיר אצינד אין די הענד! נעם קלויב דיר אויס איינס פון די ביידע: אדער א לעבען ווי אין גן־עדן, א זיס לעבען, א גוט לעבען, אין דער גרויסער פרייער וועלט, מיט א ליעבען, א גוטען פריינד, מיט איהם, מיט יוסילען, אויף תמיד, אויף אייביג... אדער א וויסט פינסטער לעבען אט דא, אין דער בלאטע, מיט אט דעם גראבען, אט דעם פאסקודניאק, מיט אלטערען, — נארישע, נארישע אסתר!"... דער גוטער נפש, דער שטן, מיט זיינע זיסע רעדעלעך, פון איין זייט, און יוסילע מיט זיינע פייעריגע אויגען, מיט זיינע ברענענדיגע ווערטער, פון דער אנדערער זייט, האבען כמעט איבערגערעדט אסתר'ען, כמעט גע'פועל'ט. נאך קיינמאל האט זיך איהר אזוי ניט געוואלט לעבען און גליקליך זיין, ווי אין די דאזיגע עטליכע מינוט. נאך קיינמאל האט די וועלט ביי איהר ניט געהאט אזא חן, ווי אצינד. אסתר האט געציטערט מיט אלע אברים. זי איז גרייט געווען צו לויפען אין דער וועלט אריין, צו פליהען אין הימעל אריין, צו פאלען אין דער שאול תחתיה אריין, פערלאזען, פערגעסען אלעמען און

אַלץ אויף דער וועלט — אַבי מיט איהם, מיט יוסילען!... און יוסילע האָט נישט אויפגעהערט צו רעדען איבער איהר וואָס ווייטער מיט מְעהר היץ. זיינע אויגען האָבען זי געבּרענט, דורכגעשטאָכען דורך און דורך. „אוי, אסתר, אסתר!“ — האָט ער אויסגעשריגען, אָבּער אַזוי שטיל, כמעט געשעפּטשעט. — „אוי, אסתר! אסתר!“ און האָט זיך אָנגעבּויגען צו איהר, אויסגעצויגען בּיידע הענד און זי געוואָלט אַרומנעמען. אסתר האָט איהם דערפיהלט אַזוי נאָהענט נעבּען זיך, אַז זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צוריק, אויפגעחאַפּט זיך פונ'ם בּענקעל און נישט ווילענדיג זיך אַ חאַפּ געטהאָן מיט דער האַנד בּיי'ם קאָפּ, בּיי'ם צוגעדעקטען קאָפּ... ווי אַ חלום, ווי אַ בּליץ, איז אַנטלאָפען פון איהר יענע שלעכטע מחשבה, און אסתר דאָס ווייבּעל, אסתר די אידישע טאָכטער איז איהר ווידער אויסגעוואַכסען פאַר די אויגען, און זי האָט דערזעהען נעבּען זיך די מאַמע...

— געהען מיר? — האָט צו איהר געזאָגט זלאַטע. — מיר האָבען זיך דאָס אַ בּיסעל פאַררעדט אָט דאָ! ניט אומזיסט זאָגט מען אויף אונז, אַז מיר האָבען אין זיך נייען מאָס רעד.

פאַר'ן אוועקגאַנג האָט זלאַטע געגעבּען דער חזנ'טע נאָך עטליכע רפואות פונ'ם חולה'ס וועגען, און בּריינע פון איהר זייט האָט געזאָגט, אַז מע זאָל קאָנען אויספיהרען, אַז שכנא דער שוחט זאָל נאָך היינט קאָנען אָפּשפּרעכען איין עין־הרע, וואָלט געווען גאָר איין אַנטיק אין דער וועלט.

שטעהענדיג שוין בּיי דער טיר, האָט אסתר אויסגעדרעהט נאָך אַ מאָל דעם קאָפּ אַהין, וואו יוסילע איז געזעסען אויפ'ן בּעט, און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען פון דערווייטענס, אַז זי זעהט דאָס פייערעל פון זיינע אויגען, וואָס קוקען אויף איהר ווי מיט גרויס רחמנות. עס האָט זיך אין איהר אַ ריהר געטהאָן דאָס הארץ, עס האָט זיך אין איהר דערוועקט אַ נייער מין געפיהל, אַ געפיהל פון אַ מענשען, וואָס האָט געזעהען אַ גע־

פאלענעם און האט איהם ניט געוואלט אויסציהען די האנד אויפ־צוהויבען איהם. עס האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז ער זיצט אליין אין דער אייגענער פאזע וואס פריהער, מיט אויסגעשטרעקטע הענד צו איהר, און זיינע טרויעריגע רעד קלינגען נאך אין איהרע אויהערען: „אוי, אסתר, אסתר!“... זי בלייבט שטעהן אויף א רגע ביי דער טיר. יענע שלעכטע מחשבה פליהט שוין ווידער דורך ביי איהר אין קאפ; יענער גוטער פארשוין וואכסט שוין ווידער אויס פאר איהרע אויגען מיט זיינע זיסע רעדעלעך: „צוריק, אסתר, צוריק, אט אויף דער מינוט שטעהט די וועלט! איין ווארט, קינד איינס, איין ווארט, געה־צו און זאג איהם דאס איינע ווארט, — זענט איהר ביידע גליקליך!“... — — — „מיט'ן קאפ אין דר'ערד, דו אשמדאי!“ — ענטפערט אין איהר איין אינווענינגסטער קול. — געה, ווייטער, האסט נישט געטראפען דעם ארט! א אידישע טאכטער טהוט דאס נישט! א אידישע טאכטער וועט גיכער א כפרה זיין, א קרבן פאר פרעמדע זינד, איידער אפטהון אזא מעשה, מיט א... און נאך איין אשת־איש דערצו! אנטלויף, אסתר, אנטלויף!!“... אסתר טהוט זיך אן א כח, מיט גוואלד רייסט זי זיך אויס פונ'ם „ניטגוטענ'ס“ הענד און געהט נאך דער מאמען צו זיך אהיים.

דורכגעהענדיג דורך דער „זאל“, האט זי געטראפען דעם גאנצען פריהעריגען עולם זיצען ביי'ם טיש און טענה'ן איבער אלטערען.

— טהו א קוק, — האט זיך אנגערופען איינער פון חתנ'ס צד, אנווייזענדיג אויף אסתר'ען מיט די אויגען. — טהו א קוק, אלטער, איבער וואסער א סחורה דו דינגסט זיך נאך אויף אזעלכע פופציג ווערימיגע שמארדאווענצעס!

ווי אויף הייסע קויהלען איז אסתר איבערגעלאפען דורך דער „זאל“, האט זיך ארייננגעחאפט צו זיך אין אלקערעל אריין, און

דאָרט, אויף איהר בעט, גאַנץ טיעף מיט'ן פּנים אין קישען, אויף אַ קלאָר־ווייס ציכעל, האָט זיך דורך הייסע־הייסע טרערען אויסגעגאָסען אַ ריין, לויטער הארץ פון אַ ריינער, איין עהרליכער, נאָר איין אומגליקליכער, זעהר איין אומגליקליכער, אידישער טאָכטער.

. . . .

. . . .

XXXII.

יוסילע סאָלאָוויי געפינט זיך אין אַ שענעם אופן, און לייזער בעל־עגלה שמועסט זיך אויס ווי אַ פילאָזאָף.

דריי וואָכען, שווערע, מורא'דיגע, האָט יוסילע סאָלאָוויי איבערגעלעבט, ליגענדיג אויפ'ן קראַנקען בעט. מע האָט זיך שוין גאָר ניט גערעכט, אז ער זאָל בלייבען לעבען. שמואליק האָט דאָס גאָר נישט געקאָנט פערשטעהן, וואו נעמט זיך עס ביי אַ מענשען אַזאַ כח אזוי פיעל וועהטיגען איבערצוטראָגען און אזוי פיעל אויסשרייען, וויפיעל יוסילע האָט אויסגעשריגען. „נעמט זי צו פון מיר, די קאַץ! — האָט ער געגוואַלדעוועט. — איהר זעהט זי דען ניט? זי קריכט צו מיר און וויל מיך אָננעמען ביי'ם גאָרגעל און דערשטיקען, דערוואָרגען מיך!“ איין אַנדערס מאָל הויבט ער גאָר אָן צו שריען: „גיט מיר אָפּ מיין אסתר'ען, זי איז מיינע!“ שמואליק פלעגט איהם ענטפערען דערויף: „וואָס שרייסט דו, נאַרעלע? אָט איז זי דאָך, אסתר. זי שטעהט

אַט דאָ מיט אונז, נאַרעלע!“ און ער אויף אַ קול: „אסתּר׳ען! גיט מיר אָפּ מיין אסתּר׳ען! וואָס לאָזט איהר זי אָפּ אַליין אין וואַלד? דאָרט איז דאָ אַ הונט!“... און איין אַנדערם מאָל פלעגט ער זיך צעזינגען אויף אַ קול, מאַכען חזנ׳ישע שטיק, פעררייסען דעם קאָפּ צו דער סטעלי און זאָגען: „איהר הערט, איהר הערט, ווי מע שפּיעלט אין קאָסטיאָל? אין קאָסטיאָל שפּיעלט מען גוט, מחיה נפשות, אי־אי־אי!“ און דערביי זיך וואַרפען און צאַפּלען, גאָר נישט צום אויסצושטעהן. טאַקי נאָר אַ טאַטע איז אימשטאַנד איבערצוטראָגען די צרות, וואָס שמואליק האָט איבערגעטראָגען פון זיין זוהן אין די דאָזיגע דריי וואָכען. ער איז ניט געשלאָפען קיין נעכט, כסדר געזעסען נעבען איהם, געלעגט איהם אייז צום קאָפּ. דער רופא, יודעל דאָקטאָר, אַ גרויסער מומחה אין מאַזעפּעווקע, האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ מין פייער ביי איהם אין קאָפּ, „וואָספּאַליעניע מאָזגאַ“ רופט זיך דאָס אָן בלשון הדאָקטאָריע, און ס׳איז, זאָגט ער, אַ מסוכן חולאת. וואָס האָט שמואליק נישט געטהאָן? געפּאַסט, געגאַנגען אויפ׳ן היילינגען אָרט צו זעלדען אויפ׳ן קבר, עטליכע מאָל בעשטעלט אין שוהל אַ מנין, מע זאָל זאָגען תהלים, ביז גאָט האָט איהם געהאָלפען, די שלאָפקייט האָט זיך איבערגענומען, און יודעל דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז וויבאַלד ער איז דאָס איבערגעקומען, איז ער שוין אַ מענש, העכער האַלב אויף ד ע ר וועלט. פאַר שמחה האָט זיך שמואליק צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, און אויף איהם קוקענדיג — אַלע אין שטוב; עס איז געוואָרען אַ יללה, ווי ביי איין אומגליק חלילה. אסתּר, וואָס פלעגט קומען עטליכע מאָל אין טאָג געוואָהר ווערען צו דעם חולה, דערזעהענדיג יוסילען זיצען אין בעט, האָט זי זיך אויך נישט געקאָנט איינהאַלטען, און עס האָבען זיך איהר אַ גאָס געטהאָן די טרערען מיט אַ מאָל, חאָטש דאָס פּנים האָט ביי איהר געלאַכט... אסתּר פלעגט זיך אַרויסחאַפּען אַלע מאָל צו דער מאַמע, געוואָהר ווערען צו די קינדער, איהרע ברידערלעך כלומרשט, און זיך אַריינ׳גנב׳ענען צו

שמואליק דעם חזן אין שטוב אריין, זיצען עטליכע מינוט, ביז אַלטער פלעגט שיקען נאָך איהר זי רופען אהיים. מיט וואָס פאַר א הארץ אסתר איז געגאַנגגען אהיים — ווייסט נאָר איין גאָט דעם אמת. „אסתר'על, פאַר וואָס טרינקסט דו נישט? — האָט זיך אַלטער צו איהר צוגעשמייכעלט. — למאי עסט דו נישט, אסתר'על?“ טאָג אז זי פלעגט דערלעבען, איז זי געווען גליקליך, שוין גיכער לויפען אהין, קומען און ווידער א מאָל לויפען אהין. „ביזט מיר עפּים זעהר איין אָפּטער גאַסט ביי דער מאמע, הארצעלע!“ — פלעגט איהר אַלטער זאָגען מיט א ליעבליך שמייכעלע, וואָס האָט זי געשניטען, ווי מיט א מעסער. — „איין אָפּטער גאַסט, נשמה'לע, ווערד נמאס, חע־חע! א בעל־הבית־טעלע באַדאַרף זיצען אינדערהיים, אכטונג געבען, אכטונג געבען!“ נאָר אסתר'ען האָבען די ווערטער אפילו נישט אָנגעהויבען צו ריהרען. איהר קאָפּ איז די גאַנצע צייט געווען פערנומען נאָר מיט איין מחשבה — יוסילע; נאָר איין זאַך האָט אסתר געוואָלט פון גאָט — יוסילע זאָל זיין געזונד! זיצענדיג שבת אין שוהל איבער דעם קרבן־מנחה, האָט אסתר בפירוש אין זינען געהאַט אויסבעטען ביי גאָט, מע זאָל איהם שענקען יאָהרען. ביינאַכט, ליגענדיג ביי זיך אויפ'ן בעט, האָט אסתר ניט איין מאָל געוויינט, געבעטען גאָט פאַר יוסילען: „געב איהם, גאָטעניו, כח! יאָהרען שענק איהם, רבונו־של־עולם, יאָהרען!“... און גאָט האָט צוגעהערט דאָס געבעט פון אסתר'ען, און יוסילע איז איבערגעקומען, די שלאָפקייט האָט זיך איבערגענומען, און צו גאָט א האָפנונג, ער וועט, אם־ירצה־השם, זיין געזונד. אסתר האָט נישט געהאַט קיין ווערטער, ווי אזוי אָפּצודאַנקען דעם רבונו־של־עולם פאַר זיין גרויס גענאָד, וואָס ער האָט דאָ געטהאָן. קומענדיג אהיים, האָט זי אַלטער דערזעהן, ווי זי שיינט און דאָס פנים לייכט איהר, — האָט ער זיך ממש מחיה געווען.

— אָט אזוי האָב איך ליעב, — האָט איהר אַלטער געזאָגט, פערקוקענדיג איהר אין פנים אריין מיט א ליעבליך שמייכעלע, —

אַט אַזױ באַדאַרף זײַן אַ װײַבעלע דרײַ װאָכען נאָך דער חתונה. פֿײַנטשיק, אַט אַזױ, אַט אַזױ!

אסתר האָט אָפּגעחאַפּט דעם װאָרעמעס, געזעסען די גאַנצע צײַט װי אױף שפּילקעס, זיך װאָרגענדיג מיט יעדען ביסען, און האָט קױם דערלעבט די מינוט, די רגע, װאָס זי האָט זיך געקאָנט אַרױסחאַפּען פֿון דערהײם. זינט יאָסילע האָט אױפֿגעלעבט, זיך אױפֿגעזעצט אױפֿ'ן בעטעל, איז מען שױן פֿון איהם נישט אָפּגעטראָטען אױף קײן מינוט. גוטע פֿרײַנד האָבען זיך צונױפֿגעקלױבען אַרום זײַן בעט און מע האָט איהם אױסגעפֿרעגט, װי אַזױ פֿיהלט ער זיך אַצינד אין זײַנע קרעפֿטען? װאָס האָט ער אַזױ גערעדט, געפּלאַפּלעט די גאַנצע צײַט? װאָס האָט זיך איהם אױסגעװיזען אַזעלכעס, װאָס ער האָט אַלץ געשמועסט פֿון פֿײגעלעך, פֿון קאַסטיאַלען, פֿון קאַרעטעס, פֿון הינד און פֿון קעץ וכדומה? װאָס איז די מעשה?... יאָסילע האָט אָבער נישט געענטפֿערט קײנעם אַ װאָרט; עפּיס איז ער געװען שטאַרק מרה־שחורה'דיג, און די אױגען זײַנע האָבען עפּיס געקוקט מיט אַ משונה טומפּיגען קוק...

— לאָזט איהם צורוה! — האָט זיך יודעל דאָקטאָר צעבײזערט און צעטריבען דעם עולם. לאָזט איהם צורוה! ער באַדאַרף האָבען „ספּאָקאָיסטװע“, און איהר דולט איהם דעם ספּאָדעק.

— װאָס־זשע טהוט מען איהם דאָ אַזעלכס? מע פֿרעגט איהם אַ צװײ װערטער, איז אײן אומגליק אַ גרױסער?

— עס איז דיר אָבער אײן אַנטיק מיט אַ אידען! — זאָגט יודעל דאָקטאָר שױן אין כעס. — האָסט דו געהערט אײן אַקציע? מע זאָגט אײַך, אַז ער באַדאַרף איצטער האָבען ספּאָקאָיסטװע, װי אַ קימפּעטאָרין נעפּריטשקאָס. רעדען װעט איהר מיט איהם שפּעטער. איהר גיט איהם בעסער עפּיס אין מױל אַרײַן, אַ גלעזעל טײ, אַ ביסעל יױך, אַ קאַפּ מילך, צי װאָס.

„דער חולה בעט עסען!“ — דאָס איז געווען פאַר איטליכען אזא בשורה, אַז אַלע מיט אַ מאָל האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן: „וואָס גיט מען איהם אין מויל אַריין?“ די חזנ'טע איז אַוועקגעגאַנגען צו די שכנים, טאָמער וועט זי קאָנען לייהען ערגיץ אַ פּערהעל עוף. שמואליק פון זיין זייט האָט גענומען אַרומלויפען איבער דער שטוב, זוכען עפּיס אַזעלכעס, וואָס מע זאָל קאָנען געבען דעם חולה אין מויל אַריין. און אסתר איז אַריינגעלאָפען צו זלאַטען און האָט אַליין מיט איהרע הענד צעלעגט אַ פייערל און צוגעשטעלט קאָכען אַ יאַיכעל. שטעהענדיג אַזוי ביי'ם פּריפּעטשיק מיט צונויפגעלעגטע הענד אויפ'ן האַרצען און קוקענדיג אויפ'ן פייער, ווי עס ברענט, און צוהאָרכענדיג זיך צום טעפּעל, ווי עס זידט, האָט זיך אסתר פערטראַכט און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט פריהער מיט אַ יאָהר צוויי־דריטהאַלבען איז זי אויך געשטאַנען דאָ ביי דעם פּריפּעטשיק, און דאָ ביי דער זייט איז געשטאַנען יוסילע — וואָס פאַר אַ חילוק עס איז פון דעמאָלט ביז היינט! וויפיעל נייעס האָט זיך איבערגעטהאָן, וויפיעל וואַסערען זענען איבערגעלאָפען, וויפיעל יסורים, וויפיעל צרות, וויפיעל וועהטיגען איז זי אויסגעשטאַנען אין די דריט־האַלבען יאָהר! זי וואָלט זיך גערעכט, אַשטייגער, דעמאָלט, ווען יוסילע האָט איבער איהר גערעדט, — אַז זי וועט אַצינד זיין איין אשת־איש, אַלטער'ס אַ ווייב? זי דערמאָנט זיך, ווי אַזוי יוסילע האָט זי דעמאָלט אָנגענומען ביי דער האַנד, זי לאַנג־לאַנג גע־האַלטען און געקוועטשט, און די אויגען האָבען איהם געגלאַנצט, געבלישטשעט דורך טרערען, און ער האָט איהר געשוואָרען, ער וועט אייביג־אייביג זיין דער איינענער יוסילע וואָס תמיד!...

„דער איינענער וואָס תמיד?“ — קלערט זיך אַצינד אסתר. — גאָט ווייסט, גאָט ווייסט!“ אין דער גאַנצער צייט, זינט יוסילע איז געקומען צו פאָהרען און איז געלעגען שלאַף, האָט זיך אסתר אָט דאָ דאָס ערשטע מאָל גענומען בעטראַכטען יוסילע'ס חפציות מיט זיינע אַלע געננג ביז אַהער. זי האָט גאָר קיין צייט נישט

געהאט א קלער צו טהון וועגען עפּיס אנדערש, א חוץ דעם, וואס יוסילע איז קראנק. איהר קאפּ איז געווען פערנומען דערמיט נאר: וואס טהוט יוסילע? ווי אזוי געהט די שלאפקייט? וואס זאגט עפּיס יודעל דאקטאר? וויפיעל גראד היץ האט ער? וויפיעל טעג בעדארף נאך געדויערען, ביז ער וועט אנהויבען צו שוויצען? וכדומה אזעלכע ענינים. מע קאן זאגען, אז אסתר איז אין יענער צייט איבערגעגעבען געווען אינגאנצען צו איין מחשבה: „יוסילע איז שלאף“ — און דאס איז שוין געווען גענוג, עס זאל ארויסשטויסען פון איהר קאפּ אלע אנדערע געדאנקען, ובפרט אז די מאמע, די מוהמע ברײנע, די מוהמע יענטעל און פיעל אנדערע גענימע האבען געשמועסט, אז ער איז זעהר מסוכן, אז באם חלילה עס וועט ניט איבערברעכען צו דער צייט און ער וועט, חס ושלום, ניט אפּשוויצען, איז ער א פערפאלענער... דערהערט אזעלכע דבורים, האט אסתר געפיהלט, ווי עס ווערד איהר קאלט אין אלע אברים, אין הארצען ווערד איהר משונה ענג און שווער און פינסטער אין די אויגען... און ווי גליקליך איז זי געווען, אז זי האט דערהערט, אז דער חולה שוויצט שוין, דאנקען גאט! „נאך א מין שוויצען! — זאגט יודעל דאקטאר. — א מין שוויצען! ווארט־צו, איהר וועט ערשט זעהען, וואס שוויצען הייסט! ביי מיר א חולה, אז ער געהט נישט אפּ מיט דריי עמער שווייס, הייסט דאס נישט געשוויצט, פארשטעהט איהר מיך!“ גאט ווייסט, אויב יודעל דאקטאר האט אמאל געהאט אזא אמת'ען גוטען פריינד, ווי אסתר איז איהם געווען אין יענער מינוט פאר זיינע טייערע, זיסע ווערטער! און ווער שמועסט אצינד, אז יוסילע האט זיך אויפגעזעצט און בעט שוין עסען! — „א דאנק דיר, א דאנק דיר, גאטעניו! — א דאנק דיר, ליעבער, הארציגער, געטרייער פאטער!“... פּלוצים עפּענט זיך די טיר צו זלאטען אין שטוב אריין און עס שטעקט זיך אריין א קאפּ פון א נקבה, פערפּוצט מיט א מאדנע הימעלע און מיט א וואואל איבערגעצויגען, און מאכט אזוי:

— דאָ זיצט שמואליק דער חזן?

— דאָ, אין דער אַנדערער האַלב. קומט, איך גייה אויך אַהין, — ענטפערט אסתר, און נעמט דאָס טעפּעל יויך אין ביידע הענד און גייט מיט איהר צו שמואליקען.

— וואָס מאַכט ער, שמואליק דער חזן? — פרעגט יענע, גייענדיג מיט אסתר׳ען.

— וואָס זאָל ער מאַכען? — ענטפערט איהר אסתר. — געזונט, דאַנקען גאָט, מע לעבט, נאָר קיין צרות איז מע ניט זשעדנע.

— געזונט? — מאַכט יענע, חידוש׳ט זיך, בעטראַכט דערביי אסתר׳ען און קלערט בשעת מעשה: „וואָס פאַר אַ שען ווייבעל דאָס איז!“ — יוסילע האָט דאָך מיר פאַר׳ן אַוועקפאָהרען געזאָגט, אַז שמואליק איז שטאַרק שלאַף, גאָר מסוכן.

— האַ? — זאָגט אסתר, אַנקוקענדיג יענע פערוואונדערט, און עס פליהט דורך ביי איהר אין קאָפּ אַ מחשבה: „ווער קאָן דאָס זיין אָט דאָס ווייבעל?“ — ניין, איהר האָט אַ טעות: דאָס איז יוסילע געוועזן מסוכן, ניט שמואליק.

— יוסילע!!? — טהוט יענע מורא׳דיג אַ געשריי. אסתר בעט זי, זי זאָל זיין שטיל, מחמת אָט איז די טיר און אָט איז ער, דער חולה אַליין.

אסתר געהט אַריין מיט׳ן טעפּעל אין די הענד, און יענע נקבה לויפט פאַר איהר, אויסגעשטרעקט ביידע הענד אויף צופריהער; נאָר זיי בלייבען ביידע שטעהן אין מיטען שטוב, ווי די העלצער, גישט ווייסענדיג וואָס מיט זיי טהוט זיך. אויסגעדרעהט מיט׳ן פנים צו דער וואַנד, זיצט יוסילע סאַלאָווי אויפ׳ן בעט און זינגט, מאַכט חזנ׳ישע העוויות, אונטערהאַלטענדיג זיך מיט׳ן גראָבען

פינגער אונטער'ן גארגעל, אויפ'ן אלטען חזנ'ישען שטייגער, און דער גאצנער עולם ארום־און־ארום שטעהט פערגאפט, פערציטערט, פערשטוינט און צעמישט, נישט וויסענדיג וואס דאס בעטייט... דאס זינגען יוסילע'ס איז משונה ווילד, מורא'דיג זיס און שרעקליך טרויעריג; עס לאזט זיך הערען ווי מיט א זיפץ פונ'ם הארצען, עס צעגעהט זיך אין אלע גליעדער און ריהרט אן ביז דעם מארך פון די ביינער; עס האט נישט קיין געשטאלט, קיין סדר פון קיין זינגען, נאר עס גיסען זיך גלאט זעלטענע קולות, נים קיין געוועהנליכע, גאר נישט קיין מענשליכע, נאר צוקערזיסע, גלאטע און ווייכע, נאר ווילדע, משוגע'נע קולות. פלוצים לאזט ער אויס מיט א מין שרעקליכען קרעה: „קו־קא־רי־קו!!!" און צעלאכט זיך מיט אזא ווילדען, הילכיגען „חא־חא־חא!", אז עס שטעלען זיך ביי איטליכען די האר קאפויר, און מע שטעהט, ווי געלעהמטע, קוקענדיג איינס אויפ'ס אנדערע.

— א? זי איז דא, די קאץ! די קאץ!! — שרייט אויס יוסילע, אנווייזענדיג מיט דער האנד אויף יענער נקבה (עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז געוועזן פערעלע זיין ווייב). — איהר זעהט? זי איז שוין ווידער דא! זי איז שוין ווידער דא!! חאפט זי! טרייבט זי! יאגט זי!! זי וויל מיך דערווארגען, דערשטיקען!! וואס שווייגט איהר? האו־האו־האו!!!

און יוסילע שפרינגט אראפ א האלבנאקעטער פון בעט און וויל זיך לאזען לויפען צו פערעלען, וואס שטעהט הינטער אסתר'ען און האלט זיך אן מיט בײדע הענד אין יענער'ס פלייצעס, און זיי ציטערען ביידע, ווי די לעמלעך. יודעל דאקטאר לויפט־צו צו איהם, נעמט איהם אן פאר ביידע הענד און וויל איהם צוריק אנידערזעצען אויפ'ן בעט. נאר יוסילע לאזט זיך נישט. ער ראנגעלט זיך מיט איהם און רייסט זיך אויס פון זיינע הענד. ער לויפט־צו צו אסתר'ען, חאפט־אויס ביי איהר פון די הענד דאס טעפעל זודיגע יויך און גיסט־אויס אויף יודעל דאקטאר.

— ער איז געריהרט! — שרייט אוים יודעל דאָקטאָר. — וואָס שטעהט איהר, ווי לעהמענע גולמס? נעמט בינדט איהם, קרעמפּעעווט איהם! איהר זעהט דאָך, אַז ער איז פונ'ם זינען!!!

. . . .

. . . .

אין עטליכע טעג אַרום האָט שמואליק דער חזן נעבאַך אַליין געמוזט בינדען זיין זוהן, איהם „קרעמפּעווען", ווי יודעל דאָקטאָר האָט געהייסען, און אָפּפיהרען איהם קיין מאַקאַרעווקע צום רבי'ן. וועד עס האָט ניט אָנגעקוקט דעמאָלט שמואליקען אינ'ם ציצען חלאַטעל מיט דער גרינער שאַל אויפ'ן האַלז, צוהאַלטענדיג יוסילען מיט ביידע הענד, ער זאָל זיך פון בויד נישט אַרויס-ווארפען, — ווער עס האָט דאָס אַלץ נישט געזעהען, דער בעדאַרף לעבען מעהר מיט צעהן יאָהר. „אַ מענטש באַדאַרף זיך טאַקי איבערנעמען!" — האָבען געשמועסט די, וואָס האָבען בעגלייט די דאָזיגע אומגליקליכע פאַרשווינדלער.

לייזער בעל-עגלה האָט זיך ניט גערעכט, אַז אין דער אייגענער בויד, וואָס ער האָט מיט אַ חודש פריהער געבראַכט יוסילען אַ פרישען, אַ געזונדען, וועט ער איהם דאַרפען פיהרען צוריק אין אַזא אופן. ער האָט זיין גאַנץ ביטער האַרץ אויסגעלאָזט צו די פערדלעך נעבאַך, און געהענדיג מיט שמואליקען צרפּוס אַרויף אַ באַרג ביי דער זייט פון וואָגען, האָט לייזער געהאַלטען אַ גאַנץ לאַנגע דרשה, אויסלאָזענדיג מיט די דאָזיגע ווערטער:

— הערט איהר, רב שמואליק? ס'איז דאָך נאַריש; אונזער בעל-עגלה'שע פרנסה ווייסט איהר דאָך מסתמא; ווי זאָגט ער, מע זעהט זיך איבער אַ וועלט מיט מענטשען אַלערליי; מע פאָהרט, מע לויפט, דער אהער, דער אהין, ס'איז אַ יריד! איך שווער אייך, מעגט איהר מיר גלויבען, איך בין שוין אַ איד פון

אייניקלעך, זאָלען געזונט זיין, ווי זאָגט ער, א זיידע; אז מע וויל זיך נאָר רעכט באַטראַכטען, ווי עס געהער צו זיין, זעהט מען ערשט ארויס, אז ס'איז א פּאַסקודנע וועלט; פע, כלעבען!

עפּילאָג.

— איך וויים גאָר נישט, וואָס מיין אסתר איז אזוי נים מיט אַלעמען! — זאָגט זלאַטע, זיצענדיג אין מארק מיט א גאַנץ רעדעל ווייבער קרעמערקעס, און איהר שוועסטער יענטעל אויך אין מיטען. — פון נאָך איהר חתונה זעה איך פון איהר נישט קיין פריילינבע מינע. זי געהט אַלץ צוריק און צוריק. איך וויים? אזא לעבען, ווי זי האָט ביי איהר מאַן — קיין עין־הרע ניט! וויים איך, וואָס דאָס איז?

— א נייעס א ביסעל! — רופט זיך אָפּ איינע פון'ם רעמעל. — אַלע ווייבלעך זענען אזוי: כל זמן א מיידעל, איז דאָס א גאַנצער קאָזאַק; קוים האָט עס חתונה, וועהרט עס אָן דעם גלאַנץ מיט'ן קאַליר. עס ווערד א שמאַטע, נאַט אייך א גראָשען פאַר אינגאַנצען!

— און איך זאָג אייך, — מאַכט די אַנדערע — אז ס'איז נאָר פּאַסטעווקעס און געגוג! מיין יונגערע שנור, איהר געדענקט איהרע באַקען? זי איז נאָר פאַרגאַנגען אין טראָגען, איז זי געוואָרען, וואו איך האָב ערגיץ א שונא! ס'איז פּאַסטעווקעס, זאָג איך אייך.

— נעפריטשקאָם! — רופט זיך אָפּ די מוהמע יענטעל. — פון אייער מויל אין גאָט'ס אויהערען; שענע פּאַסטעווקעס! אז איך וועל זעהען, וועל איך איהם זאָגען!

— וואָס־זשע גלויבסט דו זיך דאָ ניט אַזוי? — שלאָגט איהר איבער איין עלטערע אידינע. — מיר האָבען שוין אַזעלכע זאַכען געזעהען. אַ ווייבעל זיצט אָפּ יאָהרען אָהן קינדער און, אַז גאָט העלפט, הויבט זי אָן קינדלען, שיט און שיט, ווי אַ קוואָטשקע. גאָט קאָן נאָך העלפען, זלאַטע, איבער אַ יאָהר אויף אַ ברית.

— אָמן! — ענטפערט יענטעל. — אַ קאַץ וואַשט זיך, אַ גוטער פריינט בענטשט...

קיינער ווייסט ניט, וואָס אסתר'ען איז אַזעלכעס. מע זעהט נאָר, אַז וואָס אַ טאָג דאַרט זי, טריקענט און צאַנקט ווי אַ ליכט. אַלטער קאַרגט ניט קיין האַלב־קערבעל: ער שיקט רופען דעם רופא. יודעל דאָקטאָר בעטראַכט זי און זאָגט: „זי איז פּראָסט ניט געזונט; עס טהוט איהר וועה „די בלאַט“ פונ'ם האַרצען און סע שפּאַרט איהר אונטער'ן לעפעלע“. ער גיט איהר טרינקען טראָהן, „שאַלווי“, „ליפּאָווע צוויט“ און אַנדערע קרייטער, און הייסט איהר נישט קיהלען דעם הוסט. „אַ הוסט, זאָגט יודעל, אַז מע קיהלט איהם צו, איז זעהר ניט גוט!“ ער הייסט איהר טרינקען אַ סך מילך, עסען פּוטער אַ סך און האָבען שטענדיג ביי דער האַנד גוטע „נאַסטאָיקע“, הכלל — זיך אָנטהון וואוילטאָג. אסתר אָבער טריקענט אַלץ, צאַנקט ווי אַ ליכט, און קיינער ווייסט ניט, וואָס איהר איז...

שמואליק דער חזן ליגט שוין לאַנג אויפ'ן נייעם בית־עולם. עס איז צוגעקומען אין מאַזעפּעווקע נאָך עטליכע הונגעריגע נפשות, אַ וויסטע אַלמנה מיט עטליכע פּיצלעך קינדער. געוועהנליך, לאָזט מען זיי ניט פאַלען: זלאַטע'ס עלטערע שוועסטער ברײנע האָט גענומען אַ פּאַטשיילע און איז נאָך מיט אַ אידינע אַ גבאי'טע ארויסגעגאַנגען אויף דער שטאָדט מאַכען אַ נדבה פאַר דער אָרעמער חזנ'טע מיט איהרע קינדערלעך.

פערעלע די דאַמע איז געבליבען איין אַלמנה חיה. נאָר מע זאָגט, אַז זי לעבט דווקא גאָר ניט שלעכט; געלד האָט זי און

פאהרט אלע יאהר קיין פראנצענסבאד... איהר פאטער, מאיר זייטשיק, איידער ער רייסט ארויס ביי איהר א הונדערטער, קומט איהם אן שווערליך: „ווי ביי א הונט פון די ציינער" — זאגט מלכה זיין ווייב.

לאה׳צי די פאקאיאווע האט אויך נישט גוט אפגעשניטען פון איהר ליעבע. איהר חתן לוי־מאטעל מיט די לאנגע הויזען, מיט די שטיוועל און „גאליאשען", האט מיאוס אויסגענארט ביי איהר די עטליכע גראשענס און זיך געקריגען איין אנדער כלה, נימ קיין געשטופעלטע ווי זי, און לאה׳צי נעבאך האט אפגעדיענט נאך א יאהר דריי און האט חתונה געהאט פאר א שוסטער. יענע העכסט־אינטערעסאנטע „ראמאנסען" האט זי שוין לאנג פערגעסען. זי לעבט אצינד גאנץ נישקשה׳דיג, איז זיך אליין א בעל־הבית׳טע. עס פעהלט איהר נאר א קוה. זי האט אפילו געפרובט אוועק־שרייבען צו דער „מאדאם" א גאנץ גרויסען בריעף און בעטען, זי זאל איהר בעהילפיג זיין, נאר זי האט נישט קיין תשובה פון דארטען עד היום נאך.

— פרוב, געה זיך דורך נאך א מאל צו הענזעל דעם שרייבער, — זאגט צו איהר העניך, דער מאן איהרער, — לאז ער דיר אנשרייבען איין אנדער בריוועל. אפשר איז דארט ווינציג געוועזן אנגעשריבען?

רב קלמן שדכן לעבט נאך. ער איז שוין זעהר אלט און טויב ווי די וואנד, נאר עס פלאנטען זיך איהם נאך אין קאפ שידוכים פערשיעדענע. עס חלום׳ען זיך איהם נאך בחורים פער־זעסענע מיט מיידלעך דערוואכסענע, מיט אלמנות און גרושות אהן א שיעור.

גדליה באס פאהרט דארט ערגיץ ארום מיט די שעדליצער חזנים. ער קוקט־ארויס, טאמער וועט איהם גאט צושיקען עפיס א מין אנטיקעל, ווי יוסילע סאלאוויי. עס האבען זיך שוין אבער אויסגעלאזט די גליקען, און אזעלכע אנטיקען, ווי יוסילע, איז היינטיגע יאהרען שוין נימ צו בעקומען.

די שטאָדט סטרישטש שטעהט אויף איהר אָרט, און בערעל־אייזיק איז דאָרט היינט אַ איד אַ בעל־הבית פון איין אייגענער שטוב מיט אַ גאַנץ פיין קלייטעל. ווינטער טראָגט ער אַ שענעם פעלץ מיט פיקסען, און אין קלויז האָט ער אַ שטאָדט אין מזרח. ער איז דאָרט גאָר אַ גאַנצער יש: „סטייטש, בערעל־אייזיק!“...

* * *

אין דער אידישער שטאָדט מאַקאַרעווקע האָט מען אַ צייט מיט יאָהרען געקאָנט בעגעגענען אין שוהל און אין גאַס אַ הויכען, אַ דארען יונגענמאַן, מיט לאַנגע שיטערע האָר, מיט אַ גרויסען געלען טלית־קטן אויפ'ן צעהראַסטעטען הארצען און מיט אַ מאָדנעם קאַפּעליש אויפ'ן קאָפּ; דער האַלז תמיד פערבונדען מיט אַ וואַרעמער פאַטשיילע, אויף די אויגען אַ פּאָר בלויע ברילען און אויף די פיס איין שוך און איין שטיוועל. זיין עובדא איז געווען אַריינקומען אין אַ שטוב אַריין, נישט רעדען קיין וואָרט, זיך שטילערהייד וואַשען, זאָגען „שאו ידיכם“, זיך זעצען צום טיש און וואַרטען, ביז מע וועט איהם דערלאַנגען עפּיס עסען. נאָכדעם אָפּבענשען, אויפשטעהן און אַוועקגעהן אָהן ווערטער. זעלטען האָט זיך געמאַכט, ער זאָל אויסרעדען מיט עמיצען אַ וואָרט. נאָך מעהר זעלטען פלעגט זיך טרעפען, אַז ער פלעגט זיך אַוועקשטעלען מיט'ן פּנים צו דער וואַנד און פּלוצים זיך צעזינגען, אָבער אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, מיט אַזוי פיעל הארץ און אַזוי בריה'ש, אַז ניט איין מאָל פלעגען מענשען, פאַרביי־געהענדיג, אַוועקוואַרפען אַלע געשעפטען, זיך אָפּשטעלען און האָרכען, ווי דער משוגע'נער פּראָוועט חזנות, שטעלט אויס אַ „ועל־המדינות־בו־יאָמר“, אַז ס'איז אַ מחיה נפשות, זאָגט „יעלות“, אַז עס צעגעהט זיך פּשוט אין אַלע אברים. נאָר עס האָט זיך זעהר זעלטען געטראָפען, אַז ער זאָל אָפּזינגען ביז'ן סוף, ווי אַ מענש; סאַמע אינמיטען זינגען, פערקאַטשענדיג זיך אויפ'ן האַלז און צעשיטענדיג זיך אין דריבנע טרעלען, — פלעגט ער זיך

פלוצים צעלאכען, אנהויבען מיאאוקען ווי א קאץ, האווקען ווי א הונד, אדער א פאטש טהון מיט ביידע הענד, ווי א האהן מיט די פליגעל, און אויסשרייען אויף א משונה־נאריש קול: „קוקא־ריקו!!!“ אזוי, אז אלע פלעגען בלייבען טוידט פאר שרעק. ווייבער האבען געקוקט אויף איהם, געשאקעלט מיט׳ן קאפ, אויס־געווישט זיך די פערוויינטע אויגען און געקרעכצט אויף א תחינה־קול: „משטיינס געזאגט געווארען, אויך מיר א גאט׳ס באשע־פעניש, א זינדיגער מענטש, דערבארעמיגער פאטער! נעמט אייך אראפ א מוסר, אידישע קינדער! אזא כלי — און עס ליגט אין איהר א דבוק, נים דא געדאכט, נים פאר קיין אידען געדאכט! אך און וועה איז דער מאמע אדער דעם טאטען דארטען! זאלסט מיך שטראפען ליבערסט מיט׳ן טוידט, איידער מיט אזא שטראף, ליעבער גאט!“... אידען האבען אויף איהם שטארק רחמנות געהאט, פלעגען איהם תמיד געבען עסען און טרינקען, אמאל איין אלט העמד, איין אפגעניצעוועט מלבוש, אמאל א גראשען. נאר פון יונגלעך, קונדסים, פלעגט דער משוגע׳נער לײדען נעבאך, האבען צרות אויפ׳ן פוד. ווייסע־חברה׳ניקעם פלעגען איהם נאכ־לויפען טיטשקעסווייז, איהם דעקוטשען, שטורכען און קנייפען, צופען און שנעלען אין נאז אריין און שרייען אויף א קול: „סאלאוויי! וואס ביזט דו — א סאלאוויי, צי א האהן, צי גאר א טשערנאהאז? זינג אונז עפים, טשערנאהאז!“ ער האט דאס אבער אלסדינג איבערגעטראגען קאלטבלוטיג, אפילו זיך קיין קנייטש נים געטהאן, קיינעם נישט געענטפערט דאס צווייטע ווארט, און אליץ געגאנגען דעם קאפ פעררים אראפ, קוקענדיג אויף אלעמען דורך די בלויע ברילען מיט גרויס גדלות, גלייך ווי די גאנצע וועלט איז זיינע...

עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז געווען יוסילע סאלאוויי.